STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01264

DOS GEVET

Noah Prilutski

Permanent preservation of this book was made possible by
by David K. Scheer, M.D. in memory of Morris & Bessie Scheer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח פּריל̈וצקי

דאס געװעט

דיאַל̈וגען װעגען שפּראַך און קול̈טור

פֿאַרלאַג „קול̈טור־ליגע“ װאַרשע

דאָס בוך איז געדרוקט פֿון מאַטריצן, צוגעגרייט
דורכן מחבר. געדרוקט איז 1500 עקז.
ווארשע 1923 „די וועלט“, נאָוואָליפּיע 7

N. PRYŁUCKI - DOS GEWET

Warszawa Wydawn. „Kultur-Lige“
Druk. „Di Welt“, Nowolipie 7

ערשטער באַנד

ערשטער דיִאַלאָג

סענדער. — זײַ מיר מוחל, וואָס כ'וועל דיר שטערען אין דער אַרבעט, דערצו נאָך אַזוי שפּעט...

קלמן. — וואָס איז דער מער?

סענדער. — ביסט דאָך עפּעס אַ פילולוג — פאַרענטפער מיר אַ שאלה: איז לוקשען[1] אַ יידיש וואָרט? — איך דאַרף דאָס וויסען מיט'ן לעבען.

קלמן. — מיט'ן לעבען?!

סענדער. — ס'איז אַ געוועט... מיר זענען היינט זאַלבע-דריט געווען אַף קוליאַציע...

קלמן. — מיינסט אַוודאי: אַף נאַכטמאָלצײַט[2]...

סענדער.—אַ פיין וואָרט, כ'לעבען... ווו הוסטו דאָס גענאַשט?

קלמן. — אין אַ שונדביכעל: „די בייזע מומע אָדער די שלעכטע שוועגערין", „אין העכסט אונטערהאַלטענדער ראָמאַן אין צוויי טייל", „פערפאַסט פאָן משה מאַראַחאָווסקע" (וואַרשע 1883).—ז' 46: „דער קוזין מיט זיין פרוי זיצען אין עסין נאַכט מאָלצײַט"... — אַ זייטעל ווייטער אפילו: „די וועטשערע[3] האָבען מיר שוין אָפּ גגעסין"... ... הייסט עס, זענט איר געווען זאַלבעדריט אַף נאַכט-מאָלצײַט?

סענדער.— בערעל, אברהם און איך. אברהם הוט לא עלינו אַביסעל צו טון מיט'ן מאָגען, הוט ער זיך געהייסען געבען זופּ. מ'דערלאַנגט: אַ טעלער מאָגערע יויך, און אַפ'ן דנו[4]...

קלמן. — אַפ'ן דעק[5], ווילסטו געווים זאָגען, אָדער אַפ'ן בודעם[6], ווי די פּוילישע יידען רופען דאָס...

סענדער. — זול זיין ווי דו זאָגסט... שווימען עטלעכע שווינד-זיכטיקע לוקשען... אברהם נעמט אַ לעפעל אין מויל אַריין, פאַרקרימט זיך און רופט זיך אָן: „ערשט יעצט זע איך, אַז לוקשען זענען אַנ' אמת יידיש מאכל: יידען קוכען דאָס, קען מען עס עסען; דאָ הוט עס דעם מינדסטען טעם נישט."

בערעל איז דוך אַ „משה־קאַפּויר“[7], ווײַל ער דווקא פּונקט פאַרקערט: אויב אין אַ קריסטלעכער גאָרקיך קוכט מען לוקשען, איז עס אַ סימן, אַז דאָס געריכט איז נישט בלויז ייִדיש; מער נישט: די ייִדען מאַכען דאָס בעסער.

געהערט אַ מעשה! — לוקשען מיט יויך — דאָס טראַדיציאָנעלישע ייִדישע געריכט. פרײַטיקצונאַכטס, ווען די בענטשליכט ברענען אין ריין אויסגעפּוצטע לײַכטער, און דער טיש איז געגרײַט מיט פאַרצעלײַענע טעלער און די קוליטשען איבער־גערעקט מיט אַ געשטיקט טישטעכעל... געדענקסט די אידיליע אין „פּישקע דעם קרומען“?[8]

כלמן. — פּישקע דערציילט דורטען: „איך הוב באַ איטלעכס שטיקעל פיש, באַ איטלעכען זופּ לוקשען, באַ איטלעכען ביסען פלייש און צימעס מיך דערמאָנט אין איר, ווער ווייסט, אויב זי נעבעך הוט דורט אַזאַ ווויליטיק ווי איך“...[8]

סענדער. — י. ל. פּרץ אין „פאַרשטערטען שבת“[9]: „האַלב שבת! אַ בערגעל מיסט באַ דער טיר — צום אַרויסוואַרפען די לוקשען ליגען אָפּגעשווענקט אין שיסעל, מ'דאַרף זיי נור באַגיסען מיט אַ לעפעל יויך, זיי זולען זיך נישט צוזאַמענקלעבען“...

כלמן. — אין „ווינטשפינגערעל“: „דער מאַנדעטניק איז שוין נישט מער קיין הונט, ער איז אַ פּרינץ, עפּעס הוט ער באַקומען אַ נײַע נשמה, אַ נײַע הויט. ער מאַכט קידוש, וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש, דאָס ווײַב די פּרינצעסין און די קינדער אַרום אים, מ'שטופּט דעם גאָפּעל, דעם לעפעל און מ'כאַפּט אַ שטיקעל פיש, אַ לוקש, אַ בײַנדעל, אַביסעל צימעס — אַזעלכע מאכלים, וואָס מ'הוט עס אַ גאַנצע וואָך אין די אויגען נישט געזען“...[10]

סענדער. — אין דער הקדמה צו „שלמה רב חיים'ס“: — „איז עס דען ווו געהערט געוואָרען, אַז אין אַ געוויסער שעה, פרײַטיקצונאַכטס, אַ שטײַגער, זול אַ פולק ייִדען עסען פיש, לוקשען און צימעס?“[11]

נו, און נאָך דעם אַלעם זולען „לוקשען“ נישט זײַן אַ ייִדישע איינגענטימלעכקײַט און אַ ייִדיש וואָרט?![12]

בערעל איז אובער אַנ'עקשן. ניין און ניין.

כלמן. — וואָס זענען זײַנע אַרגומענטען?

סענדער. — קוים, זאָגט ער, איז „לוקשען" נישטאָ אין דײַטשישען ווערטערבוך, איז עס נישט קיין יידיש וואָרט.

איך ווײַז אים אויף: גאָר איינער, אוט זע: „עס ניט די לוקשען פאַר שבת!", וואָרענט אַ יידיש גלײַכווערטעל[13] (ד. ה. באַנוץ נישט קיין זאַך פאַר דער צײַט); אַן׳אַנדער גלײַכווערטעל דערציילט פון אַ באַלעבאָסטע אַ שלימעזאַלניצע, אַז זי הוט אַמאָל אויסגעשריגען: „איבער די זינדיקע לוקשען הוב איך די ליבע הײַליקע שול פאַרגעסען!"[14]; ווען איינער קומט צוריק פונ׳ם וועג מיט אַ פאַרשפּעטיגונג און „מאַכט אַ שניט אין שבת", ווי מ׳רופט עס, הײַסט עס: „ער איז געקומען מיט׳ן דישעל אין די לוקשען אַרײַן"[15]; ווען באַ אַ זאַך איז דאָ אַסאַך צו טון, און ממשותדיקס הוט מען ווייניק דערפון, זאָגט מען[16]: „אַסאַך זמירות און ווײַניק לוקשען"[17].

קען דען געמאָלט זײַן, אַז אַ געגענשטאַנד און זײַן נאָמען, וואָס זענען אַזוי געקניפּט און געבונדען מיט׳ן שבת־קודש, זאָלען זײַן נישט־יידיש?!

כלמן. — דער חסידישער רבי אין ישראל אַקסענפעלדס „געגאַרטער וועלט"[18] עסט „לוקשען מיט יוד" אויך אין אַ מיטען וואָך...

סענדער. — נוך בעסער! אי שבת אי אינדערוואָכען, איז עס דוך מכלשכן אַ יידישע זאַך!

כלמן. — כאַפּ נישט, ס׳איז נישט קיין הײַסע לוקשען! — זאָגט מען אין קרעמעניץ איינעם, וואָס איז אַזוי אומגעדולדיק ווי דו.

סענדער. — נוך אַ ווערטעל מיט „לוקשען"!

כלמן. — פאַראַן מער... „אוט אַזוי קוכט מען לוקשען!", זאָגט מען קאַטאָוועסדיק, ווען מ׳הייבט אָן צו פאַרשטיין אַ זאַך, וועלכע מ׳הוט זיך פריער נישט געקענט דערקלערען[19]. — כ׳הוב אַמאָל געפרעגט אַ ייד אויס דרויע, ווען טרעפט מען אים אינדערהײַם, הוט ער מיר

געענטפערט: „כ׳ זאָל אַזוי וויסן פון בייזע לאָקשען!“ — וועגן אַ נאַיווען, וואָס נעמט אַלץ אָן פאַר ריינעם אמת, זאָגט מען אין קרעמעניץ און אין אַנדערע שטעט: „ער מיינט, ס׳איז תורת לאָקש“; „ער מיינט, אַז דאָס, וואָס דער און דער האָט אים געזאָגט (אָדער וואָס מ׳האָט אים געשריבן; דאָס, וואָס ער האָט געלייענט וכו׳) איז תורת לאָקש“. ערגעץ אַנדערש הייסט עס: „תורת לאָקשען“[20].

„לאָקש“ איז דאָס ערשטע גליד אין עטלעכע טיף־יידישע צונויפגעשטעלטע ווערטער.

„לאָקשענטאָפּ“[21] הייסט אין אַ סך יידישע קאַנטן די כלי, אין וועלכער מ׳באַקט דעם קוגל, — אפשר דערפאַר, ווייל דער באַליבטסטער פון אַלע מינים דאָסדוזיקע געריכט איז דער לאָקשענקוגל[22]... אין קרעמעניץ פרעגט מען אַף קאַטאָוועס קליינע קינדער: „פאַרוואָס איז אַ לאָקשענטאָפּ אויוועון ברייט און אונטען שמאָל, עלעהיי וואָלט ער געווען אונטען שמאָל און אויוועון ברייט?“ מ׳זאָגט דאָס גיך, דאָס קינד כאַפּט זיך נישט און פאַרענטפערט די קשיא: „דער קוגל וואָלט נישט געקענט אַרויס!“

אין וואָסער יידישער שטוב איז נישטאָ קיין לאָקשענברעט[23], אויף יענער וואַרשטאַט, אַף וועלכען מ׳קנעט דאָס טייג, מ׳וועלגערט אויס אַ לאָקשענבלאַט און מ׳ברוקט לאָקשען[24], פאַרפעל וכ׳? — אַז מ׳טרעט אַ וואַרשעווער יידען אָן אַפ׳ן פוס און מ׳זאָגט אים „פּשעפּראַשאַם!“, ענטפערט ער: „פּשעפּראַשאַם איז אַ לאָקשענברעט!“ — און גיי, פאַרשטיי, פאַרוואָס!

איינער פון מרדכי ספעקטורס פערסאָנאַזשען[25] טראָגט אין פאָרטאַבאַק „אַביסעל לאָקשענטאַבאַק“.

„לאָקש“ איז אַף יידיש נישט בלויז מאַקאַראָן. דער זוקאַבעל האָט באַוויזן אָנצונעמען אין דער יידישער גאַס אויך אַנדערע טייטשען.

„לאָקש“ הייסט אַ לאַנגער אויסערגעוויינטלעך מאָגערער מענטש, מיט אומנאַטירלעך לאַנגע הענט און פיס. מ׳זאָגט נאָך שטאַרקער: „אַ לאַנגער לאָקש“. דערמיט ווערט שוין אויך

געמיינט, אַז ער איז „ניט קיין גרויסער חכם און ניט קיין קלײנער נאַר".[26]

„ל ו ק ש" הייסט אין ווילין בכלל אַ שוטה, אַ לעקעש,[27] אַ לעמעשקע,[28] אַ יוקטון,[29] אַ מעגעגע,[30] אַ שמוינער,[31] אַ שמענדע-פיגוצקי[32], אַ פּעטעך[33], —און איינער פון די קלאַסישע טיפּען, וואָס דער יידישער פאָלקסהומור, וועלכער שוינט גאָרניט, אַפילו די כלי-קודש ניט, האָט באַשאַפען, דער טיפּ פון אַ רב אַ טיפּש, הייסט: „ר' י ו ס ף ל ו ק ש אוים דראַזשנע אין פוילען"...

סענדער. — אַזוי הייסט אַן'אויסגעצייכענט פאָלקסביכעל[34], וועלכעס כ'האָב אַמאָל געלייענט.

קלמן. — „ל ו ק ש" קומט-פאָר אין אינטערעסאַנטע ספּעציפיש יידישע רעדענסאַרטלעכע אויסדרוקען.

אין מענדעלע-מוכר-ספרימס „קליין מענטשעלע" (ווילנע 1879), אַף ז' 62 לייענען מיר: „אַזוי יונג און קען שוין צונויפפּירען פּלוטקעס ל ו ק ש ב ו י ד ע ם פּ ו ל ע צ ע!" — „לוקש, בוידעם פּולעצע" איז דאָ דאַסאייגענע, ווי „זאַכען, וואָס ניט נעשטויגען ניט געפלויגען"; „זאַכען, וואָס קלעבען זיך ניט איינס צום צווייטען", „בבא-מעשות, ליגענס" וכ'.

אין זיין „ י ו ד ע ל " (וו. 1875) 67:

„גלויבט אין שדים אין טהייערע מצאָצע,
גלויבט אין לאָקש, אין ב ו י ד ע ם, אין
ה אָ צ ע - ק ל אָ צ ע "...

ד. ה. אין שטותים, נאַרישקייטען.

טביה דער מילכיקער דערציילט[35]: „און ווער שמיסט שבת בין איך דוך נאָר אַ מלך, קוק אַריין אין אַ יידישען ספר, אַ פּרשה חומש, אַביסעל תרגום, תהלים, פּרק, ד אָ ס , י ע נ ץ , לוקש, בוידעם"... — „דאָס, יענץ, לוקש, בוידעם" איז גלייך ווי: „און אַזוי ווייטער", „עט צעטעראַ", „וכדומה", „און דעסגלייכען"...

סענדער. — מערקווירדיק! און פונוואַנעט, זאָג מיר, נעמט זיך דאָס, אַז ווילדפרעמדע ווערטער, ווי „לוקש", „בוידעם", „פּולעצע" ווערען צונויפגעשמידט אין איין קערפּער, אַף ניט צו שיידען זיך, אַזויצוזאָגען, ווערען אַ רעדענסאַרט, אַ גאַנגבאַרע שפּראַכמטבע, אויסצודרוקען אַ באַגריף, אַ געדאַנק, אַן'אידייע, וואָס האָט גאָר ניט קיין שייכות צו קיינעם פון זיי?

קלמן. — ווי אנדערע ענלעכע רעדענסארטען, מוז איך די זיין אנ׳ איבערבלייבעניש פון עפּעס אַ פאָלקסמעשהלע, אַ פאָלקסהומאָרעסקע, אַ פאָלקסאַנעקדאָט, וואָס איז דער שליסעל צו איר. נישט קענענדיק דאָס מעשהלע, די הומאָרעסקע, דעם אַנעקדאָט, האָבען מיר אויך נישט די מעגלעכקייט צו דעשיפרירען די רעדענסאַרט, וואָס קלינגט דעריבער אין אונדזערע אויערען אַזוי אויסטערליש. . .

סענדער. — ב׳פאַל דיר אַריין אין די רייד, וועלען מיר האָבען אַ סך פרייד . . .[36] דאַכט זיך, צי נישט אין יאָר 1905, אין פעטערבורגער „פריינט" איז געווען געדרוקט אַ פעליעטאָן . . .

קלמן. — פון אַלעקסאַנדער ר אַ ב י נ א וו י ט ש.

סענדער. — יאָ, יאָ, מיט׳ן נאָמען „ל ו ק ש ע ן". ס׳איז געווען אַ פּאָליטישע אַלעגאָריע: אויף די צאַרישע נאַהאַיקע ...

קלמן. — וואָרען „ל ו ק ש ע ן" הייסט אויף חדרלשון דעם רבינס קאַנטשיק...[37] ער האָט נאָך אַ נאָמען: „צ י פ ל י נ ע"[38]. . .

סענדער. — הכלל, קורץ געבריעט, לוקשען . . .

קלמן. — ... איז אַ טיף יידיש וואָרט...

סענדער. — ... און איך האָב געוואונען. . .

קלמן. — ... און דו האָסט פ אַ ר ש פּ י ל ט דאָס געוועט.

סענדער. — ?!

קלמן. — פאָרמעליש גענומען, איז בערעל גערעכט. לוקשען איז לויט דער אָפּשטאַמונג נאָך אַ „פ ר ע מ ד" וואָרט. די פּוילישע שפּראַך האָט מונדאַרטלעך: łokszyn (איינצאָל), łoksiny (מערצאָל), łokszyna (איינצאָל), łokszyny (מערצאָל), און טאָפּעלער טייטש: 1) „ל ו ק ש ע ן" (מאַקאַראָן), 2) „ק אַ נ ט ש י ק"[39].

אין קליינרוסישען: łokscha, łokschyna[40]. — אין קרעמעניץ האָב איך געהערט אַ ווערטעל: „ק ו ל י[41] מ אַ ר י נ אַ[41] ל ו ק ש י נ י א י ל אַ ? !"[42] („ווען האָט מאַרינע געגעסען לוקשען" ?!), ד. ה.: „ווי קומט דאָס צו אים? פונוואַנעט זאָל ער האָבען אַ

השגה דערפון? פונוואַנעט זול ער דאָס קענען און וויסען? ווי הוט ער דאָס געקענט זען (הערען)? פאַר זיין שטאַנד, פאַר זיין שטייגער איז דאָס צו אַ הויכע זאַך" וכ'. — דאָס ווערטעל איז אַ באַנטער מחותן מיט: „ווי הוט אַ הונט אַ הויז?"

אין רוסישען: lokscha[43] (אין קורסקער קאַנט), lokschiny[44] (אין דרום און מערב רוסלאַנד), אין טייטש: „shidowskaja lapscha", „lapscherdak"[45].

דער טאַטע פון די אַלע וואָקאַבלען איז דאָס טערקישע lakschе, laktsche[46].

דאָס יידישע געשטאַלט, ווי דאָס קליינרוסישע, איז נאָנטער צום טערקישען, ווי די פוילישע געשטאַלטען. מעגלעך, אַז די פוילישע שטאַמען פון יידישען — פון לשון-רבים (דערויף ווייזט אָן דער n אין פוילישען לשון-יחיד). ס'קען אויך זיין, אַז דאָס טערקישע איז אַריין אין יידישען דורך דאָס אוקראַינישע, הגם די איבערזעצונג, וועלכע דער וואָקאַבעל באַקומט בײַ דאַל'ען, קען דינען פאַר אַ ווינק, אַז גיכער פאַרקערט: דאָס וואָרט איז אויס דעם יידישען אַריבער אין דאָס אוקראַינישע.

די טערקישע פורמען ווידער הובען אַ פּערסישע גזע... —

צווייטער דיאַלוג.

סענדער. — אַהיימקומענדיק נעכטען פון דיר, האָב איך לאַנג ניט געקענט אַנטשלאָפען ווערען. פון לאַנגווייַ־
ליקייט וועגען האָב איך גענומען בלעטערן אַ פאָלקסביכעל, וואָס וואַלגערט זיך גוט ווייסט פון ווען שוין אָן אויף מיין שרייַב־
טישעל. דער נאָמען: „ע ג ל ה ז ה ב", און אויף יידיש: „ר אָ ס
ג אָ ל ד ע נ ע ק אַ ל ב". אויפ'ן שער־בלאַט, נאָכ'ן קעפּעל,
אַ רעקאָמענדאַציע פון דעם מחבר גופא: „כאַראַקטעריזירט אויך
קריטיגירט אונזערע יודישע ברודערלעך וואָס דינען אונ אָפּפערן
נאָך היינט זייער גאַנץ לעבען צו דעם גאָלדענעם קאַלב, דיא
אַלע ווערטער פליסען פון איין וואַהרע קוועלע, דיא אַלע פער־
זאָהנען זיינען ניט פון עולם הדמיון גענוממען, נור אַלעס
פאָרגעשטעלט מיט איינע וואַהרע גרינגע אונ זיסע פעדער,
פאָן מיר A.Morgensztern". —געדרוקט אין וואַרשע 1898 ...—

קלמן. — נו, און וואָס האָסטו אַנטפּלעקט אין די גדערעם פון
דעמדאָזיקען גאָלדענעם קאַלב?

סענדער. — ס'האָט מיך פאַראינטערעסירט אָט־אָ־די שטעלע[1]:
„דער דין זאָגט אונז, אַז עס ברענט אַ פייער אין שבת טאָר
מען ניט ראַטעווען ווען אַפילו דיא גאַנצע שטאָדט ווערט
פאַרברענט, מ ע ן מ ו ז נ ו ר ר אַ ט ע ו ו ע ן ד י א ד ר י י א
ש ב ת ח ל ו ת"...

קלמן. — איז וואָס?

סענדער. — ... די דריי שבת־חלות... געוויינטלעך, זיינען דאָס
ק ו י ל ע ט ש ע ן[2].

קלמן. — „אַ טייַערע מציאה!" — באַרימט זיך דער העלד פון
„באַם קעניג אחשורוש"[3] מיט גדלות פאַר'ן אָרעמען
יינגעל, וואָס שפּילט יוסף הצדיק: „באַ אונדז עסט מען אינדער־
וואָכען אויך ק ו י ל ע ט ש"...

סענדער. — ביסט דאָך אַ דעמאָקראַט, וועלען מיר ניט נעמען
קיין משל פון די גבירים...

..„קוילעטשען איבערגעדעקט מיט אַ געשטיקט טישטעכעל"
ליגען אויפ'ן טיש, באַ וועלכען פּישקע דער קרומער איז אַן אורח
אויף שבת, און אַפילו באַם אָרעמען טאַנדעטניק איז פרייטיקצו־
נאַכטס „דער טיש געדעקט מיט אַ ווייַסען טישטעך, אויף אים

דריי מעשענע אויסגעשייערטע לייכטער מיט די בענטשלעכט, און צוויי שיינע קוילעטשען, אָפּגעשמירט מיט געלכען פון אַנ־איי, שיינען פונדערווייטענס, פאַרנעמען די אויגען"...

און בא י. ל. פּרץ, אין „פאַרשטערטען שבת"[4]: „אַפּ'ן טיש איז גרייט ברונפען אַף קידוש; א קוילעטש מיט אַ חלה — צום באַדעקען מיט אַ זיידען חלהטישטעכעל".

כלמן. — „דער קוליטש מיט דיא פיש
זאָללען וואַקסען אַפען טיש,
וואָלט חלעבען גלייך גיזועהען.
איך שנייד מיטען מעססער,
זאָל אַלץ ווערען גרעססער,
אונ דער בראַנפען זאָל ניט
אוס געהען", —

ווי עס זינגט ש. בערענשטיין אוים קאַמענעץ־פּודולסק אין באַהאַרצטען ליד „זמירות"[5].

און ווען משיח וועט קומען, — „אויף די ביימער וועלין וואַקסען קוילי טשען מיט בילקים"[6]...

סענדער. — ...מיט וויפעל כוונה פלעגט די מאַמע די קוילע־טשען מאַכען. דאָס טייגעכץ אונטער'ן קישען גוט אויפגעגאַנגען — אַ גדולה, אַ פרייד. אַרויף אַפּ'ן לוקשענברעט. אָפּגעשניטען גרובע שטיקער, אויסגעוועלגערט שלאַנגען צו די עקען צו דינער, און פון זיי צונויפגעפלוכטע אַ קוילעטש, ווי אַ צאַרטע מאַמע פלעכט דאָס זיידענע צעפּעלע פון איר שוואַרצבייגעוודיק טעכטערעל...

קלמן. — אין אייניקע געגענדען, צ. ב. אין סומפּולנע, באַקט מען קוילעטש נור ערב יום־כיפור, און אַמאָל אויך הושענה רבא. אובער דורט הוט ער גאָר אַנ'אַנדער אויסזע: דאָס טייג ווערט אויסגעוועלגערט ווי אַ שלאַנג, איין שפּיץ גרעבער פון אַנדערען, און דערנאָך צונויפגעדרייט ווי אַ ספּיראַל אַרויפצוצו. ס' זעט אויס ווי אַ הויך קאַפּעל מיט הורי־זונטאַלע קאַרבען אַרום, און דער דינער שפּיץ ווערט אויוען פאַרבויגען גראָד און שטאַרצט ווי אַ קנעפּעל.

סענדער. — אין וואַרשע הייסט אַזאַ חלה, ווי דו באַשרייבסט: „פויגעל"[7].

קלמן. — אויך אין קולנע, ווי דאָס קנעפּעל אויוועז ווערט גערופען „דזיובעק״[8] — ד. ה. שנעבעלע.

בכלל אובער, ביסטו גערעכט: „קוילעטש״ הייסט בײַ ייִדען דאָס רוב אַ געפלאָכטענע חלה[9]...

צווישען די „ווילדע תנועות און הוויות״, וואָס זענען דעם חסידישען יינגעל צוגעקומען אין חומש-חדר, דערמאַנט יצחק-יואל לינעצקי אויך: „מאַכען פון די פינגער אַ געפלאָכטע-נעם קוילעטש״[10].

אין ישראל אַקסענפעלדס „שטערענטיכעל״ (לייפּציג 1862) 99: „דאָס איינינע פלעגט עובדיה פרײַטיק צו נאַכטס אויך טיהין, אַרײַן לויפין אין פאַרלעשין די בענטשלעכט, מיט אַפּאָר קוילישין חלה פינים טיש אָוועקכאַפּין״.

אין דערדזיקער שטעלע באַצייכענט קוילעטש נור די אויסערלעכע פורם פון דער חלה[11].

סענדער. — פּורים פלעגט די מאַמע מאַכען אַ גאָר גרויסען קוילעטש, אַ קוילעטש אַ גיגאַנט, מיט זאַפרען.

קלמן. — אויך אין קרעמעניץ אַזוי. דאָס איז דער פּורימקוילעטש.

סענדער. — אין שלום-עליכם׳ס „בײַם קעניג אחשורוש״, בײַ דער פּורים-סעודה, „אַקעגען דעם זיידען רב מאיר אויפ׳ן טיש זיצט אַ גרויסער, אַ מורא׳דיגער אַ געפלאָכטענער פּורים קוילעטש,... מיט זאַפראַן פאַרגעלט און מיט ראָזינקעס אַרומגעשטעקט״[12].

קלמן. — אין אַבראַמאָוויטשס „פּריזיוו״[13] מאַכט מענדעל דער משרת זײַן דולציניע, דער קעכמויד דוואָסיע, אַזאַ קאָמפּלימענט: „גראַפינע, פּרינצעסין, רביצין, בת מלכה! אַ צאָפּ נאָר אַ פּורים-קוילעטש. אַ פּאָר באַקען נאָר אַ פּאַר-ברוינטער עפּעלקוגעל״...

סענדער. — מאַכען דעם פּורימקוילעטש האָט מען באַדאַרפט קענען.

קלמן. — דעריבער „קריכען״ אין „וו טשפינערעל״[14] „שכנות אײנע צו דער אַנדערער... פאַרהערען זיך... אין אויספלעכטען דעם פּורים-קוילעטש״.

סענדער. — דו גריבעלסט זיך דוך, ווייסטו ניִשט פון נאָך מינים קוילעטש?

קלמן. — אַקסענפעלד אין „דער גענאַרטער וועלט"[15]: „אַ דיין מיט אַ חסיד שמועסן זעך אָפּ פון 2000 רענדליך ווי פון אַ שלש־סעודת קויליטש". — מאָני דלוגאַטש אין „עולם התוהוניק"[16]: „פאַר וואָס האָט מען דעם שוואַרצען[17] שלש סעודות קוילעטש ניט אַנאָמען געגיבען גוט יודען פלאָכטן?"

פון „ספר טעמי המנהגים"[18] ווערען מיר געוואָר פון אַ מנהג, „אַז בייא אַברית מילה שיקט דער קוואַטער אויף דער סעודה אַ קוואַטער קויליטש".

סענדער. — ס' מוזען אויך זיין שפריכווערטער וועגען קוילעטש?

קלמן. — גראָד ווייניק. איגנאַץ בערנשטיין ברענגט צוויי[19]: „דער ערשטער קוילעטש קומט אַרויס תמיד מיט אַ חסרון" (אודער: פאַרברענט), „בעסער באַטאַטען ברויט, איידער באַ זיך קוילעטש".

דערפאַר איז פאַראַן אַ אינטערעסאַנטער מנהג.

ווען מ'פירט אין סוקעלוווע (שעדל. ג.) דאָס יונגע פאָר־פולק צוריק פון דער חופה, טאַנצט אים אַנ' אַלטע מומע אַקעגען מיט אַ קוילעטש.

דער מנהג איז באַקאַנט אויך אין אַנדערע שטעט[20].

אין י. דרייזינגס „אַ חלום איז אַ האַלבער נביא"[21] לייענען מיר: „מיין פעדער איז זייער שוואַך צוא בעשרייבען, וויא אַזוי גליקליך האָט זיך ר' נחום געפיהלט, אַז זיין זון איז אַרויס געגאַנגען פון אונטער דער חופה מיט אסתרין אונטער דיא הענט, און דיא אַלטע קעכין דבורה איז אַרויס געגאַנגען אַנטקעגען מיט אַ גרויסען קוילעטש און האָט געטאַנצט און האָט געשפרונגען מיט דעם אין בלאָטע"...

אין סוקעלוווע איז נאָך דער מנהג: איידער מ'פירט דאָס פאָרפולק אין יחודשטיבעל, רופט מען דעם חתן, און מ'טאַנצט אים אַנטקעגען מיט'ן קוילעטש, פרעגענדיק: „וואָס ווילסטו? די כלה? צי די חלה?"

סענדער. — אַ בדיהה...

קלמן. — ...אָנשטאָט „לשון־קודש״ זאָגט דאָס פּולק דראַ־טיש: „ל ש ו ן ־ ק ו י ל ע ט ש״... אין גוטלובערס „דעקטוך״ (וו. 1876) 41: „אײַער פּאַר האָנגען אָ ר ו ן קויליטשעל״...

סענדער. — אַזש אַזױ װײַט!...

און דוך, איז מיר נעכטען באַנאַכט אײַנגעפאַלען: לומעד דיך אַ פרעג טון, װעסטו מיר אוודאי דערקלערען, אַ ק ו י ל ע ט ש איז...

קלמן. — ...אַ „פ ר ע מ ד״ װאָרט...

דאָס גאַנצע לעבען זאָלסטו אַזױ טרעפען!

דער יידישער קוילעטש איז דאָס פּויליִשע kołacz, װאָס האָט די טײַטש: 1) „אַ לענגלעכדיקע גרויסע בולקע פון װײַצענמעל אָדער קאָרענמעל, באַשיט פון אויװען מיט מעל, קעז און צוקער; מ'דערלאַנגט זי אופט אַף חתונות״; װײַטער: „אַ קײַלעכיק פּלע־צעל מיט קעז, געמאַכט אַף פּסח״; ענדלעך, בכלל „איטלעכס געבעקס פון װײַצענמעל, װײַסברויט״[22].

דאַל' 76, 136, רעגיסטרירענדיק די רוסישע kolatsch, kalatsch („װײַס ברויט, װײַצענברויט בכלל״; „װײַצענרוגאַל' מיט אַ בוינגען פון שיטער טײג״) מיינט, אַז ס'איז דאָס טאָטערישע kał-atsch („זײַ הונגעריק״).

סענדער. — זעסטו!

איך בין, װײסטו, „אַ פּראָסטער שאַלעשידעס״.[23] אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. און יידיש איז פאַר מיר יידיש. מאַמעלשון. אַ שטיק פון מײַן לעבען. און נעמסטו אַזעלכע טיף יידישע װערטער װי ל ו ק ש ע ן אָדער ק ו י ל ע ט ש, די נעמען פון זאַכען, װאָס זענען צונויפגעװאָקסען מיט'ן יידישען לעבענסשטײ־גער, מיט די הײליקסטע און שענסטע מינוטען זײַנע, און דאַדורך מיט דער פּאָלקספּסיכיק, מיט'ן פּאָלקסמנהג וכו', און װײַזסט מיר, אַז ס'זענען גאָר פ ר ע מ ד ע װערטער, פאַל איך עפּעס מודנע אַראָפּ באַ זיך. װאָסערע זשע װערטער זענען יו ריין יידיש?!

און װען איך גיב יעצט אַ טראַכט װעגען יידיש, האָב איך דאָס געפיל, װי כ'װאָלט זיך געפונען אין אַ קראָם מיט גלאָז־װאַרג. אַף די פּאָלעצעס, אַף די טישען, אַף דער פּאָדלאָגע...

קלמן. — אַף דער בריק, ווי אַקסענפעלד רופט דאָס[24], אודער אַף די דילען, ווי ס'הייסט בּאַ דינעזונען[25] ...

סענדער. — ... זענען אָנגעשטעלט פאַרשידענע כּלים פון גלאָז, פאַיאַנס, פּורצעליי. ס'איז ענג, און איך הוב מורא מיך אַ ריר צו טון, איך זול זיך אָן עפּעס ניט פאַרטשעפּען, מיט'ן עלענבויגען, מיט אַ פוס, מיט דער פּולע פון פּאַלטען, מיט'ן שטעקען, און נישט צוברעכען אַ גלאַנצענדיקע שיינע זאַך...

קלמן. — כ'הוב גאָרנישט געוווסט, אַז דו קענסט אַזוי בּילדלעך רעדען ...

סענדער. — קאַטאָוועס אָן אַ זייט ... נעם נישט פאַר אומגוט, ווען איך וועל דיך עפּעס פרעגען...

קלמן. — כּדומה=למשל=נאַפּרימער?

סענדער. — בּיסט אַ יידישיסט. קעבעלסט איטלעכס יידיש וורט. ס'מינדסטע פּליטערעל פון דער פּולקס=שפּראַך איז בּאַ דיר אַ דימענט. און לסוף אַרט דיך גאָרנישט, ווען דו דערגייסט, אַז אמתדיקסטע יידישע ווערטער זענען גאָר פרעמד האָב=און=גוטס, געבּורגט פוין, בּאַנומענע רענדלעך[26]? ... דו שמייכעלסט גאָר?

קלמן. — ווילסט קריגען אַנ'אויספּירלעכע תּשובה — וועט אונדז אויסקומען זיך אַרייַנצולוזען אין אַ לאַנגען שמוס, וואָס מיר וועלען אים מוזען צולייגען אַף עטלעכע סעאַנסען.

סענדער. — אַדרבּא!

קלמן. — קום=זשע מורגען מיט גוט אָנגעשפּיצטע אויערן. —

דריטער דיאַלאָג.

סענדער. — כ׳בין דאָ, און שטעל אויף די אויערן ווי צוויי הייבערס.

קלמן. — תחלת אַ קאַפּיטעל עטנאָגראַפּיע און קולטורגעשיכטע. מיר, אַזויגערופענע „מזרח־ייִדען“, זענען איינס פון יענע עקזאָטישע אינזלען אין אייראָפּע, וואָס צייכענען זיך נאָך אויס מיט זייער באַזונדערער טראַכט.

סענדער. — אַוודאי אַף דער עטנאָגראַפישער מאַפּע פון אַלטען קאָנטינענט קומט אונדז אַנ׳אייגענע פאַרב שוין פון וועגען אונדזער הלבשה.

קלמן. — מיר זענען יעצט אין אייראָפּע אפשר די איינציקע אומה, באַ וועלכער ס׳איז נאָך אַזוי שטאַרק — אין אַ גאַנץ גרויסער שיכט פון די פאָלקסמאַסען — די אָפּאָזיציע אקעגן דעם אַלגעמיין־אייראָפּעישען — ריכטיקער: אינטער־נאַציאָנאַלישען — מאַנצבעלשען קאָסטיום.

סענדער. — אויס מאָטיוון פון רעליגיעזישער טראַדיציע — דאָס איז דאָס וויכטיקסטע

קלמן. — דער געוויינטלעכער קאָנסערוואַטיזם, די געוויינטלעכע אינערציע אַף דעם געביט איז באַ אונדז פאַרפּיל־פּאַכיקט דורך דעם, וואָס די מלבושים פון אונדזער פרומען קלאַס זענען אין זיין השגה פאַרהייליקט דורך דער רעליגיע, און בילדען איינער אַ באַשטאַנדטייל[1]...

סענדער. — אַ היסטאָרישׂ גלייכעניש צו דיזויקע פאַרהעלטע־נישען געפינען מיר נור אין רוסלאַנד, אין יענער עפּאָכע, ווען פעטער דער גרויסער האָט איינגעפעדעמט זיין ציוויליזאַטאָרישע טעטיקייט, און די גאַנצע אַלטע וועלט דאָרטען האָט אויפגעהויבען אַ ויצעקו אין נאָמען פון טראַדיציע, נאַציאָנאַליזם און רעליגיע.

קלמן. — ווו איז אָבער דאָס בוך וועגען דער קליידונג פון די ייִדען אין פּוילען, ליטע און רוסלאַנד ?

סענדער. — ווו איז דער מוזיי, אין וועלכען מיר זאָלען קענען מיט אייגענע אויגען אָנקוקען דאָס אָנטועכץ פון די לאַנגפאַרגאַנגענע דורות? וואָרען הגם די אָרטאָדאָקסישע

קרײַזען אונדזערע טראָגען נאָך די טראַבט פֿון פּאַר צװײ־דרײַ הונדערט יאָר צוריק, אָבער די האַנט פֿון דער צײַט טוט אױך דאָ אירס, און שינוים זענען געװיס פֿורגעקומען.

קלמן. — נאַטירלעך. דערהױפּט נאָך װען מיר װעלען נעמען אין אַכט, אַז אַפילו אין די שטרענג־באַגוטישע קרײַזען הוט תמיד באַװיזען זיך אַרײַנצוגאַנװענען און אַרױפּ־צולײַגען איר צײַכען די חנפולע און קאַפּריזישע קליפּה, װאָס איר נאָמען איז: די מ ו ד ע.

סענדער. — ס׳ מינדסטע פֿולקעל הוט זײַנע נאַציאָנאַליש־עטנוגראַפישע זאַמלונגען. מיר, אַזאַ אַלטע קולטור־רעלישע נאַציע, זענען אױך אין דער היגזיכט הינטערשטעליק, אַז אַ בושה.

קלמן. — די בעסטע ליטעראַרישע שילדערונגען קענען נישט פֿאַרטרעטען דאָס לעבעדיקע אַנטפּינדען מיט׳ן בליק.

סענדער. — און װיפֿעל געגענשטאַנדען זענען אינגאַנצען פֿאַרשװונדען, אַזױ אַז קײן זכר פֿון זײ איז נישט געבליבען, און דאָס פֿלײַסיקסטע נאָכזוכען װעט שױן נישט העלפֿען!

קלמן. — אַנ׳אינטערעסאַנטער אױפֿגאַב װולט געװען, דורכצו־קוקען די עלטערע העברעישע און יידישע ליטע־ראַטור, און צונױפצוקלױבען דעם מאַטעריאַל, װאָס געפינט זיך דורט װו־נית־װו צעװאָרפען, װעגען דער יידישער הלבשה אין מזרח־אײַראָפּע. אָבער דאָס װולט אונדז צו װײַט פֿאַרפֿירט. מיר װעלען יוצא זײַן מיט דער נײַער יידישער ליטעראַטור, און איך פֿאַרבעט דיך צו מאַכען מיט מיר אַ שפּאַציר דורך די װערק פֿון אונדזערע שריפֿטשטעלער אױס דעם נײַנצעטען יאָרהונדערט.

סענדער. — איך האַלט פֿאַר אַ כבוד צו האָבען אין דיר מײַן טשיטשערונע.

קלמן. — זײַ זשע מוחל, נעם אַראָפּ אױט פֿון יענער פֿולעצע די פֿיר ביכלעך ליגקס.

סענדער. — „ד ע ר ע ר ש ט ע ר י י ד י ש ע ר ר ע ק ר ו ט א י ן ר ו ס ל א ַ נ ד בשנת התקפ״ז. דענצמאָהל איז

דער אוקאַז אָנגעקומען. אָדער אַ מעשה פֿון קלאָמערשט חתן כלה".

קלמן. — געדרוקט אין יאָר 1862 אין לייפּציק, אָהן נאָמען פֿון מחבר, — ישראל אַקסענפעלד.

סענדער. — „דאָס שטערנטיכל אָדער שבת חנוכּה אין מעזיבוז".

קלמן. — אויך אַזוי.

סענדער. — „די גענאַרטע וועלט, דראַמאַטישע סצענען".

קלמן. — געדרוקט אין יאָר 1870 אין אַדעס.

סענדער. — „קבצן עושר שפּיל אַ דראַממאַ אין צוויי אַקטען".

קלמן. — אויך אַזוי.

די ערשטע צוויי — 4 יאָר פֿאַר'ן מחברס טויט, די לעצטע צוויי — 4 יאָר נאָך זיין טויט... אינגאַנצען האָט ער איבערגע־לאָזט נאָך זיך כתבי־יד, ראָמאַנען, נאָוועלען, פּיעסעס, אַף 300 דרוקבויגען!

סענדער. — דער גורל פֿון אַ יידישען שרייבער!

קלמן. — געבוירען סוף אַכצעט יאָרהונדערט אין פּאָדאָלער קאַנט. די יוגענט פֿאַרבראַכט אין חסידישער ספערע און געוועזן הייסער אָנהענגער פֿון ר' נחמן בראַצלאַווער. אין אַדעס איבערגעגאַנגען צו דער השכלה, אַליין זיך געלערענט און געוואָרען נאָטאַריוס. געשטאָרבען 1866, אין פּאַריז, באַם זון, אויגוסט, וואָס איז געוועזען פּראָפעסאָר אין סאָרבאָנע און האָט דעם פּאַטענט אויניקע ווערק איבערגעזעצט אַף פראַנצייזיש.

סענדער. — געהאַט טאַלענט האָט דער ישראל אַקסענפעלד, וואָס זיינע ביכער זע איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען?

קלמן. — פאַר יענע צייטען גאַנץ נישקשהדיק. דערעיקרשט פּאַרמאַגט אַ נ' אויג פאַר דאָס עטנאָגראַפישע. ער וועט נישט דערמאַנען אַ שטוב, ער זאָל נישט אָפּמשלען געגוי איר אויסזע פֿון אויסענווייניק און פֿון אינעווייניק; אַ

מ ע נ ט ש, ער זאָל ניִשט אָפּמאָלען זײַן גאַנצען הולך פוּנ׳ם קאָפּ ביז צו די פּיס...

סענדער. — אַ טבע אַזעלכע.

קלמן. — ניין, עס זעט זיך דאָ אָן אַ כּיוון.

לכל הפּחות אין דער געגראַמטער הקדמה צום „שטערנ־טיכעל״ לייענען מיר:

די מעשה איז דאָ דערצעהלט אין דעם מעשה ביכיל,
האָט דעם נאָמען ווי מען ריפטעס אין ריסיש פּוילין — ש ט ע ר נ ט י כ י ל,
דאָס אייגינע ווייבירישע פּערילצירינג, האָט גיהייסין אין אנדערע ערטער,
ש ט ע ר י נ ב י נ ד י ל, ק אָ פּ ב י נ ד ע, ב י נ ד אָ ל י ק, אין נאָך אין נאָך אנדערע ווערטער,
הײַנט אז מען האָט דעם שגעון אָפּ גישאָפּט פּינים קאָפּ,
אין יידישע ווייבער געהן ווי אלע דאַמעס מיט אַפּאלשען צאָפּ,
ווי מען דערצעהלט — סיז אמאָהל גיוועזען ארב מיט ארביצין פּאַרצײַטען,
אזוי נעמט מען דערמאָהנען וואָס א ש ט ע ר י נ ט י כ י ל האָט אמאָהל גיקאָנט באַטײַטען,
אפשר וואָלט מען א ש ט ר ײ מ י ל מיט א ס פ אָ ד י ק אויך פּין א זכר ווערגין,
כּדי מען זאָלעס אמאָהל ווייזין, גידאַרפט אין שפּירטיס אַרײַן לעגין,
מײַן שפּירטיס צים שטערינטיכיל, איז אחסידישין רבינס שבת חנוכּה באשריבען...

סענדער. — די אַרכעאָלאָגישע טענדענץ איז קלאָר!

קלמן. — טרעטען מיר צו צו דער אַרבעט איך וועל דיר אַרויסלייענען די שטעלען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער יידישער קליידונג, און דאָ האָט מיט קאָפּ און נאָטיר אַלע נעמען פון די מלבושים, פון קאָפּצודעקעכץ, פון שיכוואַרג, פון צירונג.

אָנגעהויבען פון די מ אַ נ ס ל ײ ט...

סענדער. — ווי דען אַנדערש! עפּעס דוך ס׳ אײבערשטע פון שטײַסעל...

קלמן. — „ד ע ר ע ר ש ט ע ר י י ד י ש ע ר ר ע ק ר ו ט״...

אוט ווי עס זעט אוים דער טואַלעט פון „די מענשען,

וואָס קעהרין דאָ צו דער מעשה", אין יאָר תקפ"ז (1827):

ש ל מ ה פ ס י א י ו כ ע, פרנס־חודש, „געהט אָן גיטיהן במקום חאַלאַט, אין איין אַלטער צעריסינער אַמאָהל גיוועזינע ראַצעמאָרינע זופיצע. דער אינטער שלאַק בלאָהער קיטיי זעהט מען אימידים אַרויס, אין דער אינטער שלאַק האַלט דאָס גאַנצע מלביש. ניט ציגינאַרטילט. איין ארבע כנפות פין וואַסער פיקע, נאָר זייער קויטיק. אין איין אַלטער פליסינער יאַרמיקע פיל מיט פעדרין" (ז' 3). — וועלוויל גיליוואַטע, אויך פרנס־חודש, „אין אַנייען איילנקיטייַנים קאַפטין מיט אַשמאָלער סטראָקע, אין זייער אינ איין אַלט שטרײַמיל... דער ווערד איז גאָר צעריסין. צו גינאַרטילט מיט אַגיפאַרבטין גרידיטירינים גאַרטיל, וואָס איז גיוועזין רויטער גרידיטיר" (4). — ישראל אוקרײַנער, אוקסענהענדלער, „אין אַגאַנצין קיטייַנים קאַפטין אַביסיל אַצו גיגאַנגינין מיט אַברייטער סטראָקע אָן איזירים, אַזייַדענים גאַרטיל אין מע זעהט אַרויס אַז דער אינטער גאַרטיל איז אַלעדירין ביינאַרטילע; אַנייעם הויכין ספאָדיק אַגיטין" (4). — פנחס דער רויטער, האַלט די שטאָט־אַרענדע, „אַטשאָגילסקי ייד אין אַבראָנז ראַצימאָרנע קאַפאָטע, אַשוואַרץ זייַדינים גיטין גאַרטיל, אַגיט שטרײַמיל" (4). — ר' אַהרן קליגער, דער גרעסטער עושר אין שטאָט, גייט „אין אַשוואַרץ ראַצימאָרינר קאַפאָטע מיט זייַדינוואַרג אינטער גישלאָגין געלע נענקינע הויזין מיט שטיוויל גלאַנציגדיקע, אין אַזילעט מיט אַוייַס האַלזטיכיל, מיט אַזייַגיריל, זעהט מען, ווייַל די קאַפאָטע איז אָפין, אינ אַשוואַרצער רייַנער יאַרמיקע" (15). — הערש־לייב דער שטאָטנאַר „גייט אינ אַראַצעמאָרע פיאָס מיט 1 סטראָקע אַנייע זופיצע, אין אַניי שטרײַמיל, אינטער דעם שטעקט אַרויס איין אַלטע יאַרמיקע פיל מיט פעדערין, אַגאַרטיל אַשמאָלין אַזייַדינים מיט אַווייַסין פאַס, נאָר די קרייקע, וואָס ער האָט פאַר איין אינטער גאַרטיל, האָט זעך גאָר אָפּ גיטיהן פין דעם אייבערשטין גאַרטיל, האָטס אַפנים וויא 2 גאַרטלין, באַזינדער דער זייַדינער אין באַזינדער דער קרייַקינער, אין שיך מיט זאָקין, ביידע צעריסין" (13). — גבריאל שד, „אַלוווטשע צו די רעקרוטען", גייט אין „אַקויטיק העמד, אַפאַרסמאָלטצעווי־טין קאַפטאַניק פון סיבירסקי קיטיי אַ צעריסינים, די סטראָקע

אָפּגעריסן נאָר דערציילן איז געבליבן אַז דאָ איז געווען אַ סטראָקע; אַ שטיקל פון אַ גאַרטל איז מיט אַ קנופּ צו געקנופּט; עפּעס אַ זעלכס ווי אַ ספּאָדיק אָן האָר און אַן אַוועק... זאָקן צעריסענע וואָלענע אין אַלטע שקראַבעס פון אָפּגעטרעטענע שטיוול, וואָס אַ שוסטער האָט אונטער געניִיט" (4פּ.). — „אַנדערע ייִדן... אָרעם אין צעריסענע אָדער האַלב צעריסענע קאַפּטנס אָדער זופּיצעס מיט געלע שטרײַמלעך" (4). — נחמן דער גרוזיסער, „אַמהיעשהניק, אַ צרה" גייט פריער אָרעם, „אין אַ קאַפּלעשל איין אַלטס אַ צעבראָכענס, אַ קורצן ברישליאַק אַ צעריסענעם אַגעלאַטעטן פון אַלערלײַ מינים לאַטעס, פּיסטרענע פּלידערן אויך צעריסענע, נאָר זעהר לאַנגע ביז אין די שיך אַרײַן, די שיך זענען אויך צעריסן" (25), דערנאָך „אין אַ נײַער קאַפּאָטע אַקיטײַנער, מיט אַ גאַנצן קאַפּעליש, אין אַ גאַנצן זײַדענעם גאַרטל... אין געלע נענקענע פּלידערן און געוועקסלטע שטיוול, פון אַוויים העמד שטעקט אַרויס אַ קאָלנער, דער האַלז איז צו געבונדן מיט אַ שען פּאַטשײַליכן"... (41); וועגען דערדוזיקער „נײַער קאַפּאָטע" דערציילט ער אַלײן פריער: „הײַנט האָב איך אַ קאַפּטן גאָר אַ נײַעם, נאָר ער איז פאַר זעצט פאַר לחיים" (29).

„דאָס שטערנטיכל"... אַף ז' 5 ווערען מיר געוואָר, אַז „אונזער מעשה הייבט זעך אָן שנת תקעב (אַף דעם רוסישן חשבון איזוס דער ווינטער פון 1812 און 1813)". — דער דעמאָלטיקער מודעזשורנאַל:

„ר'... איז אַ דין ייִדילע מיט אַ ווײַסע יאַרמיקע, אין אַ פּיאָס גרעדיטירן אַלט זופּיציל מיט אַ סטראָקע, אָן אַ גאַרטל, זעהט מען אַרויס דעם טלית קטן דעם לאַנגן" (ז' 18). — „נפתלקי קומט אַרײַן אין אַ ראַצעמאָרן זופּיציל מיט אַ סטראָקע, אינם שטרײַמיל"... (26). — ר' אברהם וועלוס גייט „אין אַ צעריסענעם קאַפּטן", ר' איציק זאַהיקע „אין אַ לאַנגן געשטעפּטן ברישלײַק, אין געגאַרטלט מיט אַ נשאר פון אַ גאַרטל" (13). — „קומט אַרײַן אַ ברייטער ייִד אין אַ געשטעפּטן לאַנגן ברישלײַק פון בלאָהן קיטײַ, צו געגאַרטלט מיט אַ פּאָווירשן פּאַסקוואַטע גאַרטל, אין גראָבע יאַלוויטשענע שיך, מיט וואָלאָקענע גראָבע זאָקן, אין אַ לאַפּענמיציל פון אַ מאָהל געוועזענעם פוקס" (111).—

אײנער זאָגט צו דעם צווײטען: „איך װעל דיִר גיִביִן אַקאַפּאָטע אַקיִטײַנע איִן מײַנס אַפּראָסטען טיִליִפּ״ (107). — מ ע כ ע ל מ צ ב ה גײט אָנגעטון „גאַנצע שיִך מיִט שפּיִציִן, איִן זאָקיִן ביִז איִן דער העלפט פאָדיִם װײַטער אַראָפּ פיִן באַמוויִל, איִן לײַנ־װאַטיִנע פּליִדיִריִן מיִט געלע בענדליִך, איִן אַבלאָה קיִטאַיאָװיִניִם אַרבע כּנפות מיִט אַקעלנעריִל פאַריִן האַלז, אַקאַפּטאַניִק מיִט העקיִלעך (ניִט מיִט סטראָקיִם) איִן שטאַרק ציִ ניִגאַרטיִלט מיִט אַשװאַרציִן גאַרטיִל, אַהויכיִן ספּאָדיִק מיִט אַרײַנער פּליִסיִנער יאַרמיִקע״ (7פּ.) — אַ פרעמדער שײנער יונגערמאַן איִז „זײער שײן רײַך אָנגעטיִהיִן, גאָר מיִט דער נײַער מאָדע, אַפּיאָס ראַצע־מאָריִנע קאַפּאָטע, ציִ גיִגאַרטיִלט מיִט אַיִואָיל זײַדיִן גאַרטיִלע, דערציִ נאָך טשאַקיִנדיִק מיִט אַ שװאַרץ זײַדיִן פּאַטשײליִכיִן ציִ געביִנדיִן דאָס העלזעלע (אַזױ ריִפּטמעניִס שפּעטיִנדיִק) די שטיִװילעך מיִט שפּיִצען, גיִװעקסיִלטע, װאָס סקריִפּיִן, װי אַף אַ פּראָסט אַז מען געהט איִניִם שנעה, איִן אַגיִט סױבליִן היִטיִל אַפּיִן קאָפּ, ..., איִן אַזײַדיִן פּאַטשײליִכיִן אַרױטס שטעקט אַרױס פיִן דער זײַטיִן קעשיִנע״ (103). — פאַר אַ נגידיִש ח ת ן־ ב ח ו ר ע ל שיִקט מען צום קרעמער „נעהמיִן אַף צװיִ נײַע ראַצעמאָריִנע זיִפּיִצלעך, איִן אַף אַראַדזיִװאָלקיִ אויך, איִן נײַע פּליִדיִריִן״ (28). — דער מעזיִביִזער משוגענער, ע ו ב ד י ה, גײט װיִנטער און זומער „נאָר איִן אַפּעלציִל ציִ גיִגאַרטיִלט מיִט אַשטריִקיִל, איִן אַלאַפּיִנמיִציִל אַפּ׳ן קאָפּ, צעריִסיִנע שקראַביִס אַף דיִ פּיִס״ (99).

„ד י א ג ע נ אַ ר ט ע װ ע ל ט״. — אָנגעשריִבען התר״ב (1842) איִן אַדעס. — „דיִ מעשה האָט זעך גיִטראָפּיִן פאַר 46 יאָהר״ (ד. ה. 1796). — אָנגעטון:

דער רענדאַר ר׳ נ ח — „איִן אײַן אַלטיִן קאַפּטיִן מיִט אַסטראָקע איִן אײַן אַלט פּיִקסיִן לאַפּיִנמיִציִל״ (ז׳ 26). — דער ח ס י ד י ש ע ר ר ב י ר׳ לײב שפּיִציִניִצער „איִן אַ װײַסער זיִפּיִצע איִן אַ װײַסער יאַרמיִקע אַבאַמװלענע געאַרביִט נאָר פאַרשוויִצט״ (9); אַנ׳אַנדערם מאָל „צעהראַסטיִט, אַגרויסיִן טשיִמביִר אַף דעם אַקסיִל אַרויף גיִװאָרפיִן װיִ אַ פּאַטשײלע״ (58); און איִן זײַן זײַטענשטיִבעל הענגען זײַנע „זיִפּיִצלעך און טיִליִפּלעך״ (14). — מ אַ נ י ד ע ר ר ײַ כ ע ר „איִן אַ נײַעם

איילין קיטייגים קאַפּטין מיט אַ סטראָקע, אַ גיטין גאַרטיל, און אַ גיטין קאַפּיליש און אַ הויכין יאַמשאָוויגים שטעקין״ (51). — יחיאליק „אין אַ שוואַרץ קאַפּטילע מיט אַסטראָקע אין אַ גאַנץ הויכין נייעם ספּאָדיק, צעהראַבטיט דיא פּאָלעם פינעם קאַפּטין, זעהט מען לייַנווינטינע פלודערין; דיא געלע בענדליך שלעפין זעך נאָך, און די זאָקין הענגין ביז צו די פּאַנטאָפיל״ (46). — יידעל פעקעלמאַכער „אין אַ נייעם גיטען קאַפּטען מיט אַ זיידענעם גאַרטיל אין אַ גיט סובלין לאַפּענמיצ־יל״ (14). — ר׳ צאַלי, דעם רבינס מקורב „אין איין אַלטין קאַפּטין מיט אַ טערקישין גאַרטיל שלאַבעריק צו גיגאַרטילט. מיט איין אַלטין ספּאָדיק אין פּאַנטאָפיל, די פּאָלים פאַר שטעקט. זעהט מען אַרוים לייַנוואַנטינע צעריסינע פלידירין״ (10). — ז׳ 16: „גענעמען אַף דער גאָספּידע דעם בעלהבית איידעמס קאַפּטען מיטען מיצעל״. — ישראל שטשופּאַק גייט „מיט אַ שען רויט פאַטשיילכען צו געבונדען דעם האַלז, אין אַ בלאָה קיטייגים חאַלאַט אין שענע שטיווילעד קאָזלאָווע אין אַ רייגער סאַמיטינער יאַרמיקע״ (34). — ז׳ 68: „האָבין מיר גישענקט דאָס צעריסינע קאַפּטאַניקיל און אַ פּאָר שקראַבעס״ (68).

„קבצן עושר שפּיל״. — ז׳ 6: „דאָס האָט זיך גיטראָ־פין אין דער שטאָט ניביוואַלע זומער בשנת תקע״ח״ (1818).— רעפּרעזענטירען זיך:

נח דעם מגידס „אין אַ כפּאָדיק איינגיבונגין אין דער העלפט אַרונטער... אַ שוואַרצין אַלטין קאַפּטין פון איילין קיטיי אָבער ניט פאַר דריפּיט און צו שפּאַלטין אַרום און אַרום. ווייסע באַמווילנע זאָקין אין פּאַנטאָפיל. דער גאַרטיל איז אַ שפּאָגיל נייער אַ שוואַרצער אַ טערקישער, דער קאַפּטין איז ניט צוגיהעקילט, דעריבער איז ער וויא צו חראַבטיט אַז מען זעהט אַרוים אַ שפּאָגיל נייעם טלית קטן און צו ריסינע לייַווינטינע פלודערין. אין דער רעכטער האַנט אַ יאַמשאָווינים שטעקין״ (ז׳ 8). — ר׳ אברהם דער פּוילישער „אַ גאַנץ נייע שוואַרצע קיטאַיאָווינע קאַפּאָטע מיט אַ שוואַרצין זיידינעם גאַרטיל, געלי קיטייגי פלודערין, אין שיך אין זאָקין. ער זיצט אין איין אַלטער פאַר סמאָלציוויטע יאַרמיקע אַ ביסעל מיט פעדי־רין, און האַלט אין די הענט דאָס סובילינע לאַפּינמיציל. זיי

שוואַרצער סאַלצאָווינער שטעקין שטעהט נעבין בענקיל" (9); אַנ' אַנדערס מאָל: „אין אַ צעריסינעם קאַפטין, אין אַ צעריסין לאַפמיצעל אונ צוריסינע שיך" (47). — אהרן בעל מחשבה: „אַ קאַמליטינע קאַפאָטע שיין גינעהט מיט אַ שמאָל גאַרטילע. דעם האַלז צו גיבונדין מיט אַ ציצין פאַטשיילכין אונ אַ פאַראָסאָל אין דער האַנט, אין דער אַנדרער האַנט האַלט ער דעם קאַפיליש אונ פאָכט זעך פון דער היץ. אַף דעם קאָפ געהט ער אין אַ שוואַרצער סאַמיטינער יאַרמיקע אַריינע... ער געהט אין פאָפיליאַטע זאָקין אונ גיפיצטע שיך מיט בענדליך צו גיבינדען" (14). — ליפע דער שוואַרצער „אין אַ סיבירסקי קיטיינים קאַפטין גאָר איין אַלטין. שטאַרק צוא גיגאַרטילט... פעדימדיקע זאָקין זעהר צעריסען. די פיאַטעס אוך זעהר צעריסען אין פאַנטאָפיל אויך ניט גאַנצע" (15). — חיים פלוט „די קרייז פון דעם העמד איז גאָר פאַר שלעפט אַף איין זייט. אַ האַלידזיענים קאַסטאַניק אָפ געריסין אַלע העקיליך בייא דיא אַרביל אויך... די קיטייני גישטעפטע פלודירין האַלטין זיך קוים... אונ באַמולינע זאָקין ניט צו גיבונדין פאַלין אַראָפ אונ די פיס זענין אָן זאָקין; אין פאַנטאָפיל... דער גאַרטיל אַ שוואַרציר אַ זיידינער נאָר זעהר צו ריסין. העגגין נאָך שמאָלע שטיקער פון אַלע זייטין. די יאַרמיקע איז גאָר צום האַלזינאַקין פאַריקט. אונ דער ספאָדיק שטעקט אַף דעם קאָפ צום שטערין זוא. אַ ציבראָבינעם יאַמשאָווינים שטעקין האַלט ער אין איין האַנט" (19). — דער רבי „אין אַ ווייסער זיידיניר זופיצע מיט אַ טרעסטטול באַלייגט; אַפין קאָפ אויך אַ ווייסע יאַרמיקע מיט שפאַניר באַלייגט ... אַפין טיש נעבין איהם ליגט אַ גרויסער טשימביר פאַר אַ נאָז פאַטשיילע" (57).

סענדער. — ס'הוט מיר אַזש אָנגעהויבען צו שווינדלען פאַר די אויגען . . .

קלמן. — גייען מיר איבער צום „שיינעם מין".

סענדער. — מער יידישלעך וועט זיין: ...„צו די שעשני ברצונו'ס" . . .

קלמן. — „דער ערשטער יידישער רעקרוט":

ברכה פסיאַיובע „ניט אָן גיטיהן אין איין רוטער יאַבפירקע איין אַלטע אַביטקע אַ צעריסינע, אַוויסט פין בלאָהער

מאָרע אויך צעריסין אַקלײַדיל אַמאָהל איזם גיוועזין אַרויס אַטלאַסינס גישטעפּט אויף באַמוויל..., אַציצין פאַרטיך אוים גיוואַשין אין שטאַרק אָן גיקראָחמאַליט. די 2 אַרביל פינים העמד זענין זייער גיבלאָהט" (ז׳ 6). — צ ב י ה, גאָר אַ יונג ווייבעל, „געהט אָן גיטיהן אין אַזײַדין מאָנדיריל אַנײַם, אַווײַס מישלינין פאַרטיכיל, אַקלײַן שמאָל ראַצימאָרין בריסטיכיל באַלעגט מיט שפּאַנירליך, אַקאַניק מיט איין אויביל, אין אַמאָדנע שלײַעריל מיט אַרויט יאַמפּירקילע אַשמאָלם מיט אַשטערינטיכיל"... (13). — מ אַ כ ל י, „זעהר אַשענע עלטליכע יידינע", איז „אָן גיטיהן אין אַציצינים שלאָף ראָק אַרײַנים אין אַשלײַער מיט אַרויטער יאַמפּירקע, קײַן בריסטיך אָדער אַקלײַד זעהט מען נישט, ווײַל דער שלאָף ראָק איז צי, ביז אַריף" (57). — פ ע ר י ל ע איז „אָן גיטיהן אין אַזײַדין שלאָף רעקיל אַבלאָהם" (15). — ל י פ ש ע   ד י   מויד, אַ שענקערין, אַנ׳ אַלטע יידינע, גײַט „אינ אַשלײַער פין דער אַלטער מאָדע מיט אַגעליר יאַמפּירקע אין אַקויטיק קלײַן שטערינטיכיל... אין אַקורץ ייפּקעלע צי גיגאַרטילט מיט אַ האַנדטיך, אינ אַשטיקיל ציצין בריסטיך שטעקט אַרויס, אַקלײַד פין בלאָהן קיטײַ זעהט מען הינטין אַרויס, מיט אַפּאָר גרויסע קעשינים פין פיסטרע, אָן אַפאַרטיך, אַ פּאָר זאָקין מיט פּאַנטאָפּיל גראָבע גוישע" (24).

„ד אָ ם   ש ט ע ר י נ ט י כ ל":

די קרעטשמאַרקע „אין אַפּיצילע שטערינטיכילע וואָס איז ווערטה אפשר צוויי הינדערט גילדין, מיט אַשלײַער, אָן אַסיטקע, איפּע אַף בײַדע אַרביל פון אַזאַ קיטײַ ווי דעם מאַנם ברישלײַק, מיט ווײַס האָזינפּיטער אינטער נישלאָגין, אַרויט גרידיטירין אַלט בריסטיך, זעהט מען אַרויס, אין אַקאָנטינאַרין פאַרטיך" (ז׳ 111). — פאַר דער כ ל ה קויפט מען „אַשפּיגעל, מיט קראָם זעקליך, אין סיטקים אין געלע יאַמפּערקיליך אין אַבריסטיכיל מיט שפּאַניר-גאָלד אַף כלה מתנות" (32).

„ד י   ג ע נ אַ ר ט ע   ו ו ע ל ט":

ג י ס י „געהט אָן גיטיהן אין אַבלאָה גרידיטירנער וויעסט באַלײַגט מיט געלע טאַשמיליך אונ איין אַלט בלאָה גרידיטירין בריסטיך אין אַ ציצין קלײַד. אַ שלײַער פּראָסט מיט אַ ווײַסער פּאַטשײַלע צוא גיפּלעטשט אין אַ שטערינטיכיל מיט קיליצים

און אין אַ ווײַס פּאַרטיך״ (ז׳ 43). — פּ ע ס י: „גישלײַערט מיט דער מאָדע מיט אַ נײַ שטערינטיכיל אין אַ קאָניק מיט אַ נויביל. אַרויס וויסטילע מיט אַ ברוסטיכיל באַלײַגט מיט אַ שלײַטשקילע אַ ציצין קלײַדיל אין אַ פּאַרטיכיל״ (43). — טרײַנע צו בערלען: „אָבער אַ שטערינטיכיל ווערט דו מיר מאַכין נאָך אַ גרעסירס פון גיסים, און אַ ברוסטיך מיט שפּאַניר גאָלד, און אַ מאַרינער יופּע דיא גאַנץ וואָילע״ (77). — ר ח ל, צאַליס טאָכטער, „מאָדנע גישלײַערט אָן אַ שטערינטיכיל; אינטער גיבינדין דאָס טויל מיט אַ רויט טשימבירל״ (10). — ט ר ײַ נ ע „זוכט אַ יופּע און טוט זעך אָן״ (59). — „נעבין איהם שאַסטיט זעך וויא אַ הײַמישע אָן אַ יופּע זײַן ווײַב טרײַנע״ (57).

„ק ב צ ן־ע ו ש ר־ש פּ י ל״:

י ו ט ע: „דאָס שלײַעריל איז מיט דער מאָדע, אַ גרויס שטערין טיכיל אין פּעריל אַף דעם האַלז. געלע פּעריל צײַניר־דיקע נאָר פיל טאַקע אַגאַנציס בינט, אין אַ זײַדין לאַפּטיקי־נאַשיל אָף גיטרעגט די טרעסטליך, אין אַ ברוסטיכעל אַשמאָלס אַרויטס, אַשפּאָגיל נײַס, מיט אַטרעסטילע באַלעגט, אַציצין פּאַרטיך פאַר ברעגט דער אײַנער עק... אַף אײַן פינגער האָט זיא אַקראָם פינגעריל... אין ווײַסע זאָקין מיט מאָדנע פּאַנטע־פילין״ (ז׳ 10); אַנ׳אַנדערס מאָל „אין אײַן אַלט יופּקילע אַ צוריסינעס, אָן אַ שטערינטיכיל, אַ צוריסינעס שלײַער אין אַלטע שקראַביס פּאַנטאָפּיל און קויטיקע צוריסינע זאָקין״ (48). — פּ ע ר ע ל ע „אין אַ ציצין מאַנדיריל אַ גיוואַשינס אַרײַנס, אַ ווײַס מאַשלינען פּאַרטיכיל, אויך רײַן, שוואַרצע האָר מיט אַ פּאַר פלאָכטינים צאָפּ אַלאַנגין. זי געהט פּעריל אַף דעם האַלז, אין זעקילעך פּאָפּיליאַטע מיט שיכליך״ (11).

סענדער. — נוך מיט חסד!

קלמן. — דער צווײטער אַפּ׳ן צעטעל איז ד״ר שלמה עטינגער, — געבוירען 1800, געשטורבען 1855, און קײן אײן שורה זײַנע נישט געזען געדרוקט באַר׳ן לעבען!

זײַנע צווײ ביכלעך שטײען אַף דעמאָײגענעם פּאַך. טו דיר אָן די טרחה און דערלאַנג זײ מיר.

סענדער. — „ס ע ר ק ע ל ע אָ ד ע ר ד י א פ אַ ל ש ע י אָ ה ר צ ײַ ט", — „קאָמעדיא אין פינף אַקטען נעשעהן אין לעמבערג". — וואַרשע 1875, איבערגעדרוקט פון יוהאַניסבורגער אויסגאָב אוים יאָר 1861.

קלמן. — דאָ וועלען מיר האָבען אַ שטיקעל אַנטטוישונג. — עטינגער הוט אַף די אויסערלעכע אַקסעסואַרען גאָר ווייניק אַכט געלייגט. — י ר ח מ י א ל, אַרײַנקומענדיק אין שטוב, „נעמט אַראָפּ דעם ספּאָדעק" (ז"ז 11, 30); דאָסאייגענע ר' ש מ ע ל ק ע (65). — ג ב ר י א ל „טוט זיך אָן גאַנץ גישווינד און נעמט דאָס קופּערטיל אונטער דעם מאַנטעל אַרונטער" (38). — ח י י ם „ווישט זיך די אויגין מיט די פּאַרטשיילע" (29); אין אַ „פּ אַ ר ט ש י י ל ע" טראָגט דאָס קעסטעל צירונג גבריאל (70). — ס ע ר ק ע ל ע טראָגט אַ שטערענטיכעל און הוט „אַפּול קופּערטיל לויטער פּעריל, דיאַמאַנטין, קאַנקעס און אויבלען געשטיק"... (36). — דער פרעמדער גייט „אין דײַטשע קליידער" (64).

סענדער. — דאָס גאָר?

קלמן. — ווי דו זעסט.

אין זײַנע „מ ש ל י ם", געדרוקט אין פּעטערבורג 1889:

איך בין דאָס געווען ביז אהער
דאָס חערכיל פון זײַן שטראָמיטעל (92).

דער בעל ברית, אין דעם נײַעם קאַפּטען,
מיט זײַנע קרובים און קונדשאַפטען,
אין טלתים מיט ברייטע עטרות,
הערען זינגען דעם שיינעם „וכרות" (151),

צווי גאַנץ גרויסע לײַט, צווי רעגירערס,
זענין דעם חתנ'ס אונטערפיהרערס,
זיי העלפען איהם אָנטהון דעם קיטעל,
און די שיינע יום-כפור היטעל (159).

ד ר י ט ע ר   ד י א ל ו ג.

זייגע קליידער צו איבערבייטען,
גיט ער זיך גאנץ נעשווינד א פארע,
טהוט זיך אן דאס שטריימעל באצייטען,
אונ דעם קאפטען פון ראצימארע,
גיך חאפט ער אויף זיך זיין אײנהיל,
אונ אונטער דעם ארעם דעם סידור,
לויפט אריין אין דער הייליגער שיל
אונ זעצט זיך אויף זיין שטאדט אנידער (166).

איך בין מקנא לעת עתה
גאר די פרימע הייליגע שמאטע:
זי איז זיך גאר תמיד פריי פון דיר,
זי זעהסטו קיין מאל נישט אויף דיין פיהר.
תיכף ביי איהר ערשטען ארויספאר,
איז זי א חופה עטליכע יאהר;
דערנאך, אז זי קומט פון די כתות,
ווערט גאר אויס איהר א שיין פרוכת;
דאס געהט עס איהר גאר ווי צום בעסטען,
ווארום מען בעלייגט זי מיט טרעסטען,
איטליכער ייד בעזונדער, איש באיש,
גייט צו אונ גיט דעם גאנץ גרויסען קיס;
ווערד זי ווידער צערריכען איצינד,
לויפט מען אונ מאכט אויס איהר גאנץ געשווינד
א מענטעלע צו ספרי תורות,
אונ דערנאך גאר א שיין כפורת;
אונ צום סוף, איך מיין שוין גאר צולעצט,
אז זי ווערט צעררייסען אונ פארפעצט,
מע מיינט, זי קען שוין גאר נישט ניטצען,
הייבט ערשט אן א ייד זיא צו פיצען,

ליגט אַ לאַטע איבער אַ לאַטע
און מאַכט אויס דער הייליגער שמאַטע
אַ קינצלעך שײַן יום־כּפּור היטעל;
איצונד דינט זי גלײַך מיט דעם קיטעל,
ביז מע ליגט מיט געוויין און געשריי
אין דער ערד אַרײַן זיי אַלע דרײַ. (94).

אין גילדענגעשטריקענע קלײדער,
אין גאָר מאָדנע געשלײערט־כּסדר,
אָנגעלעהנט בײַם טיש, אויבנאָן,
זיצט די קימפּעטאָרן אָנגעטאָהן (115),
דער מאַרשעליק מאַכט גרויס לצנות,
ער טראָגט דער כּלה די מתנות.
אין דעם שטערנטיכעל אָנגעטאָהן,
טראָגט ער אַ שפּיגעל, נאָר אויף אַ צאָהן,
אַ פאַרטוך, אַ שפּיץ, אַ געשלידער,
אַ שײנעם קרבן־מנחה סידור,
זײַדענע זעקלעך, שיך מיט קלעצל
טראָגט ער אויף אַ זילבערן טעצעל (157).

איצט קומען װײַבער גאַנצע קופּות,
שײן אָנגעטהון אין רײַכע יופּעס (158).

„איך בין דאָך געווען בײַ אַ כּלה
אַ זײַדען קלײד אונטער דער חופּה (92).

איך בין געווען דער רעבעצינס שלײער (92).

איך דער גבאי'טעס קאָפּענציכעל (93).

איך בין דאָך יאָ געווען עפּעס גיטס,
איך בין געווען אַ באַרבאַנדער שפּיץ,
מיך האָט מען דאָס מיט פּערל געציירט,
און מיט גילדענע קײטען געשנירט,

איך האָב דאָך טאָקע מײדלעך בעשײנס,

איך האָב דאָך טאַקע ױנגלעך בעחנט (92).

סענדער.. — אַצונדערט װעסטו דיך אוודאי נעמען צו יצחק־יואל לינעצקין.

קלמן. — פריער צװײ ציטאַטען אויס ר׳ יצחק־בער לעװינזאָנס „הפקרװעלט" (צום ערשטען מאָל פאַרעפענט־לעכט אין ערשטען באַנד פון שלום־עליכמס „יידישער פאָלקסביבליאָטעק").

סענדער. — דורט האָסטו אויך אַנטדעקט עפּעס אַן׳ אַמעריקע?

קלמן. — אַפּ׳ן געביט פון דער יידישער װיסענשאַפט קומט נישט אָן שװער צו זײַן אַ קאָלומבוס.

סענדער. — ...אַזוי װײניק איז ביז יעצונד אויפגעטון געװאָרען.

כלמן. — איך לײען: „זעהט, מײן פרײַנד, אָט דעם יונגען מאַן, װאָס דאָ שטעהט אין מאַרק אַזוי ברײט, אויס גישטשאָגילט מיט אַ לאַכטיקינער בעקעשע, די פאָלעס פאַר שאַרט, כען זאָל דעם רױטין אונטער שלאַק מיט די ברײטע דאָמען אַרוים זעהן, האַלט די הענד אין די הױזען־קעשינע, מיט אַ פײן האַלז־טיכיל, גאָר מיט דער גאַנצער מאָדע... האַלט אַ רױטין פאַראַסאָל אין דער האַנד" (142); „אַ קבצן, װאָס האָט נישט אַטאָג איבער צו קומען, מאַכט אַחתונה; קײן נדן גיט ער נישט, ער גיט אַ שעבוד אויף זײַן אַ קבצן, און קלײדער מוז ער מאַכען, פופצעהן פלאַטיעס, ער רײסט די ערד און — קבצינט; ער מוז כאַכין אַ שטערענטיכעל מיט אוירינגלעך, אַ שובע, אַ כאַליפּ פון ראַצי־מאָרע און נאָך װעלכע שװאַרצע יאָהר. און הײנט חתן־מתנות, אַ שטרײַמיל, אַ כױבלען־היטילע, אַ טלית מיט שפּאַניר"... (146).

כענדער. — אַ פּאָר פרישע דעטאַלען צוגעקומען.

קלמן. — דאָס „חסידישע יינגעל" (װילנע 1897), — דער אײנציקער אויסגאַב פון באַרימטען „פּױלי־שען יינגעל" — געדרוקט אָהן קיצורים און פאַרקריפּלע־נישען, גור אַזוי װי דער מחבר אַלײן הוט אים געװאָלט זען.

דער העלד פון וערק גופא באַקומט פון דער מאַמען אַף שבת פון דער דרשה „אַ יאַרמעלקע מיט שפּאַניער איבער־גענייט פין אַ טשעפּטשעקיל, וועלכעס זיא האָט נאָך צוריק מיט אַ יאָהר פינעף, אויפ׳ן צדיק׳ם הבטחה, צוגעגרייט פינ׳ם מיידעלע זייגען״ (ז׳ 28). — ווען ער הוט שוין אָנגעהויבען „גייען אין קלויז אַריין, רייבען זיך צווישען דיא סקאַרבאָוויע קלויזנער בחורים״, איז ער „אַריין אינ׳ם טאָטענס אַ פּאָאר פּאַנטאָפעל״; „אַ חאַלאַטעקיל, דערציילט ער, האָט מען מיר איבערגע־נייט פינ׳ם אונטערשלאַק, וואס פין דער מאַמעס היפּע; אַ יאַרמעלקע האָב איך געהאָט, וואָרען אויף ראש־השנה האָט דער רבי געגיבען דעם טאָטען זיין אַלטע ווייסע יאַרמעלקע, האָט מיר דער טאָטע אַוועקגעגיבען זיין שוואַרצע יאַרמעלקע״... (52). — ווען מ׳רופט אים פון קלייזעל אַהיים, „וואָרען ס׳ איז געקוממען אַ שדכן מיט אַ פּריזוער״, שיקט מען אים צו „דעם טאָטענס שבת׳דיגע זשיפּעצע״ (59). — פון אַ פּאָר יאָר גייט ער שוין „אינ׳ם מאָטענס פּאַנטעפּעל״, טראָגט „אַ קאָפּטענדעל״ מיט „פּאָלעס וויא 2 פליגעל פין אַ זשו־ראַוועל״, „ווייסע תחתונים״ מיט „בענדלעך״ און אַפ׳ן קופּ אַ גרויס „מיצעל״ (82פ.).[1]— תתונה־קליידער נייט מען פונויינעטוועגען: „2 טערקעש־לייוועגטע העמדער מיט 2 פּאָאר תחתונים; אַ סיראַטשקען קאָפּטענדעל אויף דער וואָכען אונ אַ איילקיטייעס אויף שבת אונ יום טוב; אַ וואַטאָווע פּיסטרענע טשאָיקע אונ אַ ראָצעמאָרען ראָזעוואָללקעלע, איבערגענייט פין דער מאָמעס חתונה־איפּע, נאָר קיין אַרבעל האָט ניט געהאָפּט, האָט מען אַריינגעשטעלט אַ פּאָאר אַרבעל פינ׳ם טאָטענס אַ פּאָאר אַלטע אַטלעסענע, ווינטערדיגע תחתונים, וואס דער רבי האָט זיי איהם געשיינקט צו זיין חופּה דרשה־געשאַנק. אונ אַ בערשידער טלית־קטן מיט אַ פּאָאר יאָלעוועטשענע פּאַנטע־פּעל״ (84).

דער רבי נעמט אַרויס „זיין זיידענע פּאַטשיילע פין דער זשי־פּעצע״ (160). — אַף דער חתונה קומען „ער מיט דיא זיהן אונ איידעמס אין דיא יום־טוב׳דיגע זשיפּעצעס אונ שטריימלען״ (165). — פּאַר׳ן אַוועקפאָרען „האָט מען געבראַכט אין קלויז אַריין 2 וועג־טליבעס, מיט 2 סויבלענע לאַפּעגמיטצליך, מיט 2 פּאָאר וואַרימע, זאַמ־

שיִנע פּויסטען, פֿאַר'ן רבי'ן מיִט מחונצי'ן" (180).

דער מלמד „איִז געזעססען אויוועגאָן בײַא דער הריבע אָהן אַ קאַפּאָטע, מיִט פֿערגעלטען טלית־קטן... אַ צעשפּאָלטענע פֿערסאָלעטע יאַרמעלקע איִן פּעדערען, וואָס איִז פֿיִן פֿערעלטערטע קנײַטשען שוין אַזוי אײַנגעשרימפּען, אַז זיא איִז שוין מעהר אײַנליך אויף אַ פּאָקרעשקע וויא אויף אַ יאַרמעלקע" (19פּ.).

אין פּורימשפּיל: „דער באָדיונג איִן אַ קאַפּטען מיִט אַ ספּאָדעק איִז געוועהן מרדכי", „אַ פֿאַרשטעלט משרת'ל איִן אַ היִפּע מיִט אַ שטערינטיכעל איִז געוועהן אסתר" (51).

אפילו אַ שרעטעלע איִז אַ חיהלע „איִן אַ יאַרמעלקע מיִט אַ לײַבסערדעקק אָהן ציצית" (30).

די יידען גײען דרײַ מינים כובע'ס: „ספּאָדעק, קרײַנדעל, מיטצעלל" (74).

דער בדחן אַפֿ'ן חסידישען יינגעלס חתונה: „מיִט אַ שוואַרצער קרײַקע אונטערגעגאַרטעלט טיעף אונטערען בויך, מיִט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק איִנ'ם קאַשקעט, וואָס דער דעניק איִז שוין אײַנגעקלײַבט געוויין אויף זײַן קאָפּ וויא אײַן אַלטע יאַרמעלקע... אונ מיִט אַ פּאָאר גרויסע צערפּעטע יאַלעווישענע שטיוועל" (94).

ווײַבער גײען „געשלײַערט איִן יאָמפּערקעס, שטערנעטיכלעך אונ פֿליערליך" (29). — מ'רעט דעם חסידישען יינגעל אַ שידוך: „געלט האָט זיא אויך ניט, נאָר אַ גאָרדיראָבע־בגדי־מלכות! דהיינו: זיא האָט גע'ירשה'ט דער קלאָטשקעוואָטער רבי'צענס אַ וואַטאָווע לײַבטיקענאַשיל אויף הײקעליך מיט אײַן אײַלקיטײַענער קערטקע איִן אַ פּאַסקעלע, אונ אַ ברוסטיך מיט שפּאַניער האָט זיא נאָך פֿין דער קאָלטענעוואָטער מאַגיד'קע" (59). — די מחותנתטע איִז להרוג ולאבד, „פֿאַר וואָס מע האָט דער כלה קײַן פּעלענע מושקע ניט געגיבען" (96). — דעם חסידישען יינגעלס צווײַטע כלה קומט אונטער דער חופּה „איִנ'ם גרויסען שטערנ־טיכעל מיִט אַ מאָרענפּאָסענע איִפּע" (165). — אַפּ'ן מלמדס דערוואַקסענער בתולה ווערט „הענג דאָס לײַבטעקע־אַשעל" (27). — די דינסטמויד טראָגט „אַ פּאָר אַלטע שקראָבעס פֿינ'ם טאָטענס יאָלעווישענע פּאַנטעפּעל"

(14). — די מלמדקע „האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ פערשמאָלצעוויטע קופּקע” (19)[2].

דעם חילוק צווישען וואָכענדיקען און יונטעוודיקען שטאַט געפינען מיר אין דער פאָלגענדיקער שטעלע: „יאַקאָס, דער ליעבער סוכות איז אַוועק, וויא אַ ליטוואַק פין ווייב און קינדער... פין דיא שטריימלעך איז געוואָרען גאַרעסענע מאָזניצעס; פין די ראַצעמאָרענע זשיפּעצעס — פּיסטרענע ברישליעקעס, פין שטערנטיכלעך — פערשמאָלציוועטע יאָמפּערקעס;... פין פּאַנטעפּעלעך — שקראַבעס”... (44).

סענדער. — אַלץ געמאָלט מיט נישטשלעכטער בילדלעכקייט.

קלמן. — אין „וואָרעם אין כריין”, געדרוקט אין שלום־עליכמס „יידישער פאָלקסביבליאָטעק” (קיעוו 1888, 1889): ר' לייב וואָלצים שטייט פאַר זיין שטוב „אין אַ יאַרמעלקע, פול מיט פעדערען מיט אַ ציצענעם האַלאַט אין פּאַנטעפּעל אָהן קאַבצים” (I 72). — „אָ, טהייער קלימעקיל מיינס! וואָס איז דען אין דיר ניט געלעגען? מיין ראַצעמאָרען זשופּעצעל מיט אוים געטריפּעטע אַרבעל, וואָס האָבען, מיט זייערע פּאַסמעס וואַטען און ראַצעמאָרע, אויסגעזעהן פונקט ווי יעקב אבינו'ס געפלעקטע שטעקענס ביי די קאָרעטעס... מיין אָפּגעקראָכען נאַפּאָליאָנקעלע, אָדער חצי שבת'ל, פון וועלכען די גאַרע איז שוין מעהר פּאָחאָזשע געוועהן אויף אַ קניש, ווי אויף אַ וואַרעניק... (און גערופען האָט מען עס דאָך „וואַרעניקעל”...); ...אַ־נ־אָפּגעבליאַקיוועטער גרינער סאַדעגערער שאַל און אַ העמד מיט אַ פּאָר תחתונים, ביידע פון טערקישער לייווענט” (I 90). — אַ יידיש קינד, אַ „פּויליש יינגעל”, איז „אין אַלע ענינים דער אייגענער יוד, וואָס דער טאַטע... אינ'ם הלך טראָגט ער פון קינדווייז אָן אַ יאַרמעלקעלע, אַ פערגעלט טלית־קטנ'דיל, זומער איין איילקעטייען קאַפּטענדעל מיט אַ פּאַלבאָן אויף אונטערוואַקסען, מיט אַ האָזען קאַפּעליושעל, און ווינטער אַ געשטעפּט וואַטאָווענע ברישליקעל מיט אַ גאַריסען מאַזניטשקעלע, אָדער אַקליין לאַפּענמיצעל” (II 100). — „אַ יוד, וואָס זיין גאַנץ לעבען איז אויף זיין באָרד און פּאות קיין קעמעל מיט קיין בערשטעל מיט קיין שערעל נישט געקומען, זיין מאַזניצע מיט דער

יאַרמעלקע האָבען שוין פאַרוועגען העכער אַ פוד, און ער, דער תכשיט, האָט זײַ אויף קײַן מינוט פונ׳ם קאָפּ נישט אַראָפּגעלאָזט און זיך געטישעט מיט זײַ, גלײַך ווי ער טראָגט אַ גילדענע קרוין״ (II 104). — „דאָס נײַע קאַפּאָטקעלע צו די תנאים איז געווע־זען אַ גרינ־קאַמליעטענס״ (II 111).

סענדער. — ס׳וואַקסט ווי אַ לאַווינע!

קלמן. — מיט לינעצקין זענען מיר באַלד פאַרטיק. נאָך אַ פּאָר שורות אוים דעם „כּל בּוניק״ (זשיטומיר 1876): „פּאָרין צו אַ גוטען יודען אין שטיפין איהם אַרײַן אונטער ווײַלעכין אַ פדיונ׳דעל ב״פּ ח״י, אַ פּאָר אויסלענדערשע פּאַנטעפּעלאַך, אַ מײַלאַנדער אַטלעסענער זשיפּעצעל״... (ז׳ 12); „מיר דאַכט, אַז דעם גוטען יודען איז גאָר נמאס ומאוס צו קיקען אויף זײַער פאַרשמאָלציוועטע יאַמפּערקעס״ (13); „אַ פּאָר גרײַזעליך, מיט אײַן אײַלענקיטײַען זשיפּיצעל, מיט יוחטענע פּאַנטעפּעליך, מיט ווײַסע תחתונים׳ליך און מיט אַ צעהראַסטעט הערצעלע״... (18); דער טעראַרעווקער רבּי זיצט „מיטין לאַפּענמיטצעל פאַריקט אוף דער פּאָטיליצע״ (22); בּאַ אַ געוויסען יוד „האָט ניט געסטײַעט דער ספּאָדעק״ (25); „די רביצין האָט צו ריסין דער מלמדקעס שלײַער, די מלמדקע האָט אַראָפּ גיחאַפּט בײַם רב זײַן שלאָפּענמיטצעל״... (27); „אַ גרינ ווײַבעל מיט אײַן אָבּגעבליאַקעוועטער אַטלאַסע־נער מושקע״ (31); „אַ קראַנק ווײַביל פון אַ יאָהר עטליכע אין צוואַנציג, מיט אַ שאַמאָווע פּאַטשײַלעכין אופין קאָפּ״ (31); „אַ גאַנץ אַלטע געקאָרטשעטע יודינע מיט אַ נעלע יאַמפּערקע״ (32). — אַף ז׳ 63 אַזאַ וויץ:

אַ מאָל האָט מען דעם קאָפּ זײַער טײַער געשאַצט,
פאַר אַ גוט שטרײַמעל האָט אַ הינדערטער גיפּלאַצט.
אַ פופציגיר פאַר אַ גוט סויבּלען מיטצעל,
אַ פינעף און צוואַנציגער פאַר אַ ספּאָדיק מיטין שפּיטציל.
אויף די פּיס האָט מען זיך ניט אונגעקיקט גאָר,
פאַר אַ פערציקער אַ פּאַר פּאַנטאָפיל אויף אַ גאַנץ יאָר!
הײַנט שפּילט דער פּיס אַ גאַנצע ראָלל,

מע מאַכט פֿון זײַנעט װעגין אַ געפֿאַרבטין פֿאַלל.
שיך, שטיװעל, שטיװעלעטען און קאַלאָשען,
דאָס קאָסט אָפּ אַ יאָהר אַ שײַנער גראָשין!
דרײַסיג, פֿערציג קערבליך שוין גאָר ניט גירעט,
אין דעם קאָפּ טוט מען אָן פֿאַר אַ פֿינעף גילדענשטיק אַ קאַשקעט!
זאָל שוין דיר פֿיס פֿונעם קאָפּ טײַערער זײַן נאָך הײַנטיגע ישרנות!
איז מיר טאַקע אַ חידוש באמנות!!!...

סענדער. — אַ גאַנץ װױלער קופּלעט!

כלמן. — ענדלעך, אַף ז׳ 67: „דער יעניגער, װאָס װײסט ניט קיין צורת מטבע; ער טראָגט אַ גרויס אָפּ געריבען לאַפּען מיטצעל, איבער די אויגין, און אַז ער טוט אָפּט אַ קנײַטש מיטין שטערין אַרוף, רוקט זיך אַראָפּ דאָס מיטציל אופין האַלזאַנהאַקען, טוט ער אַ קנײַטש אַראָפּ, פֿאַלט דאָס מיטצעל כמעט אוף דער נאָז; ער האָט אַ לאַנגעו דאַרען האַלז און אינמיטען אַ קנאָפּ װי אַ-נ-איי די גרויס, אי־נ דער קנאָפּ לופֿט אַלע מאָל אַרוף און אַראָפּ איבערין גאַנצען האַלז, אַזו װי קװעק זילבער אין אַ גלעזערין רעריל; אויפ׳ן הארצין טראָגט ער אַ קישעלע; די פלודערין זענין קורץ, און פֿאַרשפּיליעט אין אַ קרעמפּילעך; די זאָקין איז אײנער אַ באַװלינער, און אײנער אַ װאָהלנער, דער קאַפֿטין איז געשטיקעװעט פֿון אַלערלײַא צײַגין און אָפּ געבליאַקעװעט, און פֿון די פּאַנטאָפֿיל קריכט אַרויס די שטרויא; דער קאָפּ איז געגאָלט ביז דער הויט, און די צװײ לאַנגע פּאות װי דער גלות װײַזען אויס װי מיט סמאָלע צוא געקלעבט צום קאָפּ; באַם דאַװענען שארט ער מיט די פֿיס, גלאַנצט מיט די אויגין, פּאַטשט מיט די הענט, און שרײַט מיט אַ װידער קול, װי אַ טיגער, בײַא איזהו װײנט ער, און בײַא והוא רחום לאַכט ער, איין װאָרט זאָגט ער אַ מאָהל צװאַנציג, און אַ סך מורמעלט ער גאָר אָפּ, אַז מע פֿערשטײט ניט אַ האַלב אות. אין בײַא דעם אלומען אָרט איהם גאָר ניט, װאָס מע לאַכט פֿון איהם, תמיד האָט ער אין זיך דאָס װערטיל: „יאַק רײדעלע טאָ רײדעלע, אַביא דאָבראָ מײנעלע״,—אָט דער הײסט אַ װ י ל ד ע ר י ו ד״...

סענדער. — דער פּורטרעט לוזט זיך מאָלען.
קלמן. — „דער פּריטשעפּע״ (אַדעס 1876):

„דער שקאָנטיסט װאָלט שוין אפשר אַנטליגען דעם אָפּגעקימענעם בעל הבית אַ קערבעל אויף זײַן יום טוב׳דיגער קאָפּאָטע, האָט ער זיך אָבער קיין הערץ ניט, איהם צוזעהן יו״ט אין שיהל אין זײַן װאָכעדיגער בורקע״ (9). — „אַ װאָלװעל אַטלעסען קאָפּאָטקעלע (איך מײן מיט אַ שפּאַלט...)״... (19). — „אַ בײַגאַ־טעל אָנגעשלאָגען מיט ממון קרח״ (24).— „עטליכע העמדער אין ב״ח און פּליעדערליך אין תלמוד תורה״ (42).

„אַ גרויא יודעל מיט אַ רויטער נאַז,
אין אַ פּאָאר בריללען פון בלאָחלער גלאָז,
אין אַ צילינדער מיט אַ לאַנגען טוויז —
דאָס הייסט: איך בין אהער אונ אהיען...
איך בין אַ חסיד, אריסטאָקראַט אונ דאָס"... (44).

„אזוי דריי איך מיך תמיד מיט אַ זאָנטיג אין האַנט" (45).— „זיך ארויס-נעחאַפּט פון דער מלוה מלכה נאָר אין איינע קאַפּטענדליך" (49). — דער רבי" נייט „אין אַ גוטען פּיקסענעם טיליפּ מיט ווארימע פויסטען" (49).— „קיין פלו-דערליך טראָגט ער גאָך ניט" (62).

„דער בייזער מאַרשעליק" (וואַרשע 1879):

אָט געהט דאָרט אַ מאַמזעל,
ווּיא דאָס גרעזיל גריען,
דאָר איז זיא וויא אַ פּעל,
מיט אַ גרויסען קרינאָלין.
אפילו דיא חסידישע דרופּקעס
ווילען שוין גאָר אין קעך ניט טהון,
זיא געהט שוין אויך אין סקרופּקעס,
אין קוקט, וויא פּייגיליך פליהען!... (I 14).

וואָס טויג דעם חסיד דעם טלית קטן,
אז ער טראָגט שוין אויך אַ וועסט?

דער חסיד בייט דיא שקראַבעס
אויף אַ הויכען אַפּצאָס (I 15).

אין אַז ער הייבט אזהר אָן צוא מאַכען
דאָס אויבער קלייד,
אזוי באַלד הייבט זיך אָן דערפון אַ רייד,
אז ציא מוז זיך גאָך שלעפּין צוויי ארשין,
עס פּאַסט אזוי אָקייגען דער וועלט צו טהון.
אָן דעם געהט זיא ניט אונטער דער חופּה.
דאָס האָט נאָר געמאַכט דיא מאָדע, דיא קלופּה! (I 20).

אַז מעהאָט אמאָהל געטראָגען שיך אין פּאַנטאָפיל,
האָט מען געגעסין מיט הילצערנע לעפעל,
אויפין טיש מיט אַ ערדענע שיסעל,
מיט אַפּעטער יאָך אין נים קיין ביסעל.
היינט טראָגט מען שטיוועליך מיט זאַקאַלישקיס,
אין מיט זילבער עסט מען אָלישקעס!...

מיט לייווינטענע הויזין גאָר פאַר ווייניג געלט

האַט אַמאָהל אַ יוד פאַרבראַכט דיא גאַנצע וועלט.
הײַנט בעציהט מען הויזין פון אויסלענדער פאַבריק,
און זייא ווערין צעריסען טאַקע אין אויגען בליק...

אַז אונזערע עלטערן האָבען דערפין ניט געוויסט —
אַ גאַרעבאַלדי, אַ שלאַפע, און אַ בראַשעק אויף דיא בריסט, —
האָבען זייא אַ-נ-אמת גיט פאַרבראַכט דיא צײַט.
אַ געזונטען געפינט מען צווישען דיא אַלטע לײַט.
הײַנט פליהען מענשעליך אַזוי וויא פליגען אין גאַס,
מיט אַ הוט, אַ זאַנטיק, און אין מויל אַ פאַפּיראָס!... (I 22).

דער מיט'ן קאַפּטען און דיא מיט'ן פראַק
הלעבען צווייא גלײַכע מחותנים (I 35).

אויב אַ קערצער ראָק קען דיא בילדונג ציא זיך אנלאַדען,
אָט נעם איך מײַן אַלטע קאַפּאָטע און הײַס זיא איבערשנײַדען.
אָט נעם איך דיא ווײַסע תחתונים און שטיקעווע ציא צום סוף,
וועל איך זיך שוין באַלד ווערען אַ גאַנץ הײַסער פילאָזאָף.
נאָר איך ווײס, דער אמת איז ניט אַזוי,
דיא בילדונג געווענט זיך ניט אָן קליידער.
מע מעג טראָגען אַ שליאַפע פון שטרויא,
קען מען ערשט זײַן אַ בעדער! (I 37).

אַ מאַנטעל איז שוין אויך אויף געניײט,
און אַ מופטע אויך אויף דער האַנד. (I 47).

געדענקסט דוא חאַטשע
דײַן ברישליעק אויף קלאַטשע
און דעם עלקעטײַענעם קאַפּטען אויף אײַקעלעך?
הײַנט בּיסט דו גאָר אַ פראַנצויז
מיט אַ לאַנגען הויז
און מיט אַ פּאָר קערצע פײַקעליך! (II 36).

און, אַלס צוגאָב, אַ פּאָר שטעכווערטלעך אויס „ד ע ם ו ו ע ל ט-ל ו ח פינעם יאָהר אין-כסף“ (אַדעס 1883):

„אין אַ פיד איז דאָ צוויי פּוילישע ספּאָדקעס, און אַ ספּאָדיק איז אַ פּאָר פּאַנטאָפעל, און אַ פּאָר פּאַנטאָפעל איז צווייא שיניאָנעס, און אַ שיניאָן איז צווייא לאַפּענמיצלעך, און אַ לאַפּענמיצעל איז פינעף פינט מיט אַ פערטיל“ (ז' 10). — „דעם רבין ר' דנא שאול'ס מיצעל איז אלליין ארימגעקראָכען אכצען יאָהר נאָך זײַן פטירה, דעם גרויסען ר' גאָדי'ס זשיפּיצע איז לעבעדיגער הײַט און הימעל אריין, דיא פרימע יענטעלעס יאַמפּערקע הײַגט פאַר אַסטענגע בײַא

ר׳ אברהמי׳ל חיריקס ספאָדעק, דעם אלטען ר׳ אָהרצי׳ס קאפעליש איז א לאָקשען טאָפּ ביים מלאך הגודגדה״ (11). — „פליצים ריקט זיך א מחותן מיט א ראצעמאָרענער קאפּאָטע״. (18). — „ר׳ וואָלף קיציס פלעגט אָפט פער־ליערען דיא פאנטאָפעל, ר׳ נחמן האָראָדענקער פלעגט זיך טובלען אין דער יאר־מעלקע״ (20). — „ר׳ שמואל קאמינקער האָט געטראָגען א זשיפּיצע מיט צוויי־ערלייא סטראָקעס״ (21). — „וויא נעמט מען א בורנוס פון דראפּ? וויא וועט זי נעמען א קרינאָלין אויף אכצעהען רייפען? ווער וועט איהר א סיטקע אויף ביסער אויסשלייפען? היינט א גאריבאלדי, א שליאפּע דארף זי דען ניט?״ (49). — „פאר וואָס געהט דער רב אין דער וואָכען א שטריימעל״? (64), „וואָרען די רבצין געהט אין ספאָדיק״ (65).

סענדער. — ערשט, מסתמא — יעמוד ר׳ אייזיק מאיר דיק!

קלמן. — ווּלסט געווען א גוטער מאַרשעליק...

סענדער. — דער איינפלוס פון די לעצטע ציטאַטען...

קלמן. — דעם ווילנער פיונער פון אונדזער נייער ליטעראַטור קומט א גרויסער יישר־כח פאַר דעם קליינעם טראַקטאַט, וואָס מיר געפינען, וועגען דער יידישער קליידונג, אין זיין „ר׳ שמאַיע דער גוט יום טוב ביטער״ (ווילנע 1887):

„עס איז שוין מעהר אַלס פופצעהן יאָר, דאָס מיר יודען האָבין גיענדערט דאָס קליידונג.

„פופצעהן יאָר צוריק איז דיין מוטער גיגאַנגען אַ לייביל מיט קישקעס, אין פאַנטאָפיל מיט בעשמיטע קאָרקעס. דער קאָפּ וואַר גיגאָלט דורך אויס גלאַט, וויא היינט ביי דיא נייע וועלט דער קין באַק, דאָס הייסט דיא מאָרדע; וואַר אַרום גע־וויקעלט מיט אַוואָלענע טוך, וויא דער קאָפּ פון אַטערק. אויף דעם האַלז איז גיהאַנגען אַזמוט פעריל אויס גיפוצט, אָדער אַ האַלז באַנד פון פעריל שטיקליך און קליינע פערעליך, וויא עס טראָגין היינט דיא חאָרטעס. גאָר פון אויבען אַסובב האָט זיא געטראָגין אַוויים ליילין...

„אונזער מענליכער גאַנג וואַר דאַן אויך זייער ווילד. ווייסע זאָקין, שמוציגע שיך. אַלאַנגע זופּעצע אַ דעליע. דאָס איז גאָר גיווען אַשפיל צאַצקע פאַר דעם ווינד. זיא האָט ניט געשיצט ניט פון היץ און ניט פאַרשטעלט פאַר אַשטו־רעם. דיא לאַנגע אַרבעל וואַרין ניט צום אָן טאָן און דיא פּאָ־לעס ניט צום איין וויקלען זיך.

„נאָך מער פאַר אַלץ וואַר לעכערליך אונזערע פינף היטלען.

„דיא פינף היטלען וואַר איינס דאָס שטריימיל. דער ווערך וואַר סאַמעט און אונטען וואַר זיא בעלייגט מיט סויבעלענע אָגאָנקיס, און וויל עס וואַר פיל עקעליך, וואָס זענין געווען גידעקט איינע איבער דיא אַנדערע, ביז עס האָט אויס גיזעהן וויא אַקליינער שטראָם וואַסער, האָט מען עס גירופין שטריימיל. דיא היטעלע וואַר קודש קדשים. מען האָט איר נאָר געטראָגין שבת און יו"ט, אַחתן אונטער דער חופה, און פורים צו דער סעודה.

„דיא צווייטע היטעל וואַר אַקיילינדיקע פון אַ גוף סויבעל. מען פלעגט זיא טראָגין חול המועד, אין ראש חודש אין ל"ג בעומר, און אויף אַ שמחה. אַבעל דרשער פלעגט זיא טראָגין אין דער וואָכען.

„דיא דריטע היטעל וואַר אַקיילעכדיקע, אָבער פיל שמעלער, הינטען אויס געשניטען. מיהאָט איר גערופין האַלבע לבנה, חאַבאַדניצע, וויל דאָס פלעגין טראָגין חסידים, קלויזנער און בטלנים.

„דיא פירטע וואַר אַ קלאַפאָווע היטעל. זיא האָט גיהאַט דריי קלאַפעס אָדער דריי לאַצען. איינע אַברייטע און אַלאַנגע פאָרינט, און צווייא קלענערע ביי דיא זייטען. זייא וואַרין בעלייגט ענטוועדער מיט סויבעל, מיט עלק אָדער גאָר מיט פיקס. דיא היטעל האָבין גיטראָגין על פי רוב בעלי עגלות, וועגס לייט, בעלי בתים בשעת זייא פלעגין גיין אין מרחץ.

„דיא פינפטע היטעל וואַר דיא ראָגאָווקע אָדער אויער היטעל. פון פאָרינט האָט זיא אויס גיזעהן ווי אַשטריימעל, פון הינטען וויא איין קלאַפאָווע היטעל. פון פאָרינט האָט זיא גיהאַט אָגאָנקעס, און הינטען צווייא קלאַפעס אָדער אויערין. די וואָלינער רופען דאָס חצי שאַבעתיל. און דער חצי רב, וואָס וואַר דער גועסטע גלייכווערטיל זאָגער, האָט דאָס גערופין מתושלחס היטעלע[3]... אין אַזוי אַ היטעל פלעגין צו גיין בעלי בתים גבוהים, סוחרים, פאָדראַדציקעס און דאָס גלייכין. זיא וואַר אַסובילנע, זיא פלעגט קאָסטין גאָר דיא געלט.

„דיא קירזנער פלעגין אין אלע דיזע היטלען אן שפיגעווען אלערליי האר פון אלערליי באשעפעניש. ניט איינע פון זייא האט גיטויגט אין ארעגין, אין אשנייא, אויך ניט אין אפראסט. פשיטא שוין ניט אין דעם טאג, ווען עס האט גישיינט די זון, דען וואס נאך אין דער וועלט שאדעט אזוי פוטער ווארג, ויא זון שיין, בפרט ווען זיא איז נאך צו גישטרייכט. דיא היטלען האבין מער ניט גיטויגט נאר צו גיין אין שול אריין, אין בית המדרש, ארויס צו חאפין זיך דיא לבנה מחדש זיין אדער א'יף א תנאים גיין, אדער א חתן גיין זעהן, מקבל פנים זיין, אדער גאר יום טוב ביטען. דאס האט זיא גימוזט זיין צו גידעקט מיט א פארצ..לקע אום זומער, דאס עס זאל איר ניט שאדין דיא זון, אין אים ווינטער, דאס עס זאל איר ניט שאדין דער שנייא.

„ר' שמאיע האט גיהאט אלע פינף היטלען... אגאנץ זומער זענין זייא אלע גיהאנגען ביי זאמען אויף דער וואנד צו גידעקט מיט א שפינען גיוועבע. דען ער האט זומער גיטראגין אקאפעליש. קאפעלישען ווארין דאמאלס צווייערלייא. איינערלייא, וואס עס האבין גיטראגין יונגע לייט. דיא פארמע וואר א הויך קעפיל מיט א ברייטע ראנד. אונ דער אנדערער סארט וואר א קעפיל א פיצינקעס, קאליכדיג, וויא א יארמעלקע, אונ דער ראנד וואר ברייט וויא אפאראסאלניק. שווארצע שנירלעך וואר דורך גירוקט דורך דעם קעפיל אונ דורך דער ראנד, דאמיט דיא ראנד זאל ניט הענגען איבער דיא אויגען. ערב תשעה באב האט מען דיא שנירלעך ארויס גיצויגען, און דער קאפעליש איז אראפ גיהאנגין ביז דיא אקסלען. נון פאר שטייט זיך זעלבסט, דאס אונזער גוט יום טוב ביטער האט גיהאט א קאפעליש פון צווייטען סארט.

„דיזער גוט יום טוב ביטער האט גיהאט איינע מארענע זופעצע אין קוויאטען, וואס ער פלעגט איר מער ניט צו ניצען וויא אום יום טוב. זיא וואר זייער אלט, אבער דאך גאנץ. דער בוזעם וואר בעלייגט מיט געבלימטע פאסעמאן אונ האט זיך פאר שפילעוועט מיט זילבערנע האקין. אונ דאס גלייכען ווארין אזוי, דיא ארבעל. דיא קעשענים ווארין ארום געניייט מיט רימען, כדי זייא זאלין זיך ניט רייסען, פון דיא בגטעל-

קעס בראַנפּין, וואָס ער פּלעגט אין זייא אַריין שטעקין, בשעת ער פּלעגט גיין גוט יום טוב ביטען. זיא וואַר אונטער גישלאָגין מיט באַרכענט מיט געלע פּאַסין.

„נון, מיין טייערע לעזערין, קען איך דיר געבין דער צו נאָך באַריש זיינע שיך אונ זיין דעליע...

„זיין דעליע איז געוועזן וויא מען זאָגט אַמעסיר אָן אַשטיל, וואָס עס פּעלט דער קלינג. דען זיא וואַר אַצוריסענער אונטער אונ אויבער שלאַק. זיא האָט אין זיך גיהאַט אַלערלייא שטיקלעך וויא איין חלה טישטיכעל: זיא וואַר גילאַטעט מיט שטיקליך גראַדיטער, אַטליס, הויזען צייג, לאַסטיק, דיבעט, קיטייג, מאָרע. דיא טאַשמעס וואַרען האַיועלנע אונ רעכט שמוציג.

„זיינע שיך וואַרען זייער גרויס, אַלט, גילאַטעט, אונ זייא וואַרין ניט גערייניגט פון פראַנצויז אָן. ווען ער וואָלט זייא ניט גיוואָרפען עפּטער דער וועב אין קאָפּ אַריין, וואָס דורך דעם פּלעגט זיך דיא בלאָטע פון זייא אָפּ צוא שאָקלען, וואָלטען זייא גיוועזן אַזוי דיק אונ גראָב, וויא קאַזומס פּאַנטאָפּעל״ (17—23).

„יום טוב אין דער פריא נאָך דעם דאַוונען פלעגט מען איהם צוא זעהן, וויא ער גייט אין זיין ליבע זופּעצע, שטריימעל, דעליע איבער דיא גאַסין אונ מאַכט גרויסע שפּריזען״... (ז׳ 25); „איז אָבער גיוועזן איין רעגין, איז ער גיגאַנגען דיא פּאָלעס פון דער זופּעצע פאַר קאַשערט מיט דיא פּאַסקעוואַטע באַרכינט אַרויס. דיא דעליע וואַר אום גיקערט אונ פאַר דרייט אונטער דעם אָרעם. דיא געדאָפּעלטע לאַנגע רעמאָנישע פּאַרציילע, וואָס וואַר בייא איהם דורך גירוקט דורך זיין גאַרטעל, אונ האָט גיגרייכט ביז דער ערד, וואַר פּאַרשלומפּערט ביז דיא קניא. דאַן איז ער שוין ניט גיגאַנגען, נאָר גילאָפען״... (ז׳ 26).

סענדער. —אַ לעבונג אַף דיין קופּ,—ווי די וואַרשעווער יידענעס בענטשען, דאַנקענדיק פאַר אַ טובה. הוסט מיך פּשוט מחיה געווען — געעפענט די אויגען, וואָרען עס הוט זיך מיר שוין אָנגעהויבען מישען דער מוח.

כלמן. — קלאָרער געוורען אַ פּאָר זאַכען, ס׳וואָר?

וויט.ר. — „ד ע ר ל י ט וו אַ ק אי ן וו אָ ל י נ ע ן" (ווילנע 1870):

ר' מ ע נ ד ע ל ש ו ס ט ע ר „וואַר גיקליידעט וויא איין רעכטער בטלן, דאָש הייסט אין אַזופעצע מיט אַבריטין זיידען קיטייענעם גאַרטיל, אין אַקאַפּעלוס, וואָש וואַר מיט אַקליין קיי-ליכדיקעס קעפיל אונ מיט אַבריטין ראַנד, וואָש באַפעסטיגט צום קעפיל מיט שוואַרצע שנירלאַך, אונ דער צוא נאָך אין איין קעמעל האָרענע דעליע" (ז' 12).— „די באַ ל ע ב אָ ס ט ע זעלבסט" איז „געקליידעט זייער רייך, אין אַטייערע בינדע, אין בורלאַנטענע אורינגלאַך" (22).— דעם ליטוואַק הובען „איגגלאַך... גיצופּט פאַר זיין חצי שבתיל (ראַגאָפּקענע היטעל)" (23); צו דער חופה טוט ער אָן „זיינע שבתדיקע בגדלאַך, דיא שטריימעלע, אַ ווייסע העמד"... (24)

„ר' ט ר יי ט ע ל ד ע ר ק ל יי נ ש ט ע ט ע ל ד י ק ע ר נ ג י ד" (ווילנע 1872):

„נעם איך מיר דיא פריהייט צו דאַבאַווען דאָ צו דער בעשרייבונג פון דיזעם ר' טרייטלען נאָך אַדריטע זאַך, אונ דאָש איז זיין קליידונג, דען דיא קליידער זייען אימער איין טרייער שילד (זנאַק) פון זייער טראָגערס ראָלע, וואָס ער שפילט אויף דער וועלט טעאַטער אָדער אויף דעם לעבענס ביהנע (שצענע), אפילו בזמן הזה, וואָש מען גייט אָן גיטאָן טייך (אַזו, למשל, דער, וואָש איז נור איין שייף ועייל אונ שייף ונפיק (אַריין אונ אַרויש גייער) אין בית המדרש, גייט ניט אין לאַנגע מייטקעס אונ טראַגט לאַנגע קליידער, איין היפך פון איינעם וועלטליכין, וואָש טראָגט קורצע קליידער או לאַנגע מייטקעס; איז ער נאָך אַשוּקיל למדן, טראָגט ער אַ היטעלע אָן אַקאַזעראָק; איז ער אַרעכטער למדן, טוט ער זיך אָן אין אַטלעס אום שבת, אונ אַזו אויך ווער עס האַלט זיך נאָר בכלל שיינער איד, גייט אַלץ נאָך אין זיידען צייג, אונ דער צו נאָך אַנאַ־טעל פאַר גנבעטערהייט), אונ פשיטא שוין דאַמאָלס, אַלס מען איז נאָך גיגאַנגען גיקליידעט אידעש, וואָש דאַן האָט יעדער פאַלב אונ יעדער קנייץ אין בגד געמאַכט אַ גרויסין אונטער שייד צווישין אַלער האַנד מענטשין. אויך וואַר איין גרויסער אונטער שייד צווישין איין א ו י ע ר ה י ט י ל

טרעגער און צווישן אַ ח אַ ב אַ ד נ י צ ע טרעגער, צווישן אײַן ק ו ב ע טרעגער און אײַן ד ע ל י ע טרעגער.

„די ג״עסטע ראָלע אָבער האָט געשפּילט אונטער די אידעשע קלײדער גראַדע דאָש קלענסטער בגד, און דאָש וואַר דער גאַרטעל. ער וואַר דער ריכטיגער גראַדען צײַגער פון דער הײסקײַט אין אידעשקײַט, ווי דער טהערמאָמעטער איז דער ריכטיגסטע גראַדען צײַגער פון דער הײסקײַט אין דער לופט, נור מיט זײַנעם שטײַגען, דאָש די לופט הײסקײַט האָט געשטיגין, און דער גאַרטעל פּלעגט נור צו צײַגין מיט זײַנעם זינקען, דאָש די היץ פון דער פרומקײַט האָט געשטיגין, דען וואָש נידעריגער מען האָט גיטראָגין דעם גאַרטעל, וואַר עס אַלץ מער בעווײַז, דאָס מען איז פרימער, און וואָש מען האָט אים גיט־אָגין העכער, וואַר עס אַבעווײַז, דאָש מען איז אַלץ מער וועלטליכער.

„רבנים פּלעגין אים צו טראָגין דאַהער אונטער דעם נאָפּעל; בעלי בתים לומדים גראַדע אויף דעם נאָפּל; יונגע לײַט לומדים אײַן עטוואָס איבער דעם נאָפּל; וועלטליכע האָבין אים גיטראָגין שוין אונטער דעם הערצע; אויש גילאַסענע האָבין אים שוין גיטראָגין איבער דאָז הערץ.

„נון, אונזער ר׳ טרײַטעל האָט גיטראָגין דעם גאַרטעל אויף דעם גאַרטעל, דאָש הײסט ווי אַבאַלעבאָז אַנרוישער למדן, דער צו נאָך זײער ברײַט, און אום דער וואָכין פון זײַדענק טײַא און אום שבת פון קימלעט. דער צוא נאָך איז ער גיגאַנגען אין שיך מיט ווײַסע זאָקין, אין א זופּעצע מיט האָקין, אין אַהיטיל אַהאַלבע לבנה, ווי אַכשרה נשמה״ (ז״ז 16—18). — „און ווײַל ער האָט זיך שוין ווירקליך געהאַלטין פאַר דעם באַלעבאָס פון דעם שטעטיל, פּלעגט ער זיך שוין ערלויבין גײן אין גאַס אין אַשלאָפראָק, און אַזוי אויך צו קומען אין בית המדרש אָדער אין שול אין דעם״ (ז׳ 19).

„ח ײַ צ י ק ע ל אַ ל ײ ן״ (וויל. 1887) 18: „נון וואַר שוין דאַן אונזער חײַציקעל אין די ערשטע מדרגה, ער איז גישטאַנען אין שידוכים. דער מויציטער האָט געהײסין, אַז מען זאָל איהם מאַכין אַוופּיצע מיט פּאַשעמאַן, מיט געשפּיליוועטע

אַרבעל. ער האָט איהם אָהן גיטאָן אין איין טלית קטן, און האָט איהם אויס גיטאָן דעם האַלדזטוך, און האָט איהם אָהן אָנגעטאָן אַדעליצקע מיט לאַנגע אַרבעל מיט טאַשמעס און האָט איהם איין ביסעל דעם רוקען אויס געקריצט, דיא פאות אויס געצויגען און דיא היטעל אין האַלבען קאָפּף, דען ער האָט שוין גוט געוואוסט דעם אוביאָר פון איין בחוריל, וואָס ער איז איין קאַנדידאַט אויף אַ שידוך צו טאָן"...

„עוזר צינקעס און דיא ציג" (ווילנע 1868):

„אָקערסט געמאַכט אַמויצה, די זופּעצע מיט די האָקען אָפּגע-שפּילעט"... (ז' 12).— „ער האָט געקענט אויס שטעלען גאָר אין אַקורצע צייט דרייא איידעמס אין מזרח וואַנט פון גרויסען בית המדרש אופּאָלנע פּאָרמע, דאָס הייסט מיט פּיקסען-פּוטערס, וואָס וואַרען מיט לאַנגע אַרבעל, מיט טייערע שויבעלנע היטלען קיילעכדיקע"... (10).

„דיא קרעמערקעס" (ווילנע 1865): „ר' הושיע אליין איז זיך גיזעסין אין זיין שלאָף צימער, אין איין טלית קטן און אין איין שטריימעל אָן גיטאָן, און האָט זיך גיזאָגט הושענא רבעדיקע זאַכין" (12). — „איז אַריין גילאָפין אין שטוב מיט אַגרויס לאַרעם און גע-וויין איין יונגער מאַן פון אַיאַר צווייא אָדער דרייא און צוואַנציג, בלייך און צוא שראָקין, אָן אַהיטעל, אָן אַגאַרטעל" (24). — „האָט זי איִם צו געוואָרפען דעם קיטעל מיט דער יום כפור היטעלע... צום אומגליק, אָבער, האָט געפעלט דער יום כפור גערטעלע, דען גאָלדע מינע האָט איִם געניצט אַגאַנץ יאָר פאַר אַסגולה: זיא וואַר מעוברת און האָט איִם געהאַלטען אַרום געבונדען אַרום זיך, און ווייל איצונד וואַר ער ניט צו געפינען, האָט זי איִם צו געוואָרפען אַשלייער" (49) — „זייא וואַרין געקליידעט גאַנץ פראָסט, אָבער מיט גרויש גישמאַק. זייא האָבין ניט גיהאַט אויף זייערע העלדזער קיין פּעריל, קיין בורלאַנטען, קיין גאָלדענע קייטין, נור זייער לייכטע זיידענע פּאַצייִלקעס. דאָס גלייכין האָבין זייא גיטראָגין אין זייערי אויערין נור קליינע גאָלדענע רינגעלאַך, קוים האָט מען נור באַמערקט אויף זייערע ציכטיגע פינגער דעם ציטערענדע שיין פון איין רובין אָדער פון איין טאָפּאַז, וואָש וואַר איין

גיפּאַסט אין איינעם קליינעם גאָלדענעם פינגעריל, וועלכער עס האָט זיך אָבער באַלד ווידער פאַר דעקט מיט דעם שנייא ווייסין שניפּטוך, וואָס אין זיירע הענד, וויא עס פאַר דעקט זיך דער שיין פון איין גלענצענדען שטערליין מיט דעם שלייער פון איין לייכטין וואָ קען. דען דיא איידעלע מיידכען אונ פרויען פון דאַמאָהליגער צייט האָבין שוין דאַמאָלס טוכל גיהאַט אויס צוא מיידען דעם אַזאַיאַטשען (ציגיינסקען) פוץ, דאָס הייסט דיא פעריל, דיא בורלאַנטען, דיא גאָלדענע קייטין, וואָס עס פוצען זיך אין דעם אויס נור די פּראָסטע האַלב רייכע פרויען, וויא איינע פופּע (לאַלקע), אונ שלעפּין זיך אין דעם אום אויף דיא גאַסין, גייען אין דיא שו-לען, אונ אויף חתונות, אונ אין גיזעלינשאַפטען, אונ זייא זע-הען אין דעם אויס, וויא דיא האַנדעלענדע פרויען, וואָס טראָ-גין עס אויף זיך מער צום פערקויף אַלס צום פוץ" (34). — „גאָלדע מינע האָט זיך אָן געטאָן אין ווייס זיידענע קליידער, וואָס וואַרען געווירקט (אויסגענייט) מיט גאָלדענע אונ זיל-בערנע בלומען. אויף איר קאָפּ האָט געפלימערט (געפלאַטערט) איין פלאָר, וואָס וואַר בעזייט מיט גאָלדענע אונ זיל-בערנע פונקטען. זיא האָט דאַן אויס געזעהען וויא איינע ווייסע לילע (ווייסע רויז), וואָס איז בעשפּריינקעלט מיט דעם מאָר-גען טויא, וואָס איז בעשטראַלט פון דער קוים אויפגייענדע זון... מיט דער אַנדערע האַנד, אין וועלכער זיא האָט געהאַל-טען איין ווייסע באַטעסטע נאָז פאַצייַלקע, וואָס וואַר בעזוימט מיט איינעם גאָלדענעם פרענג, האָט זיא געשטילט אונ געוויסט איהרע טרערין" (48).

„רויזע פינקעל דיא בעל אכסניעטע" (ווילנע 1874):

„ער גייט געקליידעט וויא א [illegible]ב אין לאַנגע קליידער מיט אַטראָסצענע... ווען מען שמעקט טאַבאַק, האַלט מען שוין אויך איינע נאָז פאַציילקע, אום זומער אין האַנט לעבין דיא טראָסצינע, אום ווינטער אין קעסענע פון דעם לאַנגען פוטער-נעם פאַלאַטאָן... און לאָזט זיך זייער אָפט זעהען שבת בייא טאָג אונ יום טוב פאַר נאַכט אין טויער פון הויף אָן געטאָן אין אַשלאָפראָק פון מאַטעריע אונ וואַגט זיך דער מיט אַרויס

זעלבסט אין גאַס, און ווער רעט שוין אין איין נאָהענטע קלויז, גלייך וויא ער וואָלט געוועזן איין וועלט בירגער" (58.). — „עפּעס איין מין ירושלמי אָדער איין ארץ ישראל בעקעל, דאָס הייסט אַזוי איין שנאָרער, וואָס גייט אין אַברייטען לאַחמאַן מיט איין ברייטען גאַרטעל און אין אַהיטעל, וואָס איז פּאַחאָדזע צוא איינעם טירקעשען פּעס" (11). — „אַזוי ערלויבט זיך אָפּט מאַנכעס מיידכען, אַקרעמערקע, אַן צו מעסטען געאַרבעטע גאַט־קעס איינעם יונגען הערען ביא אים אין שטאַנציע, דען וואָס טוט מען ניט צו ליב פּרנסה" (13).

„ד ע ר א ו נ צ ײ ט י ג ע ר ב ע ז ו ך" (ווילנע 1878): יידישע פרויען „געקליידעט גאַנץ גראָטעסק לעכערליך), זיינען בעהאַנגען מיט שמוק (צירונג) גאָר איבער דיא מאָסען (אָן אַ שיעור), טראָגען צווייערלייא אוירינגלעך, איין פּאָר אין דיא אויערען, דיא אַנדערע פּאָר אָנגעצעפּעט אַביסעל העכער אָן דיא ציפּקעס; דער האַלדז איז פערהאַנגען מיט גאָלדענע קייטען ביז דער פּאַסניצע, מיט שווערע אויבלען, מיט בינט פּערל, מיט שניר קרעלען, מיט שניר ברוסטין, און זעהען אַלזוי אויס פיל מעהר אַלס איינע אויסגעפּוצטע דאָקע (פיגורקע), וואָס איזט אויסגישטעלט אַלס שילד (זנאַק) אין דעם פּענסטער פון איינער בודע (קראָם), אום צו צייגען, דאָס דאָרט איזט צו בעקומען דיזעס אַרטען סמוק (צירונג), אַלס איינע הויז פרויא אָדער פריילאיין פון שטאַנד" (5). — „עס איזט אַריין אין שטוב אַיונג ווייביל אין אַשוואַרצען צו הייא (אויבער מאַנטעל) מיט קעץ בעלייגט" (47). — „עס ליגט אין שפּעט צעהען שטיקלעך לייוונט, פינף סאָק טיילקעס, און מעהר אַלס פופציג פּאָר וואָלענע מיצקעס און זאָקען" (49).

„ד ע ר פ ל ע ט א ו י ף ש ב ת" (ווילנע 1872) 3: „אין יענער צייט, אַזוי וויא אַרום חנוכה, אין דעם יאָר טויזענד פינף הונדערט, איז גיקומען קיין מעץ פרייטיג פאַר נאַכט אַיונגער מאַן פון אַיאָר פיר און צוואַנציג, אָנגעטאָן אין אַלייוועטנעטען לייבשטערדאַק (קאַפּטען) מיט אַלייוועטנעטען קלומיק אויף דיא פּלייצעס".

„ד ע ר א י ד ע ש ע ר ש ט ו ד ע נ ט יוזעף קסעמעניצקע" (ווילנע 1872): „יעדער באַזונדער ברויכט צוא האָבין איינעם סאַמעטע־

נעם מאַנטיל, און דער צוא נאָך דרייא פילץ טוכענע" (4). — „עטליכע איילין לייוועגט אויף אַפּאָר שטאָנען" (6).— „האָט מיר גיקויפט אַנייע היטעלע, האָט מיר געלאָזט מאַכין אַפּאָר הויזלאַך, אַפּאָר שטיוועלאַך" (8).— „פלעגין מיר זייער אָפּט אויש צוא העלפין אין אַפּאָר שטיוועל, מייטקעס"... (11).

„א י י נ ע פ ע ר ד ר י י ע נ ע ס" (ווילנע 1873): „דער צו וואַר זיא געקליידעט אין זייער טייערע קליידער... און האָט גיטראָגין אויף זיך זמוטען פעריל און עטליכער לייא פּאָר אוירינגלאַך און אַזוֹ פּיל פינגערלאַך צו צווייא צו דרייא אויף יעדען פינגער"... (39).

„ב ן י ח י ד": „פערקאַסערען דיא פאָלע פון דער קאַפּאָטקע" (13).— „זעלבסט איינע באָד וועסערין, אַשיינקערקע צירט זיך מיט פעריל, מיט בורלאַנטען; אין שאַמעט קליידען זיך מאַרק ווייבער"... (38).

סענדער. — אין אוט איז פאַר אונדז דער וואָלפיש פון דער יידישער ליטעראַטור...

קלמן. — שלום-יעקב אַ ב ר אַ מ וֹ ו י ט ש, המכונה אי"ש, המכונה מענדעלע-מוכר-ספרים...

אין דער ערשטער רעדאַקציע פון „ווינטשפינגערעל", געדרוקט אין וואַרשע, וואָרשיינלעך אין יאָר 1865, באַגעגענען מיר אַף ז' 13פּ:

„פלוצלום עפענט זיך אויף דיא טיר, און עס געהן אַריין ביין מענטשען. דרייא שטאַרק אַלטע, אין ראַצעמאָרענע זופּעצקעס. איינער אין אַ גאַנץ לאַנגען טיזליק פון מאָרע-אַנטיק מיט אַ טייערען ספּאָדיק אַשפּיצאַסטען. נאָך איינער אין אַטשומערקע מיט אַלעדערנעם בייא גאַרטיל, און נאָך איינער, עפעס אַזוֹי וויא פאַר שלאָפען, מיט אַגראָבע רויטע נאָז, אָנגעזעטצט מיט רויטע בלאָטערען וויא ווייםפערליך, און האָט ניט געקענט איינשטעהן אויף דיא פיס. די איבריגע דרייא זענין געוועזען אָנגעטוהן עפעס ניט אַזוֹי וויא מאַנזבילן, ניט אַזוֹי וויא ווייבליך, פאָרענט ברוסט טיכליך מיט פליטערליך, הינטען קליינע פאַרטוכליך"..

אין אויסגאָבּ פון יאָר 1888 — 1889, געדרוקט אין

שלום-עליכם'ס „פאָלקסביבליאָטעק”, זעט דיאַייגענע שטעלע אויס אַזוי:

„...עפּעס זיך פּלוצלים דיא טהיר, און עס קומען אַריין ניין פּאַרשוינען. דרייא גרויז-גרויע אין ראַצעמאָרענע זיפּעצעס, איינער עפּיס אין אַ מין האַלאַט מיט טראָלדען, דיא באָרד צוקאָשמעט, און אויפ'ן קאָפּ אַ הויכער, שפּיצאַסטער ספּאָדיק. נאָך איינער אין אַ מין סורטקע, אָדער אַ טשומערקע, מיט אַ לעדערנעם בייגארטעל, דאָס פּנים בעוואַקסען מיט אַ וואַלד האָר. און נאָך איינער עפּיס אַזוי וויא פאַרשלאָפען, מיט אַ גראָבער רויטער נאָז, פול אָנגעזעצט מיט בלאָטערען, ווימפּערליך, און האָט נישט געקענט איינשטעהען אויף דיא פיס. דיא איבעריגע דרייא פּאַרשוינען זענען געוועזען אָנגעטאָן עפּיס טערקיש, פאַרענט ברוסט-טיכליך מיט פּליטערליך, הינטען קורצע פּאַרטיכליך, נישט וויא מאַנסבילין, נישט וויא ווייבער”... (I 534.פ).

נוך אין דעמאייגענעם אויסגאַב: ג ד ל י ה-ה ע ר ש „האָט געשטשאָבעט תחתונים, קאַפּאָטעס, היטלען, ווייבערשע קליידליך, יפּעס, יאַמפּערקעס” (ז' 13).—„איך געדיינק נאָך, וויא היינט, ...זיין יאַרמילקעלע, זיין שפּענצעריל און לייבסערדאַקיל”.. (32).— „מאַנסבילין אָהן קאַפּאָטעס, אין דיא איינע טלית-קטנס, ווייבער צושפּילעט, נאָר אין דיא אונטערשטע קליידליך”... (45) — „הערשעלע שפּילט-אויף געהענדיג דאָס קאַפּאָטקעלע” (II 14) — „דער טאַטע איז שוין געוועזען אָנגעטאָן אין דיא וועג-קליידער: אַ ציצען, אָפּגעבליאַקעוועט חאַלאַטיל,... אויפ'ן קאָפּ עפּיס אַ מין אָפּגעפּאָהרען שטאַרק צוקנייטשט מיטצעל”... (II 16).— הערשעלע מוז נעמען „אויפ'ן קאָפּ דעם טאַטענס איין אַלט היטעל, עפּיס אַ מין קאַטערוכע... אַן אַרומגאַרטלען זיך מיט אַ קרייקע” (II 16). — „טרייגעסאָסיל נעהמט זיך ווייזען איהר גוטס, צולייגט איהר קרעמיל: שטיוולעטליך אויף קנעפּעליך, איין קליידיל, דאָס אַנדערע גענייעט נאָך דער לעצטער מאָדע מיט שליאַרקעליך, אַ זיידענע פּעלעריִנקע אויסגענייעט מיט גראַנאַטליך, אַ קאַפּטעלע, אַ שבת'דיגען בורנאַס מיט קוטאַסען” (II 29).— „אויף זיין קאַפּאָטע האָט זיך נישט געפונען קיין שפּריינקעלע.. זיין שוואַרצע סאַ-

מעטענע יאַרמולקע איז געווען פֿריש, פֿײַן אָהן פֿעדערען, נישט פֿאַרשמאָלצעוועט"... (II 39). — באַ דער זורגבאַנק .. „אַ קאַשע פֿון משונה-ווילדע מאָדניצעס, מישטעהנס-געזאָגט: שמאַטעס, לאַטעס, צוהאַקטע ייפּעס.. אַפּגעבלאַקעוועטע, אָפּגעפּאָהרענע, כלומר'שט נאָך דער מאָדע געניייטע קליידליך, ווילדע קרינאָלינעס, מגושם'דיגע שטיוועלעטליך אויף הויכע, אויסגעקרימטע קנעפּעליך"... (II 82).

„דאָס קליינע מענשעלע" (ווילנע 1879): חדר-קינדער גייען אין שפּענצערס און יאַרמעלקעליך (ז' 25). — אונטער לייזער דעם שניידערס הענט „פֿלעגט אַ ייפּע מגולגל ווערען אין אַ שלאָפּראָק, אַ שלאָפּראָק אין אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע אין אַ קליידעל אונ אַ קליידעל אין אַ קינדערס לייַבעל" (28). —דאָס קליינע מענטשלע איז „שטענדיג געגאַנגען אין אַ שמיישען מיטצעל, סיַיא ווינטער סיַיא זומער אין די גרויסע היטצען" (50). — „אַ געשפּיקעוועט יודיל אָהן אַקאַפּאָטע, נאָר אין אַ פּערלאַטעט לייבעל, פֿון וועלכען עס האָבען אַרויס געקוקט שטיקליך פֿאַרשמירטע ציצית, וואָס האָבען זיך געבאָמבעלט אויף דיא קניע, אונ אין גראָבע תחתונים מחילה מיט גרויסע מגושמדיגע שטיוועל" (81). — „ייַיג מיר אַריין אין קלומעקיל אַהעמד מיט דער שבתדיגער קאַפּאָטע" (83).— „קוים איז דאָס ווייבעל אַרויסגעגאַנגען, האָט דיא שמשטע זיך אַריין געהאַפּט, אָנגעטאָן דיא ייפּע אויף איין אַרבעל מיט אַ ליילעך אונטערין אָרעם" (83).

„קיצור מסעות בנימןהשלישי" (ווילנע 1878): „איז דיא שבתדיגע קאַפּאָטע אַ שטייגער איז צוהאַקט צופּאַלען.. מאַכט אויך ניט אויס, אַבי זיא איז פּאַרט פֿון אַטלעס אונ גלאַנצט" (ז' 8). — „צוגעהאַלטען מחילה דיא אָפּגעשפּילעטע תחתונים מיט איין האַנד אונ מיט דער אַנדערער דאָס קאַלעכדיגע געסטעפּטע פּעלפּענע היטעל" (12).— „אין גאַנצען האָט ער געהאַט אַ שבתדיגע אַטלעסענע קאַפּאָטע נאָך פֿון דער חתונה אָן, צוהאַקט צופּאַלען פּאָרענט אי הינטען, אונ דער געלער אונטערשלאַק האָט אַרויס-געקוקט. ער האָט געהאַט פּראַוודע אי אַ טולעפּיל, נאָר אונטען איז ער געווען אין גאַנצען אָפּגעבאַרעט" (20). — „סענדעריל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין

אַ ציצען חאַלאַטיל״ (30).

„ד י ק ל אַ ט ש ע״ (אַדעס 1889): אַ „ר ח מ נ ו ת פ נ י מ ע ל״ באַקומט אַזאַ „קאָסטיום״: „...האָט ער מיך אין גאַנצען אָפּגעשוירען, איבערגעלאָזט אַ פּאָר שיינע פּאות, מיר אָנגעטאָן אַ יאַרמילקע, אויבען אַ גרויסען ספּאָדיק, אַ העמד מיט אַ גרויסען אויסגעלייגטען קאָלנער, פאַרבונדען מיט בענדליך אָהן אַ האַלזטיכעל, אַ לאַנגען טלית-קטן, קורצע שאַמענע פּליודערען, שיך און זאָקען, אַ לאַנגע אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטעל און אַ טוליבעל פון פּעה״... (122). — „די פאָרמע פון ק ה ל׳ש ע ד ע פּ ו ט אַ ט ע ן״: „דער קאַמערדינער האָט מיך געשווינד איבערגעקעמט, אונטערגעשוירען די האָר, אויסגעצויגען דאָס בערדיל, אָנגעטאָן מיר איין אַנדער וועס-טיל, דאַכט זיך פון אַטלעס, פאַרשפּילעט העט ביז דעם האַלז, אַ קאָרטענעם סורדוט הינטען מיט אַ שפּאַלט און היבש לענ-גער פון דעם פריהרדיגען אַזוי, אַז די מאַיטקעס האָבען אונטען זיך אַרויסגעזעהען נאָר אויף אַ צוויי, דריי פינגער. אויף דעם קאָפּ אַ סעריאָזנע, אַ סטאַטעטשנע היטעל״... (121). — „די פאָרמע פון אַ ק ה ל׳ש ע ן ש ר ײ ב ע ר״: „ער האָט מיך פאַרקעמט מיט אַ טשוב, אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, מוסטאַטאָף, צוגעפּוצט מיט חכמות דאָס בערדיל, אָנגע-טאָן מיר דערנאָך אַ מאַנישקע מיט פיער קליינע מוטערפּע-רעלנע קנעפּעליך אויף דעם האַרצען, אַ מאַנטינען טיכעל אויף דעם האַלז, דערנאָך אַפּאָר געזונטע שטיוועל געקאָוועטע מיט אַסך אייזערנע שטיפטען, מחילה אַ פּאָר געוועזענע הויזען, וואָס זענען גיהאַנגען ווי די טאָרבעס, אַ קאַמלעטענע קאַמ-זעלקע און אַ סורדוט לאַנג ביז איבער די קניע, אויף דעם קאָפּ אַ קאַשקעט, גענעהט עפּיס מיט קונטצען״... (121).[4]

„ד ע ר פ ר י ז י ו ו״ (פעטערבורג 1884): „ח אַ ס ק י ל אָנגעטאָן שבתדיג, אין איין אַטלעסענע קאַפּאָטע אויף געלען אונטערשלאַק, פון אויבען אַ בורנאָס פון לאַסטיג״ (ז׳ 71).— „די מ ו ה מ ע מיט אַ יופּע אויף איין אַרבעל, אין פאַנטע-פעליך״ (40). — „העצקען מוהמעניוס זיך אין יופּעס״ (41).— „דיין וויקטאָריע איז אַ יודענע מיט אַ יאַמפּערקע״ (30).

סענדער. — דאָ פּאַסט זיך יעקב ד י נ ע ז ו ן.

קלמן. — „א ב ן נ ג ף אָדער אַ שטיין אין וועג" (וואַרשע 1890): „דער ר ב י אַליין איז געווען אָנגעטהון אין אַ ווייסער אַטלעסענע קאַפּאָטע, אַ טהייערע סאָבאָל שטריי־מעל אויף זיין ווייסען קאָפּ" (ז' 170); „י ו נ ג ע ל י י ט... אין שיך אונ אין ווייסע זאָקען... י ו ד ע ן דיקע אינ פּעטע, איינ־געדעקטע אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אונטערגעגאַרטעלטע דיקע בייכער — מיט ברייטע זיידענע גאַרטלען" (170).— ר' ש י־מ ע ל ע איז „אויסגעפּוצט אין בגדי מלכות": „אַ אַלטער טוכע־נער וואַטאָווער מאַנטעל איז נור אויפגעהאַנגען געוועזן אויף זיינע פּלייצעס אונ די אַרבעל האָבען אומגעשוואומען אין די לופטען פון ביידע זייטען"; ווען ער האָט „דעם מאַנטעל פון זיך אַראָפּגעוואָרפען, איז ער געבליבען אין זיין גרינער לאַסטינגענע קאַפּאָטע מיט אַ פּאָר שוואַרצע וואָלאַטלעסענע אַרבעל, אויך זיין נייע היטעל האָט כמעט אַזאַ פּנים געהאַט ווי די קאַפּאָטע, ווארום... פּאַר צוויי גילדען האָט דער קירזי־נער איהם אַריינגערוקט אַ היטעל פון עטליכע שטיקער געניי־צעוועטע געוואַנט, וואָס האָבען די מראה געהאַט פון זיין קאַ־פּאָטע און פון זיינע אַרבעל" (152).— באַ ח י י ל ע ן זענען „די טישען, שטוהלען אונ פענסטער פערלעגט מיט בגדים, פעל־צען אונ פּאַלטעס" (88). — „זענען אַריינגעקומען רחלעס צוויי ברידערלעך... מיט זייערע סאַמעטענע קאַסטיומלעך, מיט זייע־רע שענע קאַפּלושלעך" (75).— „איהר אַ ווייסע געהאַפטענע מאָרגען יאַקע דערלאַנגט"(162).— פ י י ג ע טראָגט אַ „צעפּציק" (38).

סענדער. — ווער אַף דער צייל?

קלמן. — משה-אַהרון ש אַ צ ק ע ס, געבוירען אין קאַרלין 1825, געשטורבען אין קיעוו 1899.

„ד ע ר י ו ד י ש ע ר פ אַ ר-פ ס ח" (וואַרשע 1881): ערב-פסח האָט דער עולם „זיך אָנגעטהאָן נייע העמדער, אונ נייע פלו־דערען, מיט נאַייע לייבצודאַקעס, נאַייע שיך אונ זאָקין, אויך יאַרמילקעס שפּאָגעל נאַייע" (107).— באַם סדר גייט מען אַ קיטעלע „איבערין קאַפּטען" (110). — „אַ וואַסער טרעגער

מיט איין אָפּגעגאָלטין קעפּיל, נאָר צוויִיא גאַנץ לאַנגע פאות טרעסלין זיך אויף ביידע זייטין, אָהן אַ היטיל אויף דער יאַר- מולקע, אָהן אַ קאַפּטען, נאָר אין אַ לאַייוועגטענעם לאַנגין לייבצי- דאַק, מיט לייווענטענע פּלודערין, אַ פּאָר שקראַבעס אויף דיא פּיס..., לויפט. ; אַסאַך בחורים קליינע אונ גרויסע, אין דיא פּאָ- טערס שטריימלין... בעלייטין איהם (135) — „דיא באַלעבאָסטע שטעהט ביַיא דעם אויווען, דיא קאָפּקע פאַר קאַשערט״ (71).

„ב י ל ד ע ר פ ו ן ד ע ר ל י ט אָ״, געדרוקט אין שלום- עליכמס „פּולקסביבליָוטעק״, באַנד I (קיעוו 1888): „אָנגעטאָהן די מלבושי שבת, ס׳הייסט אַ שטריימיל, וואָס זי האָט שוין אַ פּנים געהאַט ווי אַ שאַרף-שטיין, פון ווערך קריכט וואַטע גאָר אָהן רחמנות, אונ ער נעביך האָט דער פון אויך געקליבען נחת, אַבי פטור געוואָרען חאָטש אויף איין טאָג פון דער קלאַפּאָווע היטיל, וואָס זי איז געוועז געפּאַקט מיט קלאָטשע אונ הייא...״ (166).

סענדער. — איך זע אין יענעם רעגאַל יהודה-לייב ג ו ר ד ו נ ס „שיחת חולין״...

קלמן. — דע־לאַנג אים, זיי מוחל. ס׳איז דער וואַרשעווער אויסגאָב פון יאָר 1889. — איך ציטיר:

פלעגט ער אויסזעהן וויא ר׳ אליה,
דער משולח פון וואַלאָזען,
א ן דער ראַצעמאָרענער דעליע (54).

געדייִנקסט דיא שטריימעל,
וואָס האָט געהאַט ר׳ אייזעל?
א סאַמעטענער ווערך,
בעזעטצט מיט עקלעך פון אַ מייזעל,
וואָס מיר האָבען אמאָל געטאָן אַ שטאָפּ
צווישען דיא גאָגלעך אין משאָלענטטאָפּ,
אונ דיא רביצען האָט זיך ניט איינגעקוקט
אונ האָט דיא שטריימעל אין טשאָלענט פאַר רוקט,
אונ דער רבי האָט ניט געהאַט קיין אַנדער מיטטעל,
געמוזט מקבל שבת זיין אין דער קלאַפּאָווע היטטעל!? (16).

צווישען די שטענדערס ווערד גערודערט —
וואָס איז דאָרטען פאַר אַ לייט?

די הימעל פארקעהרט, די האָר צופּודערט,
די קאַפּאָטע אויפן לינקען זייט... (44).

סענדער. — יעצט מוז מען אָפּאַכטען ש ל ו ם-ע ל י כ מ ע ן...

קלמן. — קענסט באַ מיר פועלען.

„ס ט ע מ פּ ע נ י ו" (געדרוקט אין ערשטען באַנד פון דער „פאָלקסביבליאָטעק"): „אויף אַזאַ אופן האָבען זיך גע-ווינשעוועט די ווייבער... און דענסטמאָל, בשעת ווינשעווען האָבען זייערע העלדזער פּערעל מיט די גילדינע אויהרינגלעך, מיט די פינגערלעך, מיט די בראָשען, גאָרגעל-קייטען און מיט'ן איבעריגען יודישען ציהרונג געשיינט און געבלישטשעט און גע-פינקעלט מיט פייער" (4).— „אייזיק-נפתלי דרעהט זיך אַרום מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל" (7).— „מע טאַנצט שוין מחילה, אין איינע תחתונים; אייזיק-נפתלי שטעהט שוין אָהן אַ קאַפּאָטע מיט די ברייטע ווייסע אַרבעל" (14).— „צום „שלייער-וואַר-מעס" איז שוין רחל'ע געווען אויסגעשלייערט און אָנגעטהון נאָך דער לעצטער מאָדע פון „ר' דוד מעכאַניק דעם זשענסקי שניידער": אַ בלאָה-זיידען מלבוש, הימעל-קאָליר מיט ווייסע קרוזשעווקעס און מיט גאַנץ ברייטע אַרבעל, ווי מע האָט דע-מאָלט געטראָגען אין מאַזעפּעווקע, וואו די מאָדע האָט פער-שפּעטיגט אויף עטליכע יאָהר; אויפ'ן קאָפּ אַ בלאָה-זיידען טיכעל, אַזשורנע אַרבייט, אַזוי אַז מע האָט געקענט אַרויסזעהן דעם גאַנצען שלייער מיט די צעפּ... נאָר פרעמדע צעפּ.. עטליכע שנירעלעך פּערעל אויפ'ן האַלדז... אַ גרויסע גאָלדענע קייט, אַ בראָש, בראַסליעטען, פינגערלעך, אויהרענגלעך, — דאָס גאַנצע יודישע צירונג, דער גאַנצער יודישער מאַיאָנטעק" (19).— „דאָרט אויף דער גאַס האָט זי דערזעהן, ווי אַלע שבת, אויס-געצוואָגענע מיידלעך, מיט רויטע און מיט בלאָהע סטיינגעלעך אין די צעפּ, מיט רויטע, געלע, גרינע מאָדנע קליידלעך און מיט הענטשקעלעך און מיט נייע גלענצענדיקע שיך אויף סקריפּ-קעס... שענע בחורים'לעך מיט די קאָרטנע קאַפּאָטקילעך, מיט די לאַנגע היזלעך און מיט די גלענצענדיגע דאַשקעס (קאָזע-ראָקלעך פון די שבת'דיגע קאָרטוזלעך)" (42).— „ס ט ע מ פּ ע-נ י ו האָט געחאַפּט אויף זיך דעם אויבערראָק מיט'ן שטעקעלע

אין דער האַנד אונ האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַציער מיט פריי־דער שוואַרצער איבער דער שטאָדט" (49). — סטעמפּע־ניו — „מיט אַ ברייטען שוואַרצען קאַרטוז אויפ'ן קאָפּ מיט אַ גלענצענדיגען פּאָדאַשעק (קאַזיראָק) אַנגעריקט ביז די אויגען" (59). — סטעמפּעניו האָט „אָנגעטהון אַ הויכען קאַפּעליוש נאָך דער לעצטער דאַמאָליגער מאָדע" (61).

„יוסעלע סולוויי" (געדרוקט אין צווייטען באַנד פון דער „פולקסביבליאָטעק"): „די מלמדים אין די חדרים דעמאָלט וואַרפען אַראָפּ די קאַפּאָטע, בלייבען זיצען מיט די ברייטע אַרבעל פון דעם העמד אונ מיט די געלע טלית-קטנ'ס, דאָס האַרץ צעהראַסטעט, מע הייבט די יאַרמעל־קע אונ מע שוויצט ווי אין אַ באָד" (32).—„איין איבערגעשראָ־קענער מיט אַ צעריסענער, צעפּיצעלטער קאַפּאָטקע, האָט זיך יוסילע אויפגעהייבען" (33). — „מיט אַ צעפּליקט קאַפּאָטקע־לע"... (34).—„די שטיוועליך אויסגעדרעהט אונ צעהאַקט, דאָס קאַרטוזעקיל אָנגעוואָהרען דעם קאַזיראָק מיט'ן גאַנצען פּאַסאָן" (46).— „פערקאַטשענדיג די אַרבעל פון דער אַטלעסענער קאַ־פּאָטע"...(62). — „אַ בחור'ל פון אַ יאָהר זעכצעהן-זיבענצעהן, מיט אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע ביז דער ערד, אונ מיט אַ האָזען קאַפּע־ליושעל" (77).—„יוסילע דערזייט פאַר זיך אַ לאַנגען טרוקענעם יודען מיט אַ קאַפּעליוש אונ אַ נידריגע, גראָבע יודענע מיט אַ „מושקע" אונ מיט אַ שטערענטיכעל".. (105). — „דאָס זיידענע קאַשקעטיל, דאָס ליוסטריגען קאַפּאָטקילע אונ די גאַנצע הלבשה אויף איהם זינגט" (115). — „עס פליהען אַריין אפרים מיט מנשה'ן פונ'ם חדר... מיט קאַצענע טולופליך אונ מיט קיילעכי־גע גאַרעסענע היטעליך אונ מיט אַ פּאַפּירנען לאַנטערנדיל אין די הענד" (131). — „שבת וועט זי זיך אָנטהון אין דעם זיידענעם קלייד, זיך אויסשלייערען, נעהמען אויף זיך דאָס סאַמעטענע „מאַנטעל אויף שליאַמעס" (פּיקסליך)"... (146). — „אונטערפּיה־רערס מיט זיידענע קנאַקענדיגע נאַקידקעס אויף די פּלייצעס" (151).

„אַלעוועדק" (קראָקע 1903). באַנד I: „ר' לייבוש מיט ווייסע תחתונים אונ מיט אַ יאַרמעלקע"; „אַ צוויי מנינים יו־דען מיט שמוישענע היטעלעך, מיט פּאַרוסינענע קאַפּטוזליך, מיט

יאַרמעלקעס און מיִט סאַמעטענע היִטלען" (21); „אונזערע קלײַנשטעטעלדיִגע קאָסטיומען מיִט די קײַלעכיִגע באַראַשקענע היִטעליִך אום זומער צײַט" (15); „האַלב צוריִסען דאָס קאַפּאָטקעלע פֿון היִנטען גלײַך ביִז דעם קאָלנער אַרויף" (25); „לײַגען שלאָפֿען... אויף דער ערד, אויף עטליִכע קוליעס שטרוי, מיִט די באָרנעסליִך צוקאָפּענס"; „די װײַבער... צוגעדעקט מיִט די קלײַדליִך און מיִט די שאַלעכליִך" (26). — טוביה׳ס װײַב גיִט איִם „אַ צעטיִל, װאָס צײַטיִל בעדאַרף האָבען צו דער חתונה: „מילא פֿון פּאָװיִלע איִז ניִטאָ װאָס צו רעדען.. זי האָט נאָך ניִט קײַן פּאָדעם גרעט, זאָל׳סט זאָגען, אַ פּאָר זאָקען אַפּילו. הײַנט מלבושים אײַנס אַ זײַדענס צו דער חופּה און אײַנס אַ װעלענס אויף זומער, דאָס אַנדערע אויף װיִנטער, און פּלאָטיע׳ס אַ פּאָר און קלײַדליִך אונטערשטע, און מאַנטלען, װיִל איִך, זי זאָל האָבען צװײ: אײַנעס אַ באָרנוס מיִט קעץ אויף איִן דערװאָכען און אײַנעם אַ גוטען מיִט שליאַמעס אויף שבת; הײַנט עפּיִס שטיִװעליִך, מיִט קולקעס, שטאַליִקעלע, אַ גאָרסעט, הענטשקיִליִך, נאָזטיִכליִך, אַ זאָנטיִקעל און די איִבעריִגע זאַכען דאַרטען, װאָס אַ מײַדיִל בעדאַרף האָבען הײַנטיִגע צײַטען" (153).

„אַ ל ע װ ע ר ק", באַנד II: „דער פעטער משה-אהרן איִן אײַן אַלט קעצײַן חאַלאַטיִל, מיִט אַ װאַטאָװע יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ"... (10). —באַ דער פּורים-סעודה: „גאַנץ אויבען אָן,... זיִצט דער זײדע רב מאיר... איִן אַ לאַנגע זײַדענע קאַפּאָטע מיִט אַ געפּלאָכטענעם גאַרטעל און מיִט אַ שטרײַמעל אויפ׳ן קאָפּ" (29), „פּונקט איִן מיִטען טיִש זיִצט די באָבע נחמה... אויסגעפּוצט איִן אַ גאָלדפּאַרביִג זײַדען קלײד מיִט װײַסע עפּיִל, מיִט אַ שטערענטיִכיִל פֿון דיִמאַנטען מיִט בריִלאַנטען, מיִט רײַכע פּעריִל אויפ׳ן האַלז, מיִט אויהריִנגליִך און מיִט פיִנגערליִך"... (30). —„מיִר װיִלט זיִך זעהר, אַז דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זײַן פֿון אונטען מיִט אַ שפּאַלט און מיִט אַ קעשעני, נאָך דער „הײַנטיִגער מאָדע" (48).— „איִציִק און בעריִל, און לײביִל און אײַזיִק... אַלע גײען אָנגעטהון יום-טוב׳דיִג, אַלע מיִט נײַע קאַפּאָטקעליִך, אַלע מיִט נײַע שטיִװעליִך, נײַע קאַשקעטליִך, נאָר קײנער טראָגט ניִט אַזאַ לאַנגע קאַפּאָטע מיִט אַ „פּאַליִבאָם" װי איִך; קײנער גײט ניִט איִן אַזעלכע „שטיִװאַלעס" װי

איך, און בײַ קײנעם זעה איך ניט אַזאַ מין משונה מאָדנעם קאַשקעט ווי בײַ מיר... פֿון שפּאַלטען, פֿון קעשעניס און פֿון סקריפּקעס רעד איך שוין ניט; מע האָט מיך רעכט אָבגענאַרט, אָנגעטהון אַ ספּאָדיק!״, קלאָגט זיך דער העלד פֿון „פֿערשטעהרטען פסח״; די חברים מאַכען חוזק פֿון זײַן הולך: „וואָס איז דאָס בײַ דיר פֿאַר אַ קאַפּאָטוכע? אַ האַלאַט! אַ חלאַמידע! אַ זשיפּעציִ! אַ קלײדיל! אַ קראַנאָלינע! זעה נאָר אַ פּאָר תחתונים מיט צווײ „טשאָבעטעס״! און אַ קאַשקעאוט! אַ קאַטערוכע! אַ לאָקשענטאָפּ! אַ פּאָמעניצע!״ (64.).— „בײַם סדר זיצט דער טאַטע דער „מלך״ אין אַ ווײַסען קיטעל מיט דעם סאַמעטענעם קאַשקעט אויפ׳ן קאָפּ. נעבען איהם זיצט די דאַמע די „מלכה״ מיט דעם אַנטיק מאָרענעם קלײד, מיט דער זײדענע פֿעטשײלע און מיט די שײנע פּערעליך״... (66).

סענדער. — דער קאָלאָריט איז נישט ענלעך צו די עלטערע מקורים.

קלמן. — ב ן-ע מ י, „די קינדערשע יאָהרען״, געדרוקט אין שלום-עליכמס „יידישער פֿאָלקסביבליאָטעק״ באַנד I (קיעוו 1888):

„דאָס העמד איז צותראַסטעט און נאָר בײַם האַלז צוגעבונדען מיט צווײ בענדליך; מײַן פּאָרוסינען קאַפּאָטקילע, וואָס איז לאַנג ביז אין די פּיאַטעס, איז צושפּיליעט און צולאָזט ווי אַ פּענדיל. דער ציצענער ארבע-כנפות מיט רויטע קווײטליך האָט אויך ניט געקאָנט אָבהאַלטען דעם שנעע... פֿון דעם, וואָס איך בין געגאַנגען אָנגעטהון אויף די פּיס, וועל איך בעסער ניט רעדען, ווארום איך ווײס פשוט ניט, וואָס פֿאַר אַ נאָמען מע גיט די אַלע שמאַטעס, וואָס זענען געווען אָנגעוויקעלט אויף מײַנע געשוואָלענע פּיס און אַרײַן געשטופּט אין אַ פּאָר אַלטע גרויסע פּאַפּעציס, וואָס נאָך מײַן טאַטע עליו השלום האָט זײ געטראָגען״ (185).

סענדער. — ס׳שטרומט ווי אין אַ קאַלײדוסקופּ...

קלמן. — אין קרעמעניץ וואָלט מען זיך אויסגעדריקט: ...„ווי אין אַ קוקי-די-לוכי״...

נור גײען מיר ווײַטער... מרדכי ספּעקטור.

„ד ע ר מ אָ ד נ ע ר ש ו ס ט ע ר״ (וואַרשע 1894): ר

ס ע נ ד ע ר האָט „אַ אַטליסענע קאַפּאָטע מיט אַ רעזעוואולקע (ווי אַ זומערדיגער פּאַלטאָ, וואָס מע טראָגט אויף די אַקסלען), אויסגעריבענעם בערדיטשובער זיידענעם גאַרטעל, אַ פּאַר־שמאָלציוועטע סאַמעטענע יאַרמאָלקע... און זיין ווייב — אַ צו־קנייטשטען אָבגעבלאַקעוועטען סאַמעטענעם מאַנטעל, אַ געל זיידען טיכעל מיט אַ פּאָר לאַנגע אַלטמאָדישע אוירינגלעך" (ז' 7 פּ).

„ר' ט ר ײ ט י ל" (פּעטערבורג 1884) 50: „זיי געהען ביי־דע צוזאַמען אין שול אַריין, זי מיט איהר אַטלאַסענער שבת־דיגער יופּע נאָך פון דער חתונה, אָנגעטון אויף איין אַרבעל; ע ר אין דער שבתדיגער דעליע (ראַדזשיווילאָווקע, אויבער מלבוש, אויך פון דער חתונה), אָנגעהאַנגען אויף ביידע אַקסלען, צו־חראַסטעט"...

„י ו ד י ש !" (פּעטערבורג 1886): „הײנט אַ לאַצקינע אָבגעריסען, מאָרגען אַ האַלבער אַרבעל פון דעם קאַפּאָ־קעלע, איבערמאָרגען מיט אַ צושפּאַלטענעם דאַשיק"... (ז' 4). — „גע־וואָרען איין איבערקעהרעניש אויף די יודישע גאַסען... אונ־טערגעהאַקטע קאַפּאָטעס, ווײסע מאַנישקעס, אַראָבגעלאָטע הוי־זען"... (8).

„ע נ י י ם ו א ב י ו נ י ם" (פּעטערב 1885): „גאַדיל טראָגט אַ פּאַר פּאות מיט אַ לאַנגער באָרד ווי אַ יוד, אַ וואַ־טאָווע ל"ביל אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ רויטען גאַרטעל, ווי אַ בעל עגלה, אַ פּאַר גרויסע שטיוועל געשמירט מיט טראָן; נע־בען איהם זיצט איינער מיט אַ יודיש היטעל, אַ גוישע צורי־סענע סורטע און מיט שטיוועל אָהן פּאָדעשוועס; נעבען איהם זיצט נאָך אַ יונגער מאַנן, אָנגעטהון אין אַ גוישען פּעלץ מיט אַ יודיש סאַמעטען היטעל; גאָר אויבען אָן זיצט איינער אַ מאַנן פון אַ יאָהר 40, געקליידעט זעהר רײך, קײלעכיג די באָרד געשוירען, די קליידער אונטערגעהאַקט ביז אין די קניע, אויף דער זשילעט העגנט אַ גראָבע גאָלדענע קייט" (ז' 38). — „אַ קאַפּאָטע מיט צעריסענע סטראָקעס" (80). — „אויסגע־טהון די חסידישע קאַפּאָטע און זיך פאַרקירצט די קליידער אָדער די פּאות" (82). — „אַ פּאָר אַלטע שטיוועל, אַ קינדע־ריש היטעל, אַ ווײבעריש העמד, אַ פּאָר פּלודערען, אַ גרוי־סער חס.דישער זײדענער חאַלאַט, עטליכע ווייבערישע טיכעל־

(110). — „אַ פּאָר פּאות מיט אַ לאַנגען קאַפּטען" (124). — „אַ פּאָר לאַנגע הויזען, אַ געפּרעסטער קאָלנער" (125). — „זיין לאַנגע קאַפּאָטע שטענדיג ריין... טאַנצט ער מיט די פּאַנטאָפּעל אין דער לופטען ביים רבין אויף דעם טיש" (220). — לאה „האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפען דעם שאַל, גיך זיך איינגעוויקעלט אין אַ בורנאָס, גענומען דעם זאָנטיק"... (ז' 7). — די אָרעמע כלה דאַרף באַקומען פון טאַטע-מאַמע: „אַ סאַמעטען מאַנטעל מיט וואַטען, צוויי וואָלענע קליידער, חוץ אַ שבתדיגע"... (14). — „לאהניא איז געווען ביי אונז אין אַזאַ שען קלייד, אַז איך האָב אַליין געהאַלטען די שליאַרעס, און אַזוינע טהייערע שטיוועלאַך מיט אָבצאַצען"... (ז' 20). — „זי וועט אַוודאי בעטען אַלע מאָל אַ נייע בראָשעל, אַ נייע קייט" (39).

„אַ ווייבערשע נשמה" (וואַרשע 1894): „זלאַטע אין זעלדע זענען שוין לאַנג יונגע ווייבלעך, מיט טשיפּיקלאַך, מיט פּאַריקען, מיט סאַמעטענע מאַנטלען, מיט דריי טיך פּאָר זאָקען, מיט אויריננלאַך, פינגערלאַך" (9); „זלאַטע אַליין איז געגאַנגען אויף דעם קאָפּ אַוויים געפּרעסט טשיפּעקעל מיט אַסך שליאַרקעלאַך דורך געסילעט מיט אַרין בלויע זיידען סטיינגעלע און אָנגעטהין איז אַוויים געפּרעסט קאַפּטעלע" (14).

סענדער. — יהודה-לייב פּרץ שליסט די פּראָצעסיע.

קלמן. — אין „פערשטערטען שבת" (II 25 פּפּ.) גייט זרח אַ „שבת'דיגע קאַפּאָטע"; מרים — „די האָר-באַנד", וואָס איז איר אַ שטיין אַפּן האַרצען, דערמאַנענדיק אָן די אָפּגעשוירענע בלונדזיירענע האָר ווי אַ ווייטע לעגענדע קלינגט פאַר איר, וואָס זרח זאָגט, „אַז עס זענען פאַרהאַן אַזוינע שטעדט, וואו יודישע טעכטער טראָגען שייטלען, טייל אַפּילו — אייגענע האָר"... — „דער חלום" (II 73 פּפּ.): „דעם טאַטענס זילבערנעם גאַרטעל מיט'ן גאָלדענעם קאַפּעל פון פּסח'דיגען סדר", דער מאַמעס „יום-טובדיגע ציטער-נאָדעל". — „נעילה" (II 88 פּפּ.): „דער גאַרטעל, די יאַרמולקע האָבען געגלאַנצט מיט גאָלד און זילבער". — „וואָס הייסט נשמה" (IV 101 פּפּ.): דער גמרא-מלמד זרח קנייפּ „האָט אַראָבגע-

לײַגט דעם ספּאָדעק, געבליבן זיצן אין די גרויסע פּעדערן (קײַן יאַרמילקע האָט מען נישט אַרויסגעזען). ער האָט אויפּגע-קנעפּעלט די סטראָקעס, אויסגעגלײַכט דעם שטערן".. — „ח ת ו נ ה ג ע ה אַ ט" (IV 147פּפּ.): „אײַנע איז שוין אַרויסגעגאַנגען שבת מיט אַנ'אַטלאַסענע יופּע און אַ קײַט און אַ זײַגער;... בשעת װען איך בין נאָך אַרומגעגאַנגען באָרפּיס, אין אַנ'אַלטע בעזינע קורצע ספּאָדניצע, אין אײַן אויסגעבלאַקעװעטן ציציגען סטאַניק"...; „אויך גײַט צו װינטער, מען דאַרף לײַבלעך און העמדלעך, װאַטאָװע קאַפּאָטקעלעך". — „צ ו ז אַ מ ע ן" (IV 190פּ"פּ): „בײַם טיש זיצט פּרײַדיל נישט פּערמעהליגט, אַ שבת-יום-טוב'דיג מלבוש, מיט אַ װײַס זײַדען טיכעל איבער'ן קאָפּ..., און עפּיס אַ יוד, אין אַ נײַעם קאַשקעט און אַ טוכע-נער קאַפּאָטע". — „ד ע ר ח ע ל מ ע ר מ ל מ ד" (IV 197 פּפּ): „פּערשטעלט פּאַר אַ גוטען יודען, מיט באָרד און פּאות, מיט אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, שיך און זאָקען, מיט אַנ'אָפּען האַרץ"...; „גבאי'טעס, פּראָסטע װײַבער, יונגע װײַבלע אַזוי נקבות.. מיט קרינאָלינעס, אָהן קרינאָלינעס"...

באַנד V („חסידיש") ר' עוזר הופּענשטאנדס װײַב „טראָגט אײַן אויסגעשטיקט האָהר-באַנד אונטער אַ טיפּע קאָפּ-קע מיט פּלאַטערדיגע ברײַטע פּלאַמענדיג רויטע בענדער; די טעכטער טראָגען שײַטלען, די שנור האָט שוין דערגרײַכט צו פּריזיערטע „קרעפּינקעס"... מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, איז נאָך אויבען אָן ר' עוזר'ס מוטער געזעסען! אַ יודענע אין אַ שטערנ-טיכעל, אַראָבגעהאָנגענע אוירינגלעך און אַ ברוסטטיכעל מיט אײַן אויבעל"... „דער זוהן — אין אַ שפּיטציגע, די אײַדעמעס — אין פּלאַכע, קאַנטיגע יאַרמולקעס. די חדר-יונגלעך טראָגען שוין „קאַשקעטלעך", אויף װעלכע ר' עוזר װאַרפט אַלע מאָל אַ בײַז אויג"..; „יענע װאָך איז נאָך דאָ געזעסען אַ מלמד אין אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס"... (ז' 10). — — „עס קומט אַרײַן אײַן איבערגעבויגענער יוד מיט אַ װײַסער צופּלאָשעטער באָרד, װאָס פּלאָנטעט זיך צוזאַמען מיט די פּעדעם פון דער אַלטער אַב-געריבענער קאַפּאָטע, אַ בלײַך פּנים אונטער אײַן אויסגעפּעצט היטעל" (11). — — „אַ מענש געהט דורך דער גאַס, זעהט שטרײַמלעך, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, פּערמאַכטע געװעלבער און

גאָר נישט (35). — — „שטעהט און קלערט, וואָס פאַר אַ קאַ־פּאָטע ער זאָל אָנטהון, אַנ׳אַטלאַסענע אָדער אַ זיידענע, מיט־אַדער אָהן־סטראָקעס״ (37). — — — „מען האָט איהם מלביש ומנעיל געוועזען כיד המלך... פון אַלעם גוטען: אַ שטריימעל, שיך און זאָקען, צוויי טליתים קטנים, צוויי צי דריי פּאָר פלו־דערן״... (39). — — — „און בעווייזט זיך באַלד ביים רבי׳ן זכרונו לברכה, און שוין אין אַ יודישער קאַפּאָטע, אפילו אין אַ שטריימעל!״ (104).— — „אַ ווייבעל, אָנגעטהון בגדי שבת ויום טוב... אויפ׳ן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פון פּערשידענע לעבעדיג־שריינדיגע קאָליערען״ (144). — — „האַלט דיך אָן מיין יופּעצע, מאַכט דער בריסקער רב״...(198). — — „די אַטלאַסענע און אפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבען געבלאַנקט ווי די שפּיגעל״ (214).

באַנד VI („ב י ל ד ע ר א ו ן ס ק י צ ע ן״): „זיי טראָ־גען שינעטענע קאַפּאָטקעלעך״ (15). — „אַ ...יונגערמאַן מיט אַ ספּאָדיקיל אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ... צולאָפּענע ציצית פון אונטער׳ן אָפּענעם חאַלאַטיל״... (173). — „באַרג אָב לויפען צוויי בחורים, אין שינעטעגע קאַפּאָטקעלעך, שיך און זעקלעך״ (217). — דער סקולער רביצינס „קעפּעל הוידעט זיך, ווי אַ הדר איבער איין אתרוג, איבער׳ן רויטען ברוסט־טיכעל״ (71).

סענדער. — דאַנקען און לויבען דעם, וואָס לעבט אייביק, — געענדיגט!

קלמן. — ס׳דאַכט זיך דיר נור אַזוי. — מיר הובען נוך ב״ה אַ בדחנישע און אַ האַלבבדחנישע ליטעראַטור אויך.

וואָלף ע ר ע נ ק ר אַ נ ץ אויס זבאַרזש, „מקל נועם״ II (לעמבערג 1868):

מלמדים, סופרים אין רבנים
האָט דער טאַטי אין זיין משפּחה גיהאַט;
שמשים, שוחטים און שדכנים
זענען געוועזען פון דער מאַמיס צד.
טיליפּיס מיט שמיישאַליך, קאַפּטינים מיט העקאַליך,
ספּאָדקיס אין שטראַמליך, אין פּאַנטאָפּיל אויף די א פּיס.

מיט דיא שטנע בערדאליך, מיט דיא זיסע פעקאליך.
פין טלתים קטנים איז דיך גאר קיין שמיס (ז׳ 20).

איך וועל פארבינטען דיא קליידער אין דיא ביקס
פאר אשטריימיל אין אטליפ מיט פיקס (42).

אין „שירי זמרה"[6] (ווארשע 1882), אין „ליד פון דיא גזרה חתונות":

„וויא מען האט איין מנין גיקריגען,
האט מען גישטעלט איין חופה.
דעם חתן האט מען שטריימיל גיליגען,
דער כלה האט מען אן גיטון דער באבעס יופע (ז׳ 44).

מען האט גאר גיזעהען שטריימלעך פלוהען,
חתן כלה זענען גיגאנגען מיט מאזיק בעוואכט,
אונ ראצעמערענע יופעס אן גיטון,
גלייך עס וואלט גיווען הושענא רבה ביינאכט (46).

אין „ליד פון איין שוסטער מיט איין שניידער" זאגט דער שניידער:

אבי אנאדעל מיט אשער
דארף מען שוין ניט האבען מער:
שטעל איך מיר דאס יארמיקעל אין דער זייט
אונ מאך אביסעל אוף דער גרעסטער פאראט (76).

אליקום צונזער, „המנגן" (ווילנע 1875) 13: „...פיל מאהל האט זיך א ניטהיגער איד פאר א חתן פארשטעלט, בלומרשת ארב אין אזופיגע, אין א האלבע לבנה"...

זיין „דער סנדק" (ווילנע 1897):

ווילסט אפשר גאר א רב אין א שטעטיל ווערין?
זאג איך דיר, זאלסט גאר דער פון ניט קלערין!
דען אלע פעלצלאך, אונ אלע קאציבייקעס,
אלע בארענקאווע קוצמעס, מיט אלע קרייקעס,
פיל עס גיפינען זיך אין דער קהילה,
זיינען אויף דיר בעלי-בתים, דיא ווייבער אויך אפילו (25).

דער רייסט די בארד, דער פליקט די קאפאטע (55).

זײַן „הגיון בכנור" (ווילנע 1903) 50:

איך וועל דיר אָן טאָן מײַן היטיל די האַלבע לבנה
און מײַן אַטלעסענעם בגד דעם ווײַסין.

זײַן „קול רנה" (ווילנע 1892; צום ערשטען מאָל געדרוקט 1885):

דער נאָך טוט זיא אויס דעם יאַק,
און טוט אָן אַאַלטין לײַפּצערדאַק
און גיט אויס ווײַנען אין שטיביל אַצעטיל (42).

לעבין דיא יאַטקעס
פליען דיא שאַטקעס
אין דער הויך, אַציפּק, אַשטײַנגע... (42).

אַז זיא האָט אָפּ גישפּאָרט
פון פלײַש אַף אַ ק ר י נ אָ ל י נ ע... (48).

דיא ווײַב פון מלמד,
וואָס פאר מאָגט קײַן גראָסין,
גײט אין באָציקעס פון סאַמעט
מיט גומענע קאַלאָסין,
אין זיבין טוך אַקלײד,
אַנײל שלעפּט זיך אַף דער ערד, —
אַז קומט אויס אין אַלײד,
וואָס האָט עס פאר אַווערד?
אַפּאָסטערקע, אַהוט, —
עס קאָסט עס אָפּ בלוט,
ווערין בדילי דל.
דיא נײַע וויזיטקע
ווערט איר שוין בריטקע,
וואָרום זי היט פון פּאַריז דעם זורנאַל (39).

מאַני כ ע " ס, בדחן (אויס ביאַליסטוק), „קול זמרה" (ווילנע 1873):

אַז הײַנט איז גאָר אַצרה:
טוך, אַטלעס און מאָרע
האָט שוין פון חברה הבערה,
מאַנטינע און סאַמעט איז נאָך אסברע (ז' 6).

יער שדכין ווערט דער שראָקין
מיא זאָל געלט אַרייַן בראָקין
אין מאַנטלען און אין ראָקין,
וואָס וועלין אַמאָל גיין אָן א ביס זאָקין (7).

אונזערע גרעסטע אחאָטע
איז גיוועז מיט אַמיטיל —
צו אַקיטאַייענע קאַפּאָטע
און צו אַלאַפּאָוועֶ היטיל.
וואָס איז הייַנט גיוואָרין
מיטין גרויס פּאָרמעסטין?
אַקלאָג איז צו די יאָרין
מיט זייער ראָק אונטערוועסטין! (16).

לייבלאַך מיט קיטשקעס
פלעגט גיין אַפילה עשירה, —
הייַנט שלעפּעס גייען גיפּיטשקעט,
דער פּנים איז פגירה (19).

אַקלייד אין צווייא טוך
פלעגט אָן קומען מיט קללות,
הייַנט גיט מען דיא מאַנען דוך
נישט אַנדערש אין זעקס פּאָלעס;
דער צוא נאָך שנורובקעס,
זאַך איין צוא שנורעווען, —
דערום האָבין זיי נישט קיין לאַווקעס
אין שטוב אַמאָל צו האָרעווען.

פון פאַר צייַטיגע שיך
האָבין מיר גיהאַט הרחבה:
מען פלעגט נישט רייַסין גיך,
חייל זייא זייַנען גיווען פּאַכאָווע.
הייַנט איז איין וואָרט:
גרינג און אָן לוב,
פון לאַסטיג, פון קאָרט,
אויף איין מאָל איבערין שטוב.

ווי דיא שיינע גאַנקעס
באַשיינען מאָויערין און גאַסין,
אַזוי אין פיר ראַנדין קאָנקעס
פלעגט אָך אונז פּאַסין.

היינט איז פינגערלאך, י פילקעס,
און פעריל א גאנצין בונד,
דיא שיך זיינען אן טילקעס,
און אין הארצין איז אוונד.

פארטיכער מיט קווייטין,
קאפקעס מיט שלייערס
פלעגין מיר אן גרייטין,
נישט רירין דיא מאנען זייערס.
היינט קומט פאר ארגל,
שראייען זייא זיך וויא טאקין,
פיל מאל ווערט אקליין גישלעגיל
פאר פאסטערקעס מיט קאקין (19--21).

זיין „קול שמחה“ (ווילנע 1873) 3:

דארטין אין דער שטעטיל יאלעווי
געפינען זיך מענטשין אלערלייא:
אזוינע, וואס גייען נאך אין כפאדקעס,
אין די פארצייטיגע קאפאדקעס...

איטשע רעוויזורסקי (בדחן אויס קינצק), „קול מצהלות אדער דער פריילכער בטלן מיט א פיינע פארורע“ (ווארשע 1882):

דער קלייןפוילישער מלמד —

ער גייט אפען מיט דעם הארץ און א האלז טוך,
זאקען און פיענטעס מיט חליצה שיך,
א טלית קטן ביז אן דער קניא,
א פאר קאלטענעוואטע פייעס ביז דער גארטעל צו (ז' 14).

און מיין סחורה איז דער תפילין זאק
און דער ספאדעק מיט דיא לאפטן, —
האב איך שוין נישט מורא פאר דעם מיט דעם פראק,
און דיא כחורה זאל נישט קלאפען (18).

א נ איך האב מיר ווידער א פריילכע וועלט,
און האב שוין אויף דעם א מיטעל:
אז איך דארף צאהלען א ראטע דירה-געלט,
האב איך אויף דעם א שטראמהיטעל (21).

פאר צייטענס פאר א חתן איז געווען די שענסטע מתנה:
א ספאדעקעל און א קראגעל צו קיטעל,
א לאנגע ליקע אויף ראש השנה,

אונ אויף סוכּות אַ פֿײַן שטרײַמהיטעל.
אָבער הײַנט איז גאָר אײַן אַנדערער שטײַגער:
אויף גאָלדענע קײטען, בראָשעס אונ פֿינגערלעך זשאַלעװעס
(קאָרגט) מען נישט קײן געלט;
דער כּלה דימענטענע אױרינג, אונ דעם חתן אַ גוטען זײגער, —
נוא זעהטס אַלײן דיא פֿאַר קעהרטע װעלט (31).

צו אַ חתונה האָט מען אַ כּלה געמאַכט אַ פֿאַרטוך, אַ קלײד;
אַ גליק איז שוין געװען אַ יופּקע מיט אַ קירצען סטאַהן;
אונ נאָך אײַן נײַע פֿאָהר שיך איז שוין געװען אַ פֿרײד, —
האָט מען געזאָגט, אַז דיא כּלה האָט אַ כאַך אָן צו טאָן (31).

פֿאַר צײַטענס האָבען די אַ ערליכע יודען געהײסען,
װאָס זענען געגאַנגען מיט דעם הארץ אין דאַװיסען אונ דעם הױקער געהאַט
פֿאַר נאַכט האָבען זײא הערשט געטאָן אָן בײַסען,
אין זומער אין װינטער געגאַנגען אין אַ ליעטקע חאַלאַט (32).

ש ח״ל (ש. ח. לעװין) אױס ביאַליסטאָק, „שירי חיים אָדער נײַע פֿינף לעבענס ליעדער“ (װאַרשע 1891) 13:

דיא זשופּיצע פֿלעגט דאָס קינד טראָגען,
ניט װיסענדיג, צו עס מוט איהם קלײדען;
דעם שטרײַמעלע פֿלעגט ער האָבען
אַ ירושה פֿון עלטער זײדין;
אין אַגאַרטעלע אױס געציערט,
שיך אונ זעקאַלעך אויך צום שטאָט, —
מיט דעם קאָסטיום האָט מען געשטאָלציערט
פֿיל מעהר, װיא אַ הײַנטיגער אַריסטאָקראַט.

יצחק צבי הלוי ה ײַ ל פּ ע ר י ן, „דע׳ ליעדער קראַנץ“ (אָדעס 1891):

דער אָרטאָדאָקס מיט׳ן שטרײַמעל, אָדער קאַשקעט,
דער מאָדיסט מיט׳ן װיזיט ראָק, אָדער װײַסען מאַנזשעט.. (57).

פֿריהער נאָר זאָגען,
אײַן אַלטמאָדישען יודען,
ער זאָל קײן שטרײַמעל ניט טראָגען,
צו װעט ער זײַן צופֿרידען?
דאָס שטרײַמעל איז געװעזען גאָר ניט פּראַכט,
װיא אַ שליאַפּע מיט דיא באַװלענע בענדליך.
הײַסט איהר, װיפֿיעל אַ שטרײַמעל האָט געקאָסט?

זיכערע 50 רענדליך.
צירונג פֿאַרשידענע
איז געוועזען אָהן צאָהל,
וואָס איין אַמאָליגע יודענע
האָט געטראָגען אַמאָהל
פֿון בריליאַנטען מיט פּעריל,
אַ גרויס שטערען טיכעל,
פֿון גאָלדענע צווערין
אויפֿ'ן האַרץ אַ ברוסט טיכעל (561.).

המבו"א (מרדכי אסטראָוויסקי), „אַ רייזע אין עולם התוהו אָדער דיא נסיעה אויף יענער וועלט" (ושיטומיר 1873 ז' 16:

...פּאַר דאַרטי פּינימליך,
מיט לאַנגע טלתים קטנימליך,
מיט דיא קאַפּטעניס אין דיא שיך אין זעקיליך —
זייער געזיכט איז זייער שרעקליך.

הלל קליבאַנוו, „דער לוקסוס" (ווילנע 1901): „די פֿאַסטאַרקעס מוזין זיין פֿון די טאַייערסטע שטרוי, אונ דער צו נאָך איין זאַמידענער וואוּאַל"... (ז' 4); „די מאָדעס, דיא קאָרצעס, די האָרבעס, דער צאַק, דאָס נעמט דאָך אַרויס געלט גאָר אַקוואַל" (4); „אונ דיא שליאַפּע אויף שפּראָנזינעס"... (6); „אָן דיא סאַמעטענע מאַנטלעך נאָך ניט אַהאָר"... (7); „זיי מוזין דאָך אויך אַרויס גיין אין די האַנטשין מיט דעם פּע-כער" (8).

סענדער. — די כוואַליע הוט מיטגעבראַכט אַביסעל נייעסען.

קלמן. — זעסטו שוין... ענדלעך, אַ בינטעל „שאר ירקות":

יואל-בער פֿאַלקוויטש, „רחלע דיא זינגערין" (זשיטומיר. 1868): „ר' שמחה", אַ ארץ ישראל יוד, אַ משולח ארץ ישראל געלד מאסף צוא זיין... זיינע קליידער זענין האַלב ארץ ישראליוודיג אין האַלב נאָך וויא דיא פּוילישע יודען גייען אָנגעטהון. אַ ווייס זיפּיצעל פֿון טערקישער מאַטעריע, אַרים אין אַרים מיט ווייסע זיידענע שנירעלעך, זיבירקיס אין זיידענע קנעפּעלעך אין פּי-טעלקעלעך; אַ ווייסע באַנווילינע יאַרמילקע אין אַ גרויסער טשאַמביר אין גאַרטיל איינגעשטעקט; דער גאַרטיל איז אָבער

געווען אַ שוואַרצזײַדענער; דאָס העמד מיט אַ קאָלנער, ניט מיט אַ קרײַז; אין אויפֿים קאַפּ אַ סויבלען היטעל" (ז' 14).—ר' ישראל ניעסחיזער, אַ גבאי פֿון רביים: „אויף דעם קאָפּ אַ האַרטע מאַנ-שעסטערנע יאַרמילקע אין אַ געזאָטען ספּאָדיקעל, אַ שוואַרץ קיטײַענעם קאַפּטען מיט סטראָקיס מיט אַ ברײטען גאַרטעל, דאָס האַרץ צוא חראַסטעט, דיא אַרביל ניט צוא געהעקעלט, דיא אַרביל פֿינים העמד הענגען אַרויס מיט געלע פֿלעקען... מי-זעהט אַרויס אַ לאַנגען טלית קטן, געלע נײַנקינע הויזען אין באַנוועלינע זאָקען מיט פּאַנטאָפּעל"(14) —„ר' ישראלס ווײַב אין אַ שוואַרץ מאַנטינען קלייד מאָדניאַרסקע גינײַט, אויף דעם קאָפּ האָט זיא אַ סטראָיק מיט בלומען, אין דעם סטראָיק שטעקט אַ דימעטינע ציטער נאָדיל, אויפֿים האלז הענגט א גראַבע גילדי-נע קײַט מיט אַ זײַגעריל" (82).

זײַן „ר' חײַמיל דער-קצין" (אַדעס 1867): ר' חײַמיל זאָגט: „מי דאַרף געהן אונגעטהאָן וויא אַלע מענטשין, ניט וויא חוזק אין אַ לאַנגער ושופיצע מיט סטראָקעס, אין פּאַנטאָפּעל מיט ווײַסע זאָקען אין דער גרעסטער בלאָטע, אין אַ ספּאָדיקעל, אָדער אַ חצי שבתיל אין דער גרעסטען היץ" (111). —דער סלוצקער מורה הוראה זאָגט: „אונזערע מלבושים זענען זעך אודאי ניט אַזוינע וויא דיא מלבושים פֿון אונזערע אבות, נאָר עהנלעך צו דיא, וואָס דיא פּוילען פֿלעגען צו טראָגען, ווארים תחלת האָבען דיא יודען געמעגט אין פּוילען קליידען פּונקט וויא דיא פּוילישע עדעללײַט, נאָר דער נאָך בגזרת המלך האָט מען אין דיא יודישע קליידער געמאַכט קלײַנע שנוים, כדי מיזאָל דיא יודען דער קענען אין זײַערע מלבושים, מיזאָל ניט מײַנען, אַז זײַא זענען פּוילען (און אַזוי איז אויך געוועזן אין אַנדערע לענדער). אָט דיא זופיצע מיט סטראָקיס און דאָס שטרײַמעל זענען אודאי ניט מסיני, דער אויף קען איך שווערען. דיא זופיצע איז גאַנץ עהנליך צו פּאָלנישען zupan, נאָר לענגער, און שוואַרץ, מגזרת המלך, אַז דיא יודען דאַרפֿין קײַן העללע קאָלירען ניט טראָגען... אָט רבותי! אויף מיר דיא עבירה פֿון אַ קלײַן קאַפּעלישעל, אַביע אַ גרויסער קאַפּ מיט תורה, נישט קשה אַ קערצער ראָק, אַביע אונטער איהם זאָל קלאַפּין אַ גוט יודיש האַרץ"... (113). — „דער לאַנגע קאַפּטען טעלעפּעט זעך נאָר צווישען דיא פֿיס" (114).

ש. בערנשטײַן. „ר' יאָחצע דל גאה" (קישענ. 1887), ז' 11: „ער איז אַ בעיאַהרטער מאַן און זיצט אונגעטאָהן אין אײַן אַלטען זײַדענעם חאַלאַט, און זיא אין אַ איבערגעניצעווע-טין מישלינען קלייד". —ז' 12: „געב מיר נאָר, בענדעט, דיא קאַפּאָטע" (זאָגט ר' יאָחצע צום משרת, דערהערענדיק, אַז עס

גייט צו אים אַ גאַסט); „עס איז אפשר גלייכער, איהר זאָלט געהן אין חאַלאַט, ווייל דיא קאַפּאָטע איז מחילה זייער פּאַר שמאָלצעוועט... וויא אַזוי וועט איהר געהן אין די פאַנטאָפּעל? דיא שטיפעל וויל דער שייגעץ ניט אָפּ ברייגען"... (ענטפערט דער משרת); „שרהלע קומט אַריין אין פעלענע בּושקעס, אונגעטוהן און אַלט זיידען קלייד". — ז' 24: „ר' יאָחצע קומט אַריין אין אַ אַלטער קאַפּאָטע, און שרהלע אין דער עלטער באָביס אָפּגעריסענער יופקע". — ז' 28: „אַ יודענע לויפט אַריין אין אַ יופע אויף איין אַרביל". — ז' 30: „דער רבי שטעהט אונטער דער חופה אין אַ קיטעל און אין אַ ווייסער זשיפיצע". — ז' 6: „יום טוב געהסטו נעבּיך אין אַזוינע אָפּגעטראָגענע מלבושים און מיט רויכע אויסגעקרימטע שטיפּעל". — ז' 10: „און איך וואָלט מיר אַריין געקומין וויא אַ פּירשט מיט אַ גיטין בויך, מיט אַ שטעקען, מיט אַ גאָלדענעם זייגער, מיט ברילען, מיט אַ ציגאַרר, מיט הענטשיקיס, מיט גילאַקירטע שטיפיל, מיט אַ זיידענעם פערעסאָל, מיט אַ סאַמעטענעם קאַשקעט, מיט אַ שאָפּעניִם טיליפּ און מיט ווייסע ענטשקילין"...

ש. בערנשטיין, „מאַגאַזין פון יודישע לידער" (וואַרשע 1880):

דאָ אין אונזער מאגאזין
קריגט איר סחורה מכל מין:
קאָרטען, גיזואנטען, גארניטאָרען,
צו הורטאָם, צו לאחדים;
טאשמעס, קנעפּ און איזענגארען;
זייד, ביינוויל אונ כשרה פּאָדים;
בענדער, פעדערען, שעהנע בלומען...
אָלעיקעס, פּאָמאַדעס אונ פערפומען;
הוטען, היטלען אונ קאשקעטען;
פּאדעשווס, פשיסווס אונ לעדער אזוי...
קאפּעלישען פון ענגליש שטרויא...
דאָ איז דאָ קליידער גרייטע,
רעק, הויזען אונ זילעטען;
טערקישע שאַלען, לאנגע, ברייטע;
שטיוויל, שטיוויליך אונ שטיוועלטין... (55).

גוסטאַוו מאַקמאַן, „דיא געהיימניססע פין יעגער וועלט" (וואַרשע 1865):

...מע האָט נישט געווּסט פֿון קיין שקאָלעס...
ווער האָט זיך ציא א יוד געקענט דעמילט פערגלאכין.
האָטש אין א דימענע קאַפּעטע מיט לאַנגע פּאָלעס. (1).

אַ דאַטש אין א פּראַק
פערבינד זיך דיא באַק (15).

דיא צווייא גרויסע תּפלין,
אין פֿין קיטיל דער פערפעצטער קראַגין,
וועט אויף מיר עדות זאָגין! (76).

אין דאָרט זעהסטו יענעמס פּסק,
אין גרויסין לאַנגין לאַבציראַק?

אין דער דאָרטין, זעהסט, וויא ער שטייט,
דיא קאַפּעטע מיט שפּילקעס אויסגענייט (98).

..אין א בלאָ זיידענע היטל
אויף א גאָלדגעשטיקטע פּאַטערשטיהל...

..איין אלטפרענקישין קאַפטין מיט סטראָקין,
אַ ברייטע גאַרטיל אין א סויביל היטיל (103).

..אין א לאַנגע דעליע אָן געטאָן (106).

נעם אַרויס דאָס שליסעלע פֿון זיידענען וועסטיל (138).

יוסף וויינשטיין, „אַלט און נייא" (אַדעס 1867):
דער מעקליער איז „אַ קליין יודעל אין אַ צעריססענער קאַפּאָטע פערשטעקט דיא פּאָלעס, אין אַ קאַשקעט טיעף אָנגעריקט איבער דיא אויגען"... (ז' 1). — יחיאל דער בעל-עגלה „אין אַ געשטעפּט לייבעל מיט אַ רויטהען גאַרטעל אונטערגעבונדען טיעף אונטער דעם בויך, אין צווייא ברייטע באָץ פלידערן... אין צווייא גרויסע יוכטענע שטיוועל מיט אַ שוואַרץ שמויסגען קיטשמעלע אויף דעם שפּיץ קאָפּ" (3). — „אַ יונגערמאַנן. אין אַ קיילעכיג פעלפען היטעלע, אַביסעל פעררוקט... אין אַ שינעטען טילופּעל מיט דריבנע ווייסע שמיישלעך, אין שוך און זאָקען, אין פלודערן, וואָס מען דערקענט, אַז זייא זענען אַמאָל געוועזען שאַמענע" (4). — „אַ יודענע אין אַ פּאָר שקראַבעס מיט אַ יונגליש קאַפּאָטקעלע אויף דיא אַקסעל" (12). —

„צווייא יודען..., איינער אין אַ חאַלאַט מיט פאַנטאָפעל, אין אַ קאַלעבּיג היטעלע, אָנגעריקט אויף איין אויג...; דער אַנדערער מיט אַ טילעפּיל מיט ווייסע שמיישליך, דען קאַשקעט פעררוקט...; אַ הלפנטע... אין אַ לייבּעל מיט ווייס פיטער אונ דאַרויף אַ שאַל מיט רויטהע גראַדען אונ אויפ׳ם קאָפּ אַ שוואַרץ אַטלעסען טיכעלע מיט גילדענע קוועטען״... (12). — „דאָס פּאָר ווייבּער דערזעהן דעם מחותנס לאַנגע פאות אונ אַ סך ספרים אין שטוב, אויף האָט ער איין אייגען שילכען, דיא מחותנתטע, איהרע טעכטער אונ שניר טראָגען ניט קיין מושקעט אונ געהן אין טיכליך אויף דיא קעפּ; דער כלה׳ס אַ באַבּע געהט אין אַ ברוסטוך אונ אַ יאַמפּערקע״... (18).

מאָני דלוגאטש אויס אַלט קאָנסטאַנטין, „דער עולם התוהוניק אָדער דער פּולישער בּר מינן״ (זשיטומיר 1875): דער עולם התוהוניק הוט „אַפּעלץ מיט אַ קיטשמע״ (16). — „אָב גיליאַפּעט דיא אַטליסינע קאַפּאָטע״ (22). — „אַ האַלבּאָזינער קאַפּאָליש פּאַר שטעלט פון דער שיין״ (23). — „ער האָט אויס גיזוכט אונעם גיהנם איין אָפּ גיבּאַרעט שטריימעל פון דיא אַלטי גוטע יודין״ (27). — „אַנטליעגען... אַ יאָמפּערקע מיט אַ ברוסט טיך אונ האָט זיך אָן גיטאָן ווי אַפּוילישע יודינע״ (27). — „לאַסטיקיני קאַפּאָטיס״ (31). — „מיט וואָס פּאַר אַ ברישליק דער חתן איז גיגאַנגין צוא דער חופה״ (32). — „כלה לעבען!... ווער האָט דיר גיהייסען... טראָגען אופין קאָפּ אַגריבּאַלדיע שטריימעל?״ (35). — „סויבּלינע שטראַמלעך!״ (44). — „דיא חברה האָבּען אַראָב גיוואָרפען פון זיך דיא קאַפּטינס מיט דיא טיליבּעס אונ האָבּען אויס גיטאָן דיא ספּאָדקעס״ (56). — „דעם יודען מיט דער רויטער יאַרמילקע״ (58). — „מיר האָבּען צינויף גינומען די אַלי אַלטע פּענטעפּיל אונזערע אונ דיא שקראַבּעס״ (68). — „גיחאַפּט אַ ווייבּערש היפּקילע אויף זיך מיט אַ יאַמפּערקע״ (88). — „אין דיא קעשינעס פינעם קאַפּטאַן״ (93). — „די הלבשה זייני ווידער דאַרף זיין: אַ קיטאַיענעם קאַפּטאָן געשפּיליעט אויף היקילעך מיט צרופים ע״פ כוד! אַ אָבגעבּאַרעט לאַפּענמיצעל! אַ פּאָר טיפּע קאָזלינע שיך גאַנץ גרויסע״ (98). — „האָט אָב גידרייט בייא איין גוטי יודישער טאָכטער

דעם גאַנצען קאָפּ מיטין גראַבאַלדיגע ווײַדעל, וועלכען וואָס זיא פלעגט טראָגין אויפין קאָפּ״ (102).—„אָן געטוהן מיט אַוויי־בערשער קאָפּקע אויפין קאָפּ״ (116).

„ד ע ר אַ ק צ י ז נ י ק״ (זשיטומיר 1868): „דיא פראָסטע בעלי בתים פורין איין גרוישע ראָהלע, מאַכין חתונה קונדער מיט טײַערע גאַרדיראָבוס, קאַרדאָלינוס, באָרנאָסין, סאַליפין, טשיפּקיס, פּאַריקין, זאַיידינע אין מאַטעריענע קלײַדליך״... (12). — „דיא יודישע קאַסטיאָמע מיט אַלע פּרטים, איין קאַפּ־טין מיט סטראָקיס, איין ספּאָדיקיל, איין קלאַפּ מיציל, איין שטרײַמיל, איין חצי שבתיל, לײַווינטענע הויזין, קאָריגע זאָקין מיט גרוישע שיך״... (14). — דיא גלוחים טראָגען „דעם קור־צין ראָק, פּאַנטילאָניס, גאַטיעס, איין העמד מיט קנײַטשין, בלוטשקינע שיך, אַ פּאָר שטיוויל מיט קאַלאָשין״... (15).

„ד אָ ס ג ו ט ע ק י נ ד פון דעם זײַדינס הבטחה אָדער דער יונגער חזן״ (זשיטומיר 1876): „העסי דיא מיקלערען״ „גייט אַריין, דיא קאַפּאָטע אוף איין אַרביל״; „העסי חאַפּ דיא י ו פּ ע אין וויל אַנטלויפין״ (21).

„געשיכטע פון זעלטענעם ברית און אַ גענאַררטע חתונה פון א. ק אַ ל מ ו ס (וואַרשע 1882): „דער בתולה וועל איך אַוועק געבין דער אַלטער קלעמפּיס שטערין טיכיל מיט די גרויסע אורונג און דיא זעקס שניר פּערייל״... (II 11). — „זיא טהוט אָן דאָס יופּקאַלע אויף איין אַרביל און חאַפּט אויף זיך אַרויף אַשאַל״... (III 4). — „...אַכט בטלנים, אוס גיטון דיא קאַפּטיניס מיט דיא היטלען, נאָר אין דיא יאַרמילקיס און אין דיא טלתים קטנים, און בײַא איטליכען איז איין גישטעקט אַ־פּאַרטשײַלי אין דיא פלודערין״ (III 15). — „אָט איז ער מיקלאָמערשט אַחסיד און גייט צום רעבין, אָט וואַרפט ער אַ־ראָפּ דעם גאַרטיל, און טוט אָן אַלאַנגען סערטוק און גייט שוין דײַטשעריש״ (III 16).

אולריך ק אַ ל מ ו ס, „שמערעלע טראָסטינעצער״ (וואַרשע 1883): „האָט ער זיך אַראָפּ גענומען דיא פּאות, און האָט זיך אָן געטאָן אין אַ סערדוק, מיט אַ פּאָר לאַנגע פּאַנטעליאָנעס (הויזען)״... „האָט זיא זיך פּאַר קעמט אירע אייגענע האָר אַזוי וויא אַ בתולה, און האָט זיך אָן גיטאָן אויפּע, קאָפּ אַ שליאַמפּין (אַ שליאַפּע, אַ הוט), און אַ זײַדען קלײַד מיט איין טלעפּ פון דרײַא אַרשין, און

שטיהעלעך מיט הויכע קנעפּעלעך פון פיר ווערשקיס"... (35). — „א יודישע סאָכטער דאַרף קענען אַ זאָק אַרבייטען, אַ זאָק פּערמערעזשין, קריינדעלעך העפּ-טען" (6). — „ר' חיימיל בעהמט אַרויס פון דער קעשענע אַ שאַכטעל מיט איין פּאָר טייערע אויריגג, וואָס אַזעלכע דאַרף מען וויים זוכען אין דער וועלט, דיא טייערסטע בריליאַנטען, איטלעכער שטיין איז אַזוי גרויס גיוועזן אַזוי ווי דיא פלאָמען, און פון דער אַנדערער קעשענע נעמט ער אַרויס אַ פּאַפּיר מיט צוועלף שניר פּערל אַזוי ווי דיא ניס גרויס, און מיט אַ טייערער גאָלדענער פּאָרמאַר מיט די טייערסטע בריליאַנטען, און נעמט נאָך טייערע פינף ריגגען און גיט דאָס דאָזען"... (44).

י. ד ר ײַ ז י ן, „להיים" (זשיטומיר 1875): „ר' לעמיל דער בארימדיקיר" איז „אַ שיינער יוד מיט אַ גרינער שאַל אויף דעם האַלז, און טופּליעס, און פון הינטען שטעקט אַרויס אַ ציצין פאַטשיילכין" (4). — „איך האָב... גיקויפט אַ קעמיל צום קאָפּ און בראַנזיליעטין, פּראָסטע"... (13).

אברהם נ ו ס ב ו י ם, „דער טיראַנישער מלמד" (וואַרשע 1885): „דער רבי איז גיזעסין אין אַ ווייסע קאַפּאָטע, אין אַ זיידענעם גאַרטעל, אין אַסויבען חיטעל אויף דעם קאָפּי" (6). — „א יבען אָן זיצט ר' אליקום, אָן געטוהן דיא יום טוב קליידער און אויף זיין קאָפּ ליגט איין דרייא גאָרינדיקער ספּאָדיק" (12) — „אַזוי רייידענדיג, טוט ער פון זיך אַוואָרף אַראָפּ דעם פּאַלטאָן" (18). — „ער קען שוין אַראָפּ חאַפּען איין טלית אָדער איין שטריימעל (דאָס איז אַזוי אַמין היטעל פון ווייידלען פון חיות [טהירע], וואָס דיא חסידים טראָגען אויף דעם קאָפּ)" (25). — „אויף זיין קאָפּ איז גילעגין אַ לאַפּין היטעל, אונטער דעם היטעל האָט אָפּער געקוקט אַפּאַרשמאָל-צענע קאַפּעל (יאַרמעלקע) מיט אַ פּאָר פּאות אַזויא לאַנג וויא דער יודישער גלות" (81). — „דער האָט אויף זיך גיחאַפּט זיין אויבער מלבוש (פּאַלטאָ)" (30). — „וויא פּאות! ווען פּאות! אָפּ בשוירען דיא בערדלעך עפּעס מיט ווייסע הערצער און איבער געצויגען דיא הויזען איבער די שטיוועל, און אויף דיא קעפּ זענען זייא עפּעס גיגאַנגען וואָס מען רופט דאָס קאַפּעלישען... זייא זעהען דאָך פונקט אויס וויא גוישקע דייטשען" (75). — „איין באַטראָגטער איד... אויף זיין קאָפּף ליגט אַ ברייטער קאַפּעליש; דער גאָרגעל איז בייא איהם פערבינדען מיט אַפּער-שביצטע פּאַטשיילע, וואָס דאָס איז אַציייכען, אַז ער איז

דער בית-הקברות-חזן"... (87). — „זיא איז גיגאַנגען אַזוי גיקליידעט וויא אין אַלע פוילישע שטעטליך. מען גייט אין אַהאָרבאַנד מיט אַ הויכען ציפּעק. פון אונטער דיא האָר־באַנד האָט אויס געזעהען עפּעס בלאָלעך. דאָס איז נישט גיוועזין גיפאַרבט, נאָר וויל דער קאָפּף איז גיוועזין גיגאָלט" (4). — „ביי ציפּע דיא קצבתע איז צו געלאָפען יאַן שטריק מאַכערס הינט אונ האָט ביי איהר אַ זייטעל פלייש צו געחאַפּט, האָט זי איהם מיט אַבעזעם נאָך געיאָגט, האָט ער איהר דעם קאַפּטאַן אָבגעריסען" (8). — „ר׳ אליקומ׳ס וויב מיט אַפּרישען גיגאָלטען קאָפּ אונ איין דרייא פאַכיקען ציפּעק" (12). — „שטעלט אייך נאָר פאָר דאָס פאַר ענדערונג, ווען מען טוהט אָן דעם פאַריק מיט דעם ציפּיק" (36). — „זיא איז גיגאַנגען אַמין בגד (קלייד), וואָס מען האָט דאָס גערופען „חאַלאַט", עס איז אַמאָל גיוועזין שוואַרץ, יעצט איז דאָס גאָר גיוועזין גרין" (73). — „זיא איז גיגאַנגען דעם קאָפּ איין גע־הילט מיט אַפאַרטשיילע" (73). — „דאָס ווייבעל האָט אויף זיך באַלד דעם שאַל גיחאַפּט" (81).

ישראל חסר-כח (הירש הורענשטיין), „זלידניעפּקער לעבענדע פהאָטאָגראַפיע" (בערדיטשעוו 1891): „אַ דאַרער, לאַנגער יוד מיט אַ קיילעכדיג מיטצעל, מיט איין אָבגעבאַרע־ווּעטער קאַפּאָטע, אַרום געגאַרטעלט מיט אַ גראָבען גאַרטעל, מיט קאָרינע זאָקען, מיט צוויא פאַנטאָפעל אויף די פיסס"... (15); „אַפיין ווייבעל מיט איין אַלט זיידען טוכעל אויף דעם קאָפּ אין אַריין ציצען קליידעל" (17); „אַ מלאכה אַ פיסטערנעם ספּאָדעק צו טראָגען אונ ברידער באַטראַכטען ווי קנעכט?" (24); „געטראָגען אַ יאַרמאָלקע, אַ קאַפּאָטע, אַ גאַרטעל, שיך אונ זאָקען" (30); „דערנאָך האָט זיך געיאַוויט דער לאָקשענער קוגעל פונקט ווי דער גמרא ספּאָדעק ביין זלידניעפּקער דין" (40).

יעקב מארגענשטערען („הנקרא יעקיל לעהרער אויס לאָדז"), „ר׳ שמחה פּלאַכטע אָדער דער וועלט שווינד־לער" (וואַרשע 1881): „דאָס רעהבעל וואַר איין אַלטער מאַן. אונ ער וואָר אויך אַ רעבעלע, אויף דעם שטייגער וויא אַנוטער יוד. ער איז אויך גיגאַנגען אין איין ווייסע יופּעצע"...

(3). — ווערלענדיק חתונה מאַכען די יתומה, זאָגט דער רב
צו דער רביצין: „נעם מיין זילבערנעם קאָשטער פון מיין
שטעקען, און מיינע פאָר זילבערנע בתים פון מיינע תפילין,
און מיין פוקסען פוטער, און דיין גאָלדענעם קאַנעק מיט דעם
שוילשטיק, און דיא צוויא שנורלעך קרעל, און גייא און באָרג
דיר געלד, וועלין מיר זיא גאָר צום ערשטען שיין באַקלייי-
דען"... „מען האָט איהר גימאַכט אַ שיין קלייד פון באַשטשיג,
צו דרייא פייעם איין אייל, אַ פאָר העמדער, פאַר זעקס
פייעם אַ פאָר שיך, אַ רויטע פאַרטשיילע, אַ פאַרטוך"..
(4).—„מען האָט צונאַנד גישאַפט פון שטעטיל איין אַלט
מלבוש, אַ העמד, אַ פאָר הויזען, אַ פאָר שיך מיט זאָקען,
איין קאַפעליש אַ גאַרטעל, און מען האָט שימכען באַקלייד
פון קאָפּ ביז פוס" (7פ.). — דער כלה הוט מען באַם
תנאים-שרייבען „גיגעבען צוועלף איילען אַנקע, זיא זאָל דעם
חתן געבען אַ מתנה אויף אַ שבת מלבוש" (8). — זעענדיק,
אַז די גרינגסטע פרנסה איז צו זיין אַ רב אודער אַ גוטער-
ייד, פרעגט שמכה פלאַכט אָן באַם ווייב, וואָס איז באַם רב
אויפגעצויגען געוורען, „ווי ער איז זיך נוהג"; דאָס ווייב
דערקלערט אים: „ערשטענס, ער גייט אין אַ ווייסע יובעצע,
און גיגאַרטעלט אין אַ לאַנג ווייס האַנדטוך, און אַ גרויסען
ספאָדעק אויף דעם קאָפּ און אַ גרויסען שטעקען מיט אַ ווייי-
סען קאָפּ, איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז, עס איז גיוויס פון
בלעך"... בעט שמכה פלאַכטע: „לאָז מיר מאַכען אַ ווייסע יו-
בעצע, לאַנג און ברייט, און פאַר זאָרג מיר אַלץ, וואָס
דוא ווייסט, וואָס דער רב האָט"... „דיא קלוגע מאַדאַם האָט
געפאָלגט, און האָט געקויפט ווייסע ברייטען קרעיעס און האָט
גילאָזט מאַכען אַ לאַנגע יובעצע מיט גאַנץ לאַנגע אַרבעל,
מיט מעשענע האָקענס, און אַ ווייס האַנדטוך פון פינף איילען
פאַר אַ גאַרטיל; און זיה האָט גיוויסט, דאָס ביים רב אויף
דעם בוידעם ליגט איין אַלטער ספאָדעק נאָך פון תרחס צייי-
טען, איז זיא גיגאַנגען און האָט דעם ספאָדעק גיבּרענגט"..
„יעצט האָט זיך ר' שימכע אָנגיטוען דיא ווייסע סובע מיט
דעם וואָלקען בראָך ספאָדעק אויף דעם קאָפּ"... (10פפ.). —
"ר' שמכה איז זיך געזעסען אין זיין ווייסע יופעצע, מיט דעם

מערקישען ספאָדעק״... (17). — „דער שרה האָט... בעשטעלט, מען זאָל ר׳ שימכען בעקליידען פון קאָפּ ביז פוס זעהר הערליך, דאָס בעסטע זיידענצייג, צו פינעף אונ צו זעקס מלבושים, אונ איין זיידענעם שלאָף ראָק, אונ איין עכט זיידענע ווייס אַטלאַס יופּעצע, אונ איין ווייס זיידענע גאַרטעל, אונ עטליכע טהייערע פּעלצען... אונ איין ריכטיגען ים שטעקין מיט איין גוט זילבערנעם קאָפּ פון אַ האַלב פונט״... (22 פּ).— „איז געגאַנגען אין דיא ווייסע יופּעצע, אין דעם טלית ותפילין, אין דעם גרויסען ספּאַדעק, ווי אַ וואָלקען בראָך, אויף זיין קאָפּ״(45).

„דער חרם דרבינו גרשון אָדער דיא וויבערישע קניפּלעך״ („איין טהעאַטער אין פינף אַקטען אין גירייטען געשריבען״, „דיא מעשה האָט זיך גיטראָפין אין אַקליין שטעטיל אין קליין פּוילין״) [וואַרשע 1882]: „דער רב זיצט ביים טיש אין אַיאַרמיקע״ (22), קומט אַריין די רביצען „אוהן גיטאָהן אין דער שבת דיקע יופּע, מיט סאַמיטינע סטראָקעס באַגייט, אַנייא געהל שלייעריל״... (23) — „מאַכען נייע קליידליך, קופּין אַנייא האַביל״ (26). — „אז איך בין גיגאַנגען אָן גיטאָהן דאָס שלאָף האַבעל, איז אסור גיוועזין אַשענער ווייביל״ (33).— „שיין אויס פּיצין מיט דיא פּעריל אין קרעלין, חלעבין, חלעבין, מיר ווילין אוך גיפּעלין״..., „מיר איז אויך אַזוי איין גיפּאַלין, און אוהן צו טוהן דיא שבתדיקע שאַלין, דיא שלייערליך, דיא יופּעס מיט שטראָקים, צו די האָרבענדער צו צו צעפּין פּראָקים״.. (35). — „דיא שלאָף קופּקע אויף אין צו גבינדען״ (36). — „איך האָב ערשט חתונה זעקס וואָכין, איך גייא נאָך אין חופּה טשיפּיק״ (39).

„ס׳ סיפורי מעשיות״ פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער (וואַרשע 1881) 35: „ער מיט זיין ווייב האָבין ביידע גיהאַט איין פּעלץ. אַז ער האָט באַדאַרפט אין מאַרק צו גיין, פלעגט ער זאָגען: „מיין ווייב, גיב מיר דעם פּעלץ״. האָט זי אים גיגעבין. אַז ער האָט באַדאַרפט אַטיליפּ, גיין צווישען לייט, האָט ער גיזאָגט: „מיין ווייב, גיב מיר דעם טוליפּ״. האָט זי אים גיגעבין דעם פּעלץ. פלעגט ער גרויס תענוג צו

האָבען אונ פֿלעגט לובין: „וואָס פֿאַר איין וואולקייט דער טיליפֿ איז". אַז ער האָט באַדאַרפֿט איין קאַפּטין, אין שיל אַריין צו גיין, האָט ער גיזאָגט: „מיין ווייב, גיב מיר דעם קאַפּטין"׳ האָט זי אים גיגעבין דעם פעלץ, פֿלעגט ער צו לובין, וואָס פֿאַר אַשיינקייט דער קאַפּטין איז. אונ אַזוי, אַז ער האָט באַדאַרפֿט אָן טאָן אַיופּאָ, האָט זיא אים אויך גיגעבין דעם פעלץ, פֿלעגט ער אויך לובין, וואָס פֿאַר אַפּיינקייט אונ וואָס פֿאַר אַשיינקייט די יופּאָ איז"...

שמעון וו ו ל צ ע נ ו ק, „דער בעקאַנטער דאָקטאָר" (וואַרשע 1882) 29: „דיא גאַנצע סצענע איז אָן געפּיהלט מיט שטריימעלעך אונ אַטלעסענע זופּיצעס". — זיין „דיא גיהיימע האָכצייט" (וואַרשע 1884) 35: „דאָ איז פֿאַראַנען איינער שלמה שעפּטעל, זייער אַ קלוגער מענש, אָבער איין אַלט מאָדישער איד מיט אַלאַסטיקענע זופּעצע, הע, הע!"

דוד ז אַ ה י ק, „דיא ראָזע ציוויִשען דערנער" (פּעטריקוו 1884) 27: „איהר יופּקע טראָגט זיא אויף 1 האַרבעל; דער אַנדערער טעלעבענדעט זיך איהר נאָך וויא אַ קאָדע".

ש מ " ר, „דער אוצר" (ווילנע 1884) 4: „זיין זופּעצע איז גיוועזן אַלאַטע אויף אַלאַטע".—זיין „ניט טויט ניט לעבעדיג" (ווילנע 1893): „מיין וואָכעדיגע קאַפּאָטע איז צוריסען אונ פֿערשלומפּערט, אונ מיין שבתדיגע ראַצעמאָרענע זשופּעצע איז פֿאַר פֿלעקט" (ז' 30); „אָנשטאָט זיין פֿאַרשמאָלצענער זשופּעצע האָט ער אַנגעטאַהן זיין שבתדיגע אַטלעסענע קאַפּאָטע" (ז' 33).

גבריאל ר ו ב י ן, „דיא שיינע מערדערין" (ווילנע 1889) 3: „עס איז נאָך צו זעהען אַט לעסענע זופּעצעס, בחורים אין יאַרמולקעס מיט גאַרטלען פֿאַר בונדין, חסידים מיט נאַשע פּאות׳ן, פֿרויען אין קנופּען, יונגע פֿריילינס אין לייווינטענע קליידלאַך".

„א י י ן ו ו י נ ד ע ר ל ו כ ו מ ע ש ה פֿון דעם פּיינעם יונגען מאַנשציק" (לעמבערג 1883) 8: „אָן גוטון אונ אַלאַנגו אַווייסו יופּוצו אַרום גוגאַרטולט מוט אַבּרייטון גאַרטול. דאָס האַרץ אוז בייא אום גיוועזן אָפֿון. אַשטראַמולו מוט גר סו שפּוצון אוז גיוועזן אוף זיין קאָפּ. דו פּוס זענון ביי אום גיוועזן

איין גושטעקט אונ ווייסו זעקולוך אונ און צייוי גרויסו פּאַנ־טאָפּול. אונטער דעם גאַרטל האָט גושטעקט אַגרויסו רויטו פּאַ־טשיילו".

„יאַנקיל בחור אָדער פֿין דעם חדר צום וואַר־שטאַט" (לעמבערג 1885): „איך בון גיגאַנגון אין איין קאַפּ־טען, וואָס איז אַזוי לאַנג גיוועז, אַז איך האָב מוך אונ אום נוט גיקענט רירען, ווייל דער שטראָז איז גיוועז פֿול בלאָטע" (ז' 5); די חדריינגלעך, „צעהן שקראָפּליגו יונגון אָן פּלידערן, באַשטענדיג הונגעריג, צווישון פֿינף בוז דרייצעהן יאָהר, די לאַנגו בעקושוס צעריססען"... (15); „ער גייט שבת אָנגוטיהן אין א ראַצימאָרנים קאַפּטאַן און אַ שטראַמיל מוט דרייצעהן שווענץ" (25).

„דער יקום פּרקן דאָקטער" (לעמבערג 1885). דער מלמד חיים קאַקינדיג, וועלענדיק ווערען א דוקטור, זאָגט צום ווייב, זי זול אים מאַכען געהעריקע קליידער. „אז גוגאַנגון זיין באַשו אונ האָט אַפּור גונומון פֿונ אונטער דעם בעט דאָס שטראַמול אונ האָט אַרום גורוסון די שפּוצון, נאָר איין שפּוץ האָט זי איבערגולאָזט און האָט צו אום גוזאָגט: „האָסטו שוין אַ קושקעט מוט אַ דאַשוק"... גונומון די זופּוצו אונ האָט אַ שטוק אָבגורוסון אונ זאָגט צו אוהר מאַן: „האָסטו שוין איין ראָק"... גונומון דאָס שטוק פֿונ דער זופּוצו אונ האָט עס צוגושטוקיוויט צו די הויזון"... (4).

„עגל הזהב" (וואַרשע 1898): „רב הירש חעליוע־לע טראָגט שבת אין יום־טוב אַ סאַמעטענע קאַשקעט און זיידענעם קאַפּטאַן" (15); „דאָס איז אַ קליין יודעלע מיט אַ לאַנגע איפּעצע" (16); „בימינו אלה טראָגט דער קאַרטאָפֿלאַרש דער גראָבער יונג אַ שטריימעל מיט אַ אַטלעסענע קאַפּאָטע גלייך ווי דער רב פֿון שטאָט" (17); „קנה הירש טראָגט אַ לאַפּען היטעל מיט דריי פֿאַרשימעלטע לאַפּען; אברהם אַבעלע טראָגט אַ סאַמעטענעם קאַשקעט פֿול מיט שמוץ, אויך פֿול מיט נקבים נקבים; חנה פֿלעדערמויז דער מעקלער פֿון דינסטען אַמען, טראָגט אויף זיין אויסגעקראָכענעם קאָפּ אַ צילינדערהוט אַ לאַ דע פּאַריז; שמעיה די טיקעריגס מאַן גייט אָנגעטון אַ כאַ־לאַט, גרויס, ברייט ווי דאָס יודישע גלות, שיך און זאָקען, עס

איז אים אַ שרעק אָנצוקוקען" (18); „אַ יוד אַ הסיד אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע" (74); „דער ליכוויאַרסקע חסיד מיט דעם סאַמעטענעם קאַשקעט" (80); „זי האָט נישט קיין צייט זיך אָנצוטון די קופקע אויף איר קאָפּ" (90).

סענדער.— מ׳מעג שוין מאַכען אַ סיום?

קלמן.— ג ע ע ק ט, — ווי ס׳הייסט באַ אַקסענפעלדען[7].

סענדער.— הוט מען עס נישט געקענט מאַכען קירצער?

קלמן.— דיר טאָר מען אויך נישט וויַיזען קיין האַלבע אַרבעט?

סענדער.— „אַז מ׳פרעגט, בלונדזשעט מען נישט".

קלמן.— מיר הובען דורכגעשפּרייזט דורך דאָס גאַנצע נייַנצעטע יאָרהונדערט, וואָס איז פאַר דעם ענין, וועלכער אינטערעסירט אונדז, אויך דאָס אַכצעטע, און געוויס נוך וויַיטער הינטערווייַלעכץ.

מיר הובען דורכגענישטערט די ווערק פון די יידישע קלאַסיקער, פון אַ שפּאָר ביסעל פּולקסשרייַבערס און גלאַט אַזוי זיך טענטלערס.

מיר הובען אָנגעטראָפען אַף אונדזער וועג אויספירלעכע, כמעט פּרוטיקולאַרישע באַשרייַבונגען און אויך — אָגבאַמערקונגען.

אוקראַינע, פּוילען, ליטע הובען אינדז געוויזען די יידישע טראַכט פון פאַרשידענע יאָרצענדליקער. מיר זעען דעם חילוק פון אורט, צייט, פּולקסשיכט און געשלעכט.

פאַר אונדזערע אויגען זענען דורכגעלופען די קלענערע און גרעסערע שינוים און מודיפיקאַציעס.

מיר הובען אָנגעזאַמעלט אַ רייַכע נומענקלאַטור מיט אַלע אירע וואַריאַנטען, — און אונדז איז קלאָר די מאָס פון פאַרשפּרייטקייט, וואָס עס הוט דערגרייכט די אודער יענע זאַך און אירע נעמען.

מיט איין ווורט, מיר הובען אַ באַוועגלעך בילד, וואָס פליצט פאַר אונדזערע אויגען ווי אין אַ כישופלאַמטערן,

אויסערלעך פֿאַרשיידענפֿאַרביק, און אין גרונט כמעט איינפֿאַר-ביק.

סענדער. — און וואָס טוען מיר מיט דער גאַנצער קראָם?

קלמן. — „הורעווע, מיידעלע, וועסטו האָבען אַ קליידעלע!״ — גיי אַהיים, קוק דיך אַרום און גרייט מיר צו אַ געהעריקען רעפֿעראַט.

סענדער. — אין וואָסער זין?

קלמן. — „מיט פֿרעמדען שכל קען מען נישט לעבען״. — טו אַליין אַ קלער.

פערדער דיאַלוג.

סענדער. — מײַן רעפּעראַט איז פּאַרטיק.

קלמן. — „אַ גוטע בשורה מאַכט פֿעט דעם ביין".

סענדער. — ס'איז אַ סיסטעמאַטישער איבערבליק איבער דעם ייִדישן שטאַט אין משך פֿון נײַנצעטן יאָר־הונדערט.

צוערשט גייט דער מ אַ נ צ ב ע ל ש ע ר גאַרדערוב.

קלמן. — ער איז מער כאַראַקטעריסטיש: טיפֿער אײַנגעוואָר־צעלט, ווידערשטאַנדספֿעיִקער, אויך שטאַרקער פֿאַר־טײַדיקט.

* * *

סענדער. — דער עיקר־מלבוש פֿון ייִדישן מאַנצבעל — פֿון דערוואַקסענעם, ווי פֿון קינד, — איז געווען— — —

קלמן. — דאָס ה ע מ ד. — דער אָרעמסטער הוט דאָס פֿאַר־מאָגט — „כ'בין געבליבן אין א יין ה ע מ ד"[1] איז אַ רעדענסאַרטלעכער אויסדרוק; אַזוי זאָגט וועגן זיך דער, וואָס הוט שוין אַלץ אָנגעווירען. און אַ ייִדיש שפּריכוואָרט לערענט שכל: „דאָס ל ע צ ט ע ה ע מ ד זול מען פֿאַרזעצן און אַ גביר זול מען זײַן".[2] — „דאָס לעצטע העמד" איז דאָס לעצטע שטיקעל פּריוואַטאײַגענטום, וואָס קען זיך אָפּשטעלן בײַ אַ יורד אין אונדזער זינדיקער סוציאַלישער אורדנונג.

סענדער. — פֿון ל ײַ וו ע נ ט פֿלעגט עס זײַן. אין דער ליטעראַטור ווערט דערמאַנט „ט ע ר ק י ש ע ר לײַווענט".

קלמן. — אין די אַמאָליקע גוטע צײַטען הוט אין דעם פּרט געהערשט אַ גרעסערער לוקסוס: אויך מאַנצבלען פֿלעגען טראָגען וועש פֿון לײַוועגט, געשטיקט מיט גולד, זילבער, אודער באַפּוצט מיט פּליטערלעך[3].

סענדער. — דאָס העמד, פֿון וועלכען איך רעד, איז אָפֿ'ן האַלדז געווען פֿאַרענדיקט בלויז מיט אַ ז ו י ם.

קלמן. — מיט אַ ק ר ײַ ז, ווי ס'ווערט אָנגערופֿען וווּ־ניט־וווּ.

סענדער. — אַ ק ע ל נ ע ר ע ל באַם העמד איז געווען אַ חידוש.

קלמן. — מעשה-עלעגאַנט און אַ ווונק אַף „אַפּיקורסות".

סענדער. — אַ ק ו ל נ ע ר[4] — גאָר אַ פּליאהדיקע זאַך.

קלמן. — פוו"ב II 409: kołnierz, „באַם מלבוש דער טייל, וואָס נעמט-אַרום דעם האַלדז". — פון דייטשישען Koller, וואָס שטאַמט פון לאַטייניש collare („האַלדזבאַנד").

סענדער. — אובער שפּעטערצו — קומט-פור „אַ ג ר ו י ס ע ר א ו ס ג ע ל י י ג ט ע ר ק ו ל נ ע ר".

קלמן. — אַפּ׳ן גורגעל — ב ע נ ד ל ע ך צום פאַרבינדען.

סענדער. — כ׳געדענק... דער בוזעם — אָ ה ן ק נ ע פּ ל ע ך.

קלמן. — די פויערען אין א ו ק ר אַ י נ ע טראָגען עד היום אַזעלכע העמדער.

סענדער. — און דעריבער, די ברוסט...

קלמן. — ...דאָס „ה אַ ר ץ", ווי ס׳הייסט אַף יידיש[5]...

סענדער. — תמיד אופען...

קלמן. — ...„צ ו כ ר אַ ס ט ע ט"[6] — איז דער געוויינטלעכער טערמין.

פוו"ב V 585: (מונדאַרטלעך) rozchrastaniec, „אַ מענטש, וואָס גייט אויפגעקנעפּעלט דאָס מלבוש אודער דאָס העמד אַף דער ברוסט". — פון ווערב rozchrastać (מונדאַרטלעך), == rozchrystać (מונדאַרטלעך), == rozchrzestać (מונדאַרטלעך), „אויפקנעפּלען" וכו׳.

סענדער. — „אַ ה ע מ ד מ י ט ק נ י י ט ש ע ן" — „מעשה גוי", פּונקט ווי „אַ ו ו י ס ה אַ ר ץ", אַ „מ אַ נ י ש ק ע"[7].

קלמן. — „ה אַ ר ץ" איז דאָ דאָסאייגענע, וואָס „מ אַ נ י ש-

קע״[8], ד. ה. פ ו ר ה ע מ ד ע ל.
דאַל II 303: manischka[9], „פורהעמדעל, צו טראָגען אונטער דער וועסט״. — פון רוסישעז אַרײַן אויך אין דאָס פוילישע (פוו״ב II 874). — די עטימולוגיע נישט קלאָר.

סענדער. — אויך „אַ ג ע פ ר ע ס ט ע ר ק ו ל נ ע ר״ און „דער ווײַסער מ אַ נ ז ש ע ט״[10].

קלמן. — דאַל II 303: mansheta, „קנײַטשיקער אודער אַרויפגעזעצטער באַלאַג פון העמדקולנער, פון די אַ ר ב ע ל״.—טיאַנדער 843: Manschette (פון פראנצײַזישען). פוו״ב II 875: manszeta (ווײניק געברויכלעך; פוו״ב II 875: mankiet, „דער טײל פון אַרבעל באַ דער האַנט, צוגענײט צום גאַנצען אַרבעל״ (באַ אַ העמד: „דעראײגענער טײל, געפרעסט, צוגענײט אודער צוגעקנעפעלט צום אַרבעל״). — פון איטאַלענישען manichetto.

סענדער. — דער אונטערשטער טײל פון קערפער איז אַפנים פטור געווען פון דעם שטיקעל גרעט, אָהן וועלכען דער גרעסטער אביון וועט הײַנטיקע צײַטען זיך ניט וועלען באַגײַן. נוך אין אַ ביכעל פון 1868 ווערען ג אַ ט י ע ס[11] דערמאַנט אַלס אַנ׳אויסטערלישע המצאה פון די „גלוחים״.

קלמן. — אַלגעמײַן-פויליש: gatki, מונדאַרטלעך-פויליש: gaty. — דאָס פיו״ב I 780 האַלט די ווערטער פאַר פויליש פאַרמעג. ס׳איז אובער אַנ׳אונגאַריש ווורט.

* * *

סענדער. — אובער אויך אָהן אַ העמד וואלט אַ ייד אין אַ עת-צרה מסכים געווען אויסצוקומען, נור נישט אָהן אַ ט ל י ת - ק ט ן אודער אַנ׳ א ר ב ע - כ נ פ ו ת.[12]

דער ט ל י ת - ק ט ן — געמאַכט פון דעמאײגענעם שטוף, ווי אַ טלית, — מיט דיזעלביקע כאַראַקטעריסטישע שוואַרצע פאַסען און שטרײַפען אין דער ברײט באַ דער זוים, אַפ׳ן געלען צײַג. באַרימט זענען געווען ב ע ר ש י ד ע ר טלתים-קטנים.[13]

דער אַ ר ב ע - כ נ פ ו ת...

קלמן. — הײַסט אין פוילען אויך צ י צ י - כ נ פ ו ת[14]...

סענדער. — ...פֿון װײַסער פּ י ק ע.

קלמן. — פּויליש: pika, „דיק באַמװעלצײַג“, — פֿון פֿראַנ־צײַזישען piqué (פּו״ב IV 187)[15].

סענדער. — דער „שטשוגעל“[16] הוט געטראָגען אַנ׳ אַרבע־כנפֿות פֿון בּיאָ ק י ט אַ י, מיט אַ קעלנערעל פֿאַר׳ן האַלדז, — אַ ניצוץ פֿון „הולטאַיסטווע“[17].

קלמן. — פּו״ב II 343: k i t a j, „אַ מין דין גלאַנסירט באַמװעלצײַג“[18], — נאָך דעם נאָמען פֿון דער כינעזישער פּראָװינץ Chitaj.

סענדער. — אויך פֿון צ י ץ[19] מיט רויטע קװײַטלעך פֿלעגט אַנ׳ אַרבע־כנפֿות זײַן.

קלמן. — נה״ד: Z i t z, „פֿאַרשידענפֿאַרביק אינדיש באַמ־װעלצײַג“; נידערלענדיש: sits, chits; ענגליש: chintz. — די פֿורמען שטאַמען פֿון בענגאַלישען chits, „פֿאַר־שידענפֿאַרביק באַמװעלשטוף“ (קלוגע 504).

„ק װ ײ ט ל ע ך“ — דימינוטיװ צו „קװײַטען“[20], װאָס איז דאָס פּוילישע kwiat, „בלום“ (פּו״ב II 662), מיט יידישער מערצאָלעידונג און מיט אומקלאַנג פֿון שטאַמװוקאַל.

סענדער. — דער ארבע־כנפֿות װערט אַף יידיש גערופֿען אויך: ל ײַ ב ס ע ר ד ע ק, ל ײַ ב צ ו ד ו ק, ל ײַ ב צ י ד אַ ק, ל ײַ ב ס ע ר ד אַ ק ע ל.

קלמן. — דאָס איז אין אוקראַינע דער געװײנטלעכער טערמין אין דער אומגאַנגסשפּראַך. אין קרעמעניץ, צ. ב.: „ל אַ פּ צ י ד אַ ק“, „ל אַ פּ צ י ד ע ק ע ל“[21].

ס׳איז אַ געמישט װורט, „האַלב יידיש, פּולװינאַ פּוי־ליש“[22]: דאָס יידישע „ל ײַ ב“ מיט׳ן פּוילישען serdak[23].

פּו״ב VI 72: serdak, „אַ מין װעסטעל פֿון די בערג אײַנװוינער, אויס פֿעל אודער געװאַנט, צוצוקנעפּלען ביז אַרויף“ (אַלטפּויליש) „קאַפּטען; א ו נ ט ע ר ש ט מ ל ב ו ש; פּויערישע קאַפּוטע“; „אַ מין גורסעט מיט פֿאַלדען, יעצט װײניק געברויכט“.

* * *

סענדער. — צום וועש הוט אויך געהערט דאָס ל יַ ב ע ל״.[24]

קלמן. — אַ העמדעל פון וואָל, טריקאָ וכ׳, געטראָגען אים ווינטער, געוויינטלעך אַ פּ׳ן העמד און ארבע-כנפות.

* * *

סענדער. — דער האַלדז איז געווען בלויז. נור „מ ו ד י ס-ט ע ן״, ד. ה. מודענאָכלויפערס, וואָס הובען געזורגט פאַר דער עסטעטיק פון זייער אויסערלעכען אויסזע, און זענען געגאַנגען ריין, ציכטיג אָנגעטון...

קלמן. — אַ סך אַזעלכע איז נישט געווען, לײַדער...

סענדער. — ...פלעגען טראָגען אַ „ה אַ ל ד ז ט י כ ע ל״[25] (ס׳ווערט דערמאַנט „אַ ווײַס האַלדזטיכעל״), אַ „מ אַ נ ט י נ ע ן ט י כ ע ל״ ..

כלמן — דער שטוף הייסט „מ אַ נ ט י נ ע״[26].

פוו״ב II 877: mantyna, „אַ מין זיידענצייג״, — פון איטאַלעניש ן mantino („מענטעלע״).

סענדער. — ...אַ „פּ אַ ט ש יַ ל ע כ ע ן״ (ס׳קומען פור אין די קוועלען: „אַ שיין״..., „אַ שוואַרצזיידען״..., „אַ שיין רויט״..., „אַ ציצען״ פּאַטשײַלעכען).

קלמן. — מערבדרומרוסלענדישיידישער דימינוטיוו צו פּ אַ-ט ש יַ ל ע.[27]

אין דייטשישען: Facilet, Fatzenct, Facenetlein[28]; Fazenettle[29]; F a z e i l e, Fazeneitle, Fazenettle[30]; F a t s c h e i l e, Fazenell, Fazanettel[31]. — אין אַלטפּוילישען: facelet, facelit, facilet, facolet, „טיכעל, דערהויפט נאָזטיכעל״ (פוו״ב I 709). — פון איטאַלעניש ן fazzoletto.

סענדער. — פיין פאַרבונדען פלעגט הייסען: „ט ש אַ ק ע נ-ד י ק״.

קלמן — ליפּ. 106 פאַרטײַטשט דאָס ווורט מיט „פּ ר יַ-

לעך, מוטיק, פליִנק". — איִן דער פונקציִע, וואָס דו ווײַזסט אָן, קען מען נאָך צוגעבען: „וויִלעריִש, וויִל־יִנגעריִש, פראַנטיִש".[32]

קען זײַן, אַז דאָסדוזיִקע אומשטאַנדוואָרט הוט אַ שײַכות צום אַלטפויליִשען czakać, „אַרויפנעמען אַף אַ הוק, פאַרטשע־פען מיִט׳ן הוק, פאַרהעקלען", — אפשר פון אונגאַריִשען csaklya („הוק"), czáklyáz („צופען מיִט אַ הוק"). — זע פור"ב I 368.

סענדער. — איִן דער ייִדיִשער גאַס הוט מען אַף אַזעלכע „שמוכטעלײַען"[33] קרום געקוקט.

קלמן. — געװען איִן זײַ אַ צו גרויסען שפרײַז צו וועלט־לעכקײַט און „אויסגעלאַסענקײַט".

* * *

סענדער. — נאָך אַ מלבוש הוט איִטלעכער ייִדיִשער זכר געמוזט האָבען: תחתונים, מחילה.

קלמן. — עס הוט געמוזט זײַן לכל הפחות „אַ סימן פון תחתונים", ווי אַבראַמוויִטש דריִקט זיך אויס בײַ־טערלעך.[34]

סענדער. — ...אודער „פלודערען", „פליִדערען", „פליודערען"[35], ווי זײַ הײַסען באַם גרעס־טען טײַל ייִדיִשע שרײַבער.

קלמן. — זאַנדערס 515: pludern, איִנטראַנזיִטיִווער ווערב, „אָנגעפוישט-אויפגעשווולען-אָנגעבלאָזען צאַפלען און פלאַטערען"; Pluderhose, „ברײַטע הויזען"(אַף רוסיִש: scharowary).— דער ווקאַבעל איִז פאַראַן אויך איִן פויליִשען (גענומען פון דײַטשיִשען), מונד־אַרטלעך: pluder, „הויזען ברײַטע ווי אַ זאַק" (אַלטפויליִש: pludry, „ווײַבעריִשע מאַיטקעס") [פור"ב IV 239].

סענדער. — ס׳קומט טאַקע פור: „ברײַטע בלאָע פליִדערן".

דיִק און אַבראַמוויִטש געברויכען ווערען הויזען אויך דעם נאָמען „מאַיטקעס"[36].

קלמן. — פוו"ב II 852: maitki, מ"צ, „ה ו י ז ע ן, באַ־זונדערס קינדערשע; גאַטקעס, באַזונדערס ווייבערשע אודער קינדערשע". — שטאַמט פֿון majtek, „מאַטרוס", — אויס דעם האָלענדישען maatje (דימינוטיוו צו maat).

סענדער. — מערקווירדיק: דער נאָמען „ה ו י ז ע ן" ווערט אין די אַלע דורך דיר ציטירטע ווערק גאָר ווייניק געברויכט.

קלמן. — ס'וועט דיר באַלד קלאָר ווערען.

סענדער. — די אַלע מיני תחתונים פלעגען זיין דאָס רוב פֿון ו ו י ס ע ן ל ײַ ו ו ע נ ט, אויך פֿון „ט ע ר־ק י ש ע ן ל ײַ ו ו ע נ ט".

מיר באַגעגענען אויך „פ י ס ט ר ע נ ע".

קלמן. — דאַל III 105: pjestrjedj, „אײַנפֿאַכיק פֿלאַקסענצײַג, פֿאַרשידענפֿאַרביק אודער אין פאַסען; ווערט געברויכט אַף ברייטע הויזען (scharowary), אַרבע־טערכאַלאַטען, מאַטראַצען, בעטזעק, שטרויזעק".[37]

סענדער. — ווייטער: געשטעפּטע ק י ט אַ י ע נ ע, געלע קי־טאַיענע.

אַ גוטערייד הוט געהאַט אַ ט ל ע ס ע נ ע.[38]

קלמן. — אַראַביש, פערסיש, טערקיש: atłas (בײַוורט: „ג ל אַ ט"). — אויפגענומען געווארען אין גרעסטען טייל אייראָפּעישע שפּראַכען אַלס נאָמען פֿון אַ געוויסען סורט זײַדענשטוף.

סענדער. — פראַנטען, אודער, אַף וואַרשעווער לשון, „פֿאַ־צעטלעך"[39], האָבען זיך געפּוצט אין „געלע נ ע נ ק י נ ע תחתונים", „אין געלע נ ײַ נ ק י נ ע הויזען".

קלמן. — דער שטוף הייסט אַף יידיש: אַ נ ק ע[40], נ אַ נ ק ע[41]. פוו"ב III 107: nankin (מונדאַרטלעך: ankin, nanck), „אַ געוויסער מין באַמוועלצײַג", — נאָכ'ן נאָמען פֿון דער כינעזישער שטאָט נ אַ נ ק י ן.

דאַל II 456: nanka, „באַמיועלציַיג, תחלת כינעזיש, און דערפאַר גערופען איך kitajka.

סענדער. — ס׳זענען געווען אויך עפּעס „ש אַ מ ע נ ע פּלו-דערן״.

קלמן. — „ש אַ מ ע נ ע״[42] איז איבערזעצונג פון פּוילישען ווייניקגעברויכלעכען szamowy (szamuowy), „וואָס צייכענט זיך אויס מיט׳ן קוליר שאַ-מואַ״.

szamua, szamoa, ווידער, באַטייט: „העל-געלער קוליר, ווי בא זאַמשלעדער״. — פון פראַנצייזישען chamois (פּוו״ב VI 561פ.).

סענדער. — די פלודערען פלעגען זיין קורצע, פאַרבונ-דען אונטער די קני מיט בענדלעך, — באַ רייַכע און פּראַנטען — מיט געלע.

קלמן. — אוט פאַרוואָס דער נאָמען הויזען פלעגט דע-מאָלט גאָר ווייניק געברויכט ווערען.

דאָס אַה״ד hosa, מה״ד hose, אַנגעלזעקסישע hosu, אלטנורדישע hosa פלעגט באַצייכענען איינגענטלעך אַ זוק, ביז צו דער קני ארויף, אודער העכער ביז אף די שענקלען אַרויף. אַזאַ פאָר זוקען („הויזען״) פלעגט זיין די אייַנ-ציקע הלבשה פון די פיס (אַיסער די שיך, נאַטירלעך) און הוט פאַרטרעטען דעם אונטערשטען טייל (ביידע „רערען״) פון אונדזערע הייַנטיקע הויזען. חוץ דעם פלעגט מען טראָגען אַ באַזונדער קליידונגסשטיק, וואָס אנטשפּרעכט טופּו-גראפיש מער ווייניק דעם אייבערשטען טייל פון די מודערנע תחתונים, נור הוט געהאַט אַנ׳אַנדער פאַסון.

אופטמאָל פלעגט אין די דערמאַנטע שפּראַכען דער וואָקאַבעל גאָר באַ-צייכנען „קאַמאַשען״ (אין דער פראַנצייזישער טייַטש פון ווארט, ד ה. „אייבערזוקען״).

אין נידערדייטשישען באַטייט hose נוך עד-היום: „זוק״.[43]

די ידישע תחתונים, וואָס זענען אראָפּצוצו דערגאַנגען נור ביז צו די קני, הובען דעם נאָמען הויזען, דעריבער, תהלת נישט געקענט האָבען.

סענדער. — ס׳וואַרפען זיך דורך „געווענטענע הויזען״.

קלמן. — ...אַ „וועלטלעכער״ גאַנג.

סענדער. — לאַנגע פּלודערן, אין די שיך אַריין, פּלעגט מען זען נור בײַ יענע, וואָס האָבן זיך געציירט מיט האַלדזטיכלעך.

כּלמן. — יל״ג, „שיחת חולין״ 18:

„צו אונז איז געקוממען פון א ווײַטען אָרט
עפּעס א טײַצעל מיט א געגאָלטער באָרד,
מיט לאַנגע פּלודערן, מיט א סורדוט אָן פאָלעס,
מיט אסאַמעטענעם קאָלנער, מיט קנעפּ אונ שפּאַקולען״...

וועלוועל זבאַרזשער, „מקל נועם״ II, אין ליד „משיחס צאַטין״ (ז׳ 174):

„אַללע הילטײַעס, אַללע אפיקורסים,
וועלין זײַן בײַם רבין משרתים,
מיט די לאַנגע הויזען אין דיא הוכע קנאָפּעל
וועלין פּיצען דעם רבין דיא פּאַנטאָפּעל״.

סענדער. — לענגערע הויזן, אין די שטיוועל אַריין, האָבן זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט, און דעמאָלט איז סימן פון אַפּיקורסות געוואָרען דאָס אַרויסלאָזען די הויזן איבער די שטיוועל, דאָס טראָגן „פּאַנטאַלאָנעס״,[44] „לאַנגע פּאַנטעליאָנעס״.

כּלמן. — פּוו׳ב IV: 40 pantaljony, pantalony (נור מ״צ), „הויזען״. — דאַל III :11 pantalony (מ״צ), „הויזען, גאַטקעס״. — פון איטאַלעניש pantaloni.

* * *

סענדער. — דער געווײנטלעכער הולך פון אונדזערע עלטער-עלטערזיידעס, עלטערזיידעס און זיידעס איז געווען אין „שיך און זאָקען״.

די דרײַ ווערטער זענען אין יידיש אַזוי צונויפגעוואַקסען געוואָרען, אַז מ׳וואָלט זיי אייגנטלעך געדאַרפט שרײַבן אַלס איין וואָרט.

קרמן. — אַזוי ווי מ׳רעדט זיי אַרויס אַלס איין וואָרט.[45]

„שיך און זאָקען״ איז ניט גלאַט א צופעליקע קאָמבינאַציע פון

צוויי הויפטווערטער מיט א בינדוואָרט. ס'איז א פעסטע פאָרמעל. א נייער באַגריף, וואָס פאַראַלגעמיינערט די באַגריפען פון די צוויי סובסטאַנטיוועז, זייענדיק זיי כולל אין זיך.

„שיכאונזוקען“ — א ניי הויפטוואָרט, מיט דער טייטש: „פוסבאַ-קליידונג“; פונקט ווי „טינטאונפעדער“, „טינטאונפען“[46] זענען דאָסאייגענע, וואָס „שרייבגעצייג“; „טאַטעמאַמע“[47], „פאָטער-אונמוטער“[48] דאָסזעלביקע, וואָס „עלטערען“; „פערדאונוואָ=גען“[49] ═ „געשפאַן“; „גאָפּעלמעסער“[50] ═ „באַשטעק“; „ווייבאונ-קינד“, „ווייבאונקינדער“[51] ═ „הויזגעזינד, געזינדעל“; א. אַ. וו.[52]

סענדער. — די זוקצן פלעגען זיין: ווולענע, באַמ-וולענע, פעדעמדיקע, גרובע וואָלקענע, קאָרענע.

קלמן. — דאַל I 241: wolokno, „איטלעכער נאַטירלעכער פאָדעם, נישט געשפינט, נישט געוועבט; ריין גע-פוצטער און צוויי מאָל מיט אַ בערשטעל געקעמטער פלאַקס, אַף פיין געשפינעכץ און לייוונט; געשפינעכץ פון אַזאַ ריינעם ליין אודער פלאַקס; לייוונט“; wolokonnyj, ב“וו[53] פוו“ב II 478: korona, (אין האַנדעל) „קאָוונער פלאַקס“.

סענדער. — איינער אַ באַהעלפער אַ פראַנט הוט געטראָ-גען זוקען „ביז אין דער העלפט פאָדעם, וויי-טער אַראָפּ באַמוועל“.

די זוקען פלעגען זיין ווייסע. אַנ'עלעגאַנט הוט זיך דערלויבט פופעליאַטע.[54]

קלמן. — פוו“ב IV 646: popielaty, „וואָס צייכענט זיך אויס מיט'ן קאָליר פון הולצאַש; פון מויזענקאָליר“.

סענדער. — די שיך אין דער פאָרמעל „שיכענזוקען“ זענען געווען: פאַנטופעל.

אין די קוועלען, וואָס דו הוסט אָנגעזאַמעלט, קומען טאַקע פאָר: פאַנטופעל, פאַנטעפעל, פענטעפעל.

קלמן. — נה“ד, פון סוף 15-עט יאָרהונדערט אָן: Pan-toffel, פון איטאַלעינישען pantofola (פראַנצייזיש:

pantoufle), וואָס שטאַמט פֿון מיטעלגריכישען pantófellos (קלוגע 335).[55]

סענדער. — ס׳וואַרפֿט זיך דורך: „ח ל י צ ה ש י ך״.

קלמן. — צו אונטערשיידען פֿון „ש י ך״ = „קאַמאַשען״.

סענדער. — די מיט די פֿאַטשיילעכלעך אַפֿ׳ן „העלדזעלע„ פֿלעגען טראָגען ש ט י ו ע ל ע ך אודער ש ט י-ו ע ל.

קלמן. — ש ט י ו ע ל ע ך זענען דאָסאייגעיע, וואָס ש ט י-ו ע ל י ע ט ע ן, ד. ה. ק אַ מ אַ ש ע ן.

אין קרעמעניץ ווייסט מען גאָרנישט דעם נאָמען „קאַ-מאַשען״, נור „ש ט י ו ע ל י ע ט ע ן״.[56]

נה״ד: Stiefelette (טיאַנדער 1212).[57]

ס׳איז איטאַלענישער דימינוטיוו.

מה״ד הוט זייט יאָר 1200: stival (a קורץ אודער לאַנג), „שטיוועל״ פֿון איטאַלענישען stivále, וואָס הוט, אייגענטלעך, געהאַט די טייטש: „א זומער-שיך פֿון לייכטען לעדער״ (אויס דעם מיטעללאַטייניש aestivâle, „זומער=דיקס״).[58]

דאָס איז דער פֿורגענגער פֿון יידישען „ש ט י ו ע ל״,[59] וואָס באַטייט „לעדערען פֿוסבאַקליידונג, לאַנג ביז די קני אַרויף, זוגאַר ביז איבער די קני״.[60]

סענדער. — „ק אַ מ אַ ש ע ן״[61] קומען אין די קוועלען נישט פֿור.

קלמן. — איך הוב דאָס ווורט צים ערשטען מאָל דערהערט, ווען כ׳בין געקומען קיין וואַרשע. ס׳איז אין קונ-גרעספּוילען דער נאָמען פֿון שטיועליעטען.

„ק אַ מ אַ ש ע ן״ = „פֿוסבאַקליידונג מיט אַ נידעריק כו-לעווקעלע״.

דאָס פֿראַנצייזישע gamache הוט אין פּוילישען, אין געשטאַלט kamasz, אָנגענומען פֿאַרשידענע טייטשען, דע-רונטער אויך: „שיכוואַרק מיט אַ נידעריק כולעווקעלע, מיט גומענע איינזאַצען באַ די זייטען; האַלבשטיוועלע״ (פֿוו״ב II 216). — ווייסרוסיש: kamaschy (ןשוו״ב 126).

אין דײַטשישען: Gamasche און Kamasche (טיאַנדער 463, 686) — נאָך אין דער פראַנצײַזישער טײַטש פון וואָרט.

אין יידישען הײַסען „קאַמאַשען" נישט נור שטיוועלעך (שטיוועליעטען, שיך) מיט ג ו מ ע, נור אויך מיט ק נ ע פ ל ע ך, אודער ש נ י ר ל ע ך.

סענדער. — ...„ש נ ו ר ו ו אַ ד ל ע ס"[62], ווי ס'הײַסט אין וואַרשע.

קלמן. — פור"ב VI 644: sznurowadło, „שנירעל, צום שנורעווען שיך, גורסעטען".

סענדער. — אומגעלומפערטע שטיוועל — „ש ט י וו אַ ל ע ס".

קלמן. — אויך אין ק ר ע מ ע נ י ץ אַזוי. — כאַראַקטעריס-טיש: מיט'ן טרופ אַפ'ן מ י ט ע ל ט ר אַ ף, ד. ה. פונקט אַף יענער זילב, וועלכע ווערט אַקצענטירט אין איטאַ-לעניש, פראַנצײַזישען און נאָך אין לאַטײַנישען געשטאַלט פון דעם הויפטוואָרט!

סענדער. — די שיך, שטיוועלעך און שטיוועל פון אַמאָליקע עלעגאַנטען פלעגען זײַן „ג ע וו ע ק ס ע ל ט ע", „ג ע פ ו צ ט ע", „ג ל אַ נ צ ע נ ד י ק ע"...

קלמן. — אודער „ג ע ל אַ ק י ר ט ע"...

סענדער. — ... און מיט ש פ י צ ע ן.

די שיך — „מיט ב ע נ ד ל ע ך צוגעבונדען".

די „שטיוועלעך" — „מיט ס ק ר י פ ק ע ס", מיט „ס ק ר ו פ ק ע ס".

קלמן. — דאַל IV 214: skrypok, „אײַן קורצער סקריפ". קאַמאַשלעך פלעגען אין רוסישען געמאַכט ווע-רען naskrypok, ד. ה. זײ זולען סקריפען.[63]

סענדער. — דאָס „געוועקסעלטע", דאָס „געפוצטע", דאָס „גלאַנצענדיקע" שיכוואַרג דאַרף אין דער יידישער קולטורגעשיכטע פאַרנעמען אַ בכבודיק אורט.

קלמן. — ס'איז אין דער יידישער גאַס געווען איינע פון די ערשטע התהלות:

פון אויסערלעכער אייראפעיזאציע, און שפעטער איינער פון די ערשטע אויסער־לעכע קענצייכענס פון דער „השכלה״.

• ל. פ ר ץ (VI 7) דערציילט וועגן טישעוויצער משכיל: „ער גאָלט ניט די באָרד; אין טישעוויץ איז מען יוצא מיט אונטערשערען... דייטש גייט ער אויך ניט... אונדזער משכיל איז יוצא מיט ש ט י ו ו ע ל, פ ו צ ע ן און א ש וו אַ ר ץ ס ט ע נ ג ע ל ע א פ׳ ן ה א ל ד ז. ער הוט שירים פון פאות, פאר דאָס טראָגט ער א ק א נ ט י ג ק א ש ק ע ט ע ל״...

כ׳הוב אין מיין ביבליוטעק א גאַליציש פאָלקסביכעל: „ר׳ גרונם אָדער די א געפיצטע שטיוועל״ (לעמ. 1891), ליינען מיר דורט וועגן א מלמדס א ײנדעל, וועלכען דער פאָטער הוט פארטריבען פון דר׳היים: „פלוצלונג האָט ער זוך געיאָוועט ווי א פאָלגער מענש, זייער רייך גוקליידוט, מיט א גאָלדוגו אוהר אין האנדשוה אונ ג ע פ ו צ ט ו שטיוועלאך מוט קאלאשין״ (6).

סענדער. — פאַנטופעל, שיך, שטיוועל פלעגן זיין „י אַ ל ע וו ע ט ש ע נ ע״, גרובע.

קלמן. — דאַל IV 697: jalowitschina, ה״וו, „לעדער פון יונגען אודער נישטדערוואַקסענעם רינד, צווישען קאַלבסלעדער און יוכט״.[64]

סענדער. — רייכע און עלעגאַנטען פלעגן טראָגן „י ו כ־ ט ע נ ע״[65] פאַנטעפעלעך, יוכטענע שטיוועל. „ק ו ז ל ו וו ע״[66] שטיוועלעך.

קלמן. — דאַל IV 691: juchtj, „פעל פון אַ דערוואַקסע־נעם אוקס אודער קו, אויסגעאַרבעט אַפ׳ן רוסישען אופן, אַף ריינעם דזיעגעץ״. — פוו״ב II 184: jucht, „קופעל, קאַלבפעל, בוקפעל, אויסגעאַרבט, ווייס אודער שוואַרץ, אַמאָל רויט, געברויכט אַלס אויסערלעכער טייל פון. שוער פויעריש שיכוואַרק״. — פיסק. 302: juchta.

דאַל II 133: kozlowyj, ב״וו, „פון צאַפּענלעדער או־דער ציגענלעדער געמאַכט, פון סאַפיאַן״. — פוו״ב II 515: kozłowy, „פון צאַפּענלעדער״.

סענדער. — „גלוחים״ פלעגן טראַגען „ב ל ו ט ש ק ע נ ע״[67] שיך״.

קלמן. — בווך 814: włóczka, „אַ מין וואָלען גאַרען״.

סענדער. — „ה ו י כ ע ק נ אַ פּ ע ל“[68] אויף צופּיל „עולם-הזה“, און נור „מודיִסטען“ פלעגען זיִך דערלויבען דעמדוזיִקען נייַעם אייַנפיִר.

קלמן. — נוך איִן „פּנקס המדינה“ § 322 (יאָר 1637) א גזרה: „מנעלים עם א ו ג י ״ ן[69] וכן עם ק ל ע צ ל ך[70] אסורי׳ איסור גמור, וכן לאנשי׳ וכן לנשי׳ וכן לבחורי׳ ובתולות“, — ד. ה.: „שיִך מיִט אויגען, ווי אויך מיִט קלעצלעך זענען שטרענג פאַרבּוטען, הן פאַר מאַנצבּלען, הן פאַר פרויען, און הן פאַר בחורים און מיידלעך“.

סענדער. — ...אויף דער „הויכער אַ פּ צ ו ס“.[71]

קלמן. — פּו״ב III 439: obcas (מונדאַרטלעך: abcas), „אונטערלאָג בּאַ שיִכוואַרק, אונטער דעם היִנטער-שטען עק פון דער זויל, אַף וועלכען עס שטייט די פּיאַטע; קנאַפּעל“. — ס׳איִז פולקסעטיִמולוגיִע, פון דייטשיִשען Absatz, מיִט איִבּערשטעלונג פון די קונסונאַנטען איִן צווייטען גליִד פון קומפּוזיִטום[72].

סענדער. — טייער שיִכוואַרק זענען אַפּנים געוועזן „ש ט י-ו ע ל ע ך מיִט ז אַ ק ו ל י ש ק ע ס“.[73]

קלמן. — די סלאַוויִשע אָפּשטאַמונג פון „זאַקוליִשקעס“ איִז קלאָר; די עטיִמולוגיִע דאַרף אובּער נוך גענויער אויסגעפורשט ווערען.

סענדער. — ר׳ לייבּ וואָלציִס שטייט פאַר זיין שטוב „איִן פּאַנטעפעל אָ ה ן ק אַ בּ צ י ס“. — ווייסטו ניִשט אַמאָל, וואָס דאָס הייסט?

קלמן. — איִן פויליִשען איִז פאַראַן kapcie (נור איִן מ״צ), וואָס ווערט איִן פּו״ב II 240 פאַרטייַטשט: „אַ מיִן שיִכוואַרק פון לעדער, וואָס איִז נור פון איין זייט אויסגעאַר-בּעט“; (ווייניִק געבּרויכט) „א ו נ ט ע ר ש ט ש י כ ו ו אַ ר ק, ש ק אַ ר פּ ע ט ק ע ס“.

ס׳איִז מערצאָל צום מונדאַרטלעכען kapeć, „געוועבטענער אודער פיִלצענער שיִך“; „ש ק אַ ר פּ ע ט ק ע פון ג ר ו בּ ג ע וו אַ נ ט“; — פון סלוואַקיִשען kapec, וואָס שטאַמט פון אונגאַריִשען kapca („אונוטשע“).

דאַל II 89: kapcy, „פּוסטילעס“;

ליפשיץ 180 רעגיסטרירט „ק אַ ב צ י ע“, איבערזעצענדיק דאָס מיט nosok, karpjetka.—ליפשיץ II 183 פאַרטײַטשט דאָס רוסישע noski מיט „ש ק אַ ר פּ י ט ק ע ס, ק אַ פּ צ י ע ס“.

אַפנים, אַז „ק אַ ב צ י ס“ זענען געווען אַ מין שקאַרפעטען.

ס'איז נור אַ שאלה: צי הוט מען זיי געטראָגען שטאָט זוקען אודער אַף די זוקען?

סענדער. — ענדלעך, הובען געהערט צום יידישען פּוסטואַלעט „ש ק ר אַ ב ע ס“, ד. ה. אַלטע אָפּגעפּאָרעטע, „אָפּגעבאַרעטע“ פאַנטופל.

קלמן. — די ווערטער „אַלט“ און „שקראַב“ גייען תמיד אין אַ פּאָר. מ'זאָגט שטענדיק: „אַ ל ט ע ר ש ק ר אַ ב אַ ל ט ע ש ק ר אַ ב ע ס“

„אַ ל ט ע ר ש ק ר אַ פּ!“ רופט מען אין קרעמעניץ פאַרדרוסיק און פאַרעכטלעך אַן'אַלטען מאַן, פאַר וועלכען מ'הוט קיין דרך-ארץ נישט, „אַן'אַלטען תרח“, — אודער אַן'אַלטע, פרוי, אַן'אויסוווּרף, אַ יאַכנע אַ „מכשפה“.[75]

אויך אין גוטען מוט, אַלס הלצהלע, רופט מען אַלטע לייט — „אַ ל ט ע ש ק ר אַ ב ע ס“.

יער בדחן אַפּ'ן „חסידישען ייִנגעלס“ חתונה רופט אויס: „איי, מימעס, פעטערס, זיידעס, באָבעס, גיטע פריינד, אַ ל ט ע ש ק ר אַ ב ע ס, חתנ'ס צד, צד חתן, כלה'ס צד, בייט אויס אַ קאָפּייקע אויף מינץ דרשה-געשאַנק!“ (ז' 101).

אין „וועלט-לוח פינעם יאָהר אין כסף“ שרייט דער בדחן באַ דער חופּהוועטשערע (ז' 18):

„חתנ'ס צד! צד כלה!
מימעס, פעטערס, זיידעס, באָבעס!
גיטע פריינט, יונגע לייט, אַ ל ט ע ש ק ר אַ ב ע ס!
ריהרט אייך, געלט! איטליכער נאָך זיין גראַד!
דרשה-געשאַנק! צד כלה, חתנ'ס צד“!

סענדער. — שקראַבעס פלעגט מען אויך מאַכען פון אַלטע שטיוועל, אָפּטרענענדיק אודער אָפּשניידענדיק

די כולעווע, און צופאַסענדיק דעם אונטערשטען טייל פאַר פאַנ־טופעל.

קלמן. — פוו"ב VI ‎:626 szkraby (נור אין מ"צ), מונד־אַרטלעך, „אַ ל ט ש י כ ו וואַ ר ק, אויסגעקרימט, פאַרדאַרט, טויג צו גאָרנישט"; — פון אוקראַיִנישען.

סענדער. — אָרעמעלייט פלעגען אויך גיין אין „פ אַ פ ע־צ י ס".

קלמן. — פוו"ב IV ‎:49 papeć (מונדאַרטלעך), papuć (לי־טעראַריש), „איבערשטער שיך, געווענטענער פאַנ־טופעל, שטובשיך, פלאַכער שיך", — פון טערקישען papudz, „אַ מין שיך, פלאַכער שיך".

* * *

סענדער. — אַ וו ע ס ט איז אַמאָליקע צייטען, — בײַ „אונ־דזערע אבות־אבותינו", ווי מ'דריקט זיך אויס אין וואַרשע, — געווען אַזאַ ראַריטעט, ווי אַ פרה־אדומה.

נור די „יוייסעחברהניקעס" מיט די האַלדזפאַטשיילעכלעך און געוועקסעלטע שטיוועלעך פלעגען זיך נישט שעמען צו טראָגן אַ וו ע ס ט, אַ וו ע ס ט ע ל,[76] אַ „ז י ל ע ט", אַ „ז ש י ל י ע ט".[77]

קלמן. — דאַל I ‎:558 shiljet[78], — פון פראַנצייזישען.

סענדער. — ...אַ „ק אַ מ ל ע ט ע נ ע ק אַ מ ז ע ל ק ע"...

קלמן. — אין קרעמעניץ: „ק אַ מ ז ו י ל",[79] „ק אַ מ י ז ו י ל".[80] פוו"ב II ‎:227,225 kamizola (ווייניק גע־ברויכטע פורם), kamzola (מונדאַרטלעך), kamizelka, kam־zelka (מונדאַרטלעך).[81]—דאַל II ‎:82 kamzol. — טיאַנדער ‎:687 Kamisol. — פון פראַנצייזישען.

א אינטערעסאַנטע שטעלע בײַ ד י ק ע ן, אין „דיא קרעמערקעס אָדער גאָלדע מינע די בראָדער עגונה" (ווילנע 1865): אין ב ר ו ד, מיט פופציג יאָר צוריק"... „ווי דאַן וואר דאָרט דעם בחור, וועלכער נור איינע שפראַכע פער־שטאַנען האָט, אָדער וואָס איז זיך איין עטוואַש געלאַנט גיגאַנגען, דאָש הייסט, וואָש ער האָט איין ה אַ ל ד ז ט ו ך גיטראָגן אָדער איינע ק אַ מ ע ל ז ע ל־

קעלע חלילה. אַזעלכען האָט שוין אַ שדכן וויא דעם פעסט אויש געמידען. ער האָט געמאָגט זיין אָרענטליך וויא ער וויל זעלבסט, פרום אונ אויך רייך, פאַר אים וואַר שוין קיין כלה צוא בעקומען אין דער רונדונג (סביבה) פון פופציג מייל, דען זעלבסט דער אָרעמסטער האָט אויך ניט געוואָלט אוועק געבין זיין טאָכטער פאַר איין פושע ישראל, פאַר איין ווייסין חברעניק, וואָס טראָגט גלי־
גלאנצטע שיכלאך אונ לייענט דיא טייצעשע ביכלאך" (ז' 4).

* * *

סענדער. — גלייך אַפ'ן העמד מיט'ן טלית-קטן אודער ארבע-כנפות הוט דער יידישער מאַנצבעל געטראָגען...

קלמן. — טראָגט נוך דאָס רוב עד היום..

סענדער. — .. אַ זופּעצע (זופּעצקע, זיפּעצע, זיפּעצעל), זשופּעצע (זשופּעצעל, זשיפּעצע, זשיפּעצעל), יופּעצע, יובעצע (איפּעצע), יופּע...[82]

קלמן. — דאָס זענען אַלץ סינונימען.

סענדער. — אַזוי קומט אויס לויט די מקורים.

קלמן. — פוו"ב II 186, 183: jupa (און ווייניקגעברויכטע פורם: juba), מיט פאַרשידענע טייטשען: „ווייבעריש וועסטעל, סטאַניק" (אין דער באַטייטונג ווייניק געברויכט); „שובע" (אויך אין דער טייטש זעלטען באַנוצט); „ווייבערישער מאַנטעל, אַ מין רעקעל" (מונדאַרטלעך). — פון אַראַבישען džubba, „אונטערשט מלבוש".

דאַל IV 689: japa, „זומערדיקער געוועטענער מלבוש פון די לופאַרען אין אַרכאַנגעלסקער קאַנט, אויפגעוויינט ווי אַ זאַק"; „פויערישער אָרעמער פעלץ, נישטזעלטען געדעקט מיט לייווענט"; אין רוסישען אַנ'אַלט וווּרט, אין טייטש „פעלץ, ווארעמער כאַלאַט, קאַפּטען".

אין דייטשישען: Ioppe, Iupe „רעקעל" (טיאַנדער 677, 680), געגומען פון רומאַנישען; איטאַלעניש: giubba, giuppa „יאַק, רעקעל, לייבעל, וועסט"; פראַנצייזיש: jupe, upon „פרויענקליידעל" (פון כטאָן אַראָפּ); אַלע פון אַראַבישען džubba,

„ברייטער מאַנצבעלשער רוק״.

פּוו״ב II 186: japica (מונדאַרטלעך), „י י ד י ש ע ר כ אַ ל אַ ט״.

קאַרל VI 450: źupica, „מאַנצבעלשע אודער ווייבערשע ברייטע הויזען״.

אפרים מ ר ג ל י ו ת, „דיא געפֿונענע עלטערין״ (וו. 1883) 4: „א ו י ך מ י ר אַ מ ע נ ט ש מ י ט אַ ז ו פּ ע צ ע! אַזאַ פּאַרשוק: מע וויל אים מאַכען פּאַר אַ לייט, און ער ווארפֿט זיך גאָן!״...

אין „א ב ן - נ ג ף״ ווערט דערציילט, אז אַף דעם סעודהלע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען לכבוד דעם, וואָס מוטעלע הוט אָנגעהויבען חומש, הוט מען „דאָס קינד אויך די געוואוינליכע נארישע פֿראַגען געפֿרעגט: „אין וואָס גייט דער חומש אָנגעטון, אין אַ ז ו פּ ע צ ע אודער אין שטיוועל?״ — „אין טאַוולען פֿון פּאַפּיר, מיט לעדער באַצויגען!״ הוט דאָס קינד געענטפֿערט אויך אַף זיין רבינס ווונק״.

סענדער. — דאָס מלבוש מוז זיין אַנ׳אַלטער תּושב אין דער יידישער גאַס.

קלמן. — אין „פּנקס המדינה״ § 313 (יאָר 1637): „ז ו פּ א ן אטלס או דמשק [דמסק] אין לעשות מכאן ולהבא חדש ם [מחדש], כי אם מי שנוח לסכום מארבעה אלפים זהו׳ ולמעלה״, — ד. ה.: „מאַכען זיך אַ נייעם אַטלעסענעם אודער אַדאַמאַשקענעם ז ש ו פּ אַ ן איז פֿון איצט אָן און אַף להבא פֿאַרווערט איטלעכען, אויסער דעם, וואָס צאָלט מדינהשטייער פֿון דעם סכום 4000 גילדען און מער.״

און די מלבושים, וואָס דו הוסט אויסגערעכענט, זענען בלתּי ספק גאָר נאָנטע קרובים פֿון דעם „ז ש ו פּ א ן״, — לכל הפּחות לויט׳ן שניט, לויט׳ן פֿאַסון.

בווך 989: upan, zupan, źupan.

קאַרל. VI 449פֿ. (מונדאַרטלעך): źupan, „אַ מין קאַפּטען, געטראָגען פֿון פֿרויען, פֿון גראַנאַטגעוואַנט, אָפּ׳ן סטאַן איינגעקנייטשט אין עטלעכע צענדליק דינע פֿאַלדעלעך, מיט אַ זייער גרויסען קולנער פֿון אַ גרויען שמויש אודער פֿון אַמאַראַנט געוואַנט״; „אַ ל אַ נ ג ע ר ג ע וו ע נ ט ע נ ע ר ק א פּ ט ע ן ב י ז צ ו ד י פּ י אַ ט ע ס״; „אַ ל אַ נ ג ע ר י י ד י ש ע ר כ א ל א ט, א ר ו מ-געגאַרטעלט מיט אַ וו ע ל ע נ ע ם ג אַ ר ט ע ל״ (אין טיקוציִנער קאַנט).

סענדער. — ווייטער: אַ קאַפּטאַן, קאַפּטען, קאַפּ-טאַניק, קאַפּטאַניקעל, קאַפּטעלע, קאַפּטענדעל, קאַפּטען.[83]

קלמן. — דער שניט פֿון קאַפּטען הוט אַמאָל געמוזט זיין אַנ׳אַנדערער, ווי פֿון דער זשופּעצע.

סענדער. — אין נײַנצעטען יאָרהונדערט איז די דיפֿערענץ, זעט אויס, שוין געווען אָפּגעריבן.

קלמן. — פּויליש: kaftan; אַלטפּויליש: kaptan; פֿאַרקלענערפֿורם: kaftanik. — פֿון טערקישען kaftan (פּוו״ב II 201).

אין פּוילישען הובען די ווקאַבלען אזעלכע טײַטשען: 1) „לאַנגאײַבערמלבוש באַ די טערקען“ (= szuba, = delja); — 2) „קורץ אונטערשט מלבוש, אמאָל אויך אײַבערשט, א מין וועסט מיט אַרבעל; קורטקע, קורצער קוזאַקישער רוק, קאַזאַקין, שפּענצער“; — 3) מונדאַרטלעך: „פּרויענטראַכט, א מין לאַנג פּיטערעל“; „לאַנגער פּויערישער רוק פֿון גרויה היימיש לײַוועבט“.

דאַל II 99: kaftan (האַלט עס פֿאַר אַ טאַטעריש וואָרט), „לאַנג מאַנצבעלש אײַבערמלבוש פֿון פֿאַרשידענעם שניט“; אַ kaftan מיט אַ שפּאַלט (מיט אַ שליץ) פֿון אונטען הײַסט njemjeckij („דײַטשישער“)!

ווײַסרוסיש: kaptan (זשוו״ב 172).

ליטוייש: kaftanas (זשוו״ב 173).

טיאַנדער 682: Kaftan (אָנגעוויזען, אַז שטאַמט פֿון אַראַבישען).

סענדער. — אויך: אַ קאַפּאָטע[84], אַ קאַפּאָטקע, אַ קאַפּאָטקעלע...

קלמן פּוו״ב II 248: kapota, kapotka (דימ.), „מאַנצבעלש לאַנג אײַבערשט מלבוש, אַ מין סערדיט, רוק, פּויערשע סוקמאַנע, אופּונטשע, געברויכט יעצט בלויז פֿון דעם אָרעמען קלאַס און פֿון ייִדען“.

לויט אײַגענער באָובאַכטונג ווײַס איך, אַז באַ דער פּוילישער פֿולקסמאַסע הײַסט kapota: דער ספּעציפֿישפּויערשער מאַנטעל (אײַגענטלעך, רוק), וואָס ווערט געטראָגען גלײַך אַפּ'ן העמד אודער אַף דער וועסט; אויך דאָס אײַבערמלבוש פֿון כאַראַקטעריסטיש דורפֿישען שניט, וואָס מ'טוט אָן אַף דעם רעקעל, אַרויסגײַענדיק פֿון שטוב; ענדלעך, אפֿילו דער מודערנער שטאָטישער מאַנטעל (פּאַלטו, פּאַלטע, פּאַלטען).

אין דער לעצטער טײַטש הוב איך דעם ווקאַבעל געהערט אויך אין מויל פֿון ייִדען אויס דער פֿולקסמאַסע.

אין יאָר 1878 איז באַ געבעטנער און וולף אין וואַרשע אַרויס א בי-

כעל פון זיגמונט ליברוויטש: „Z wrażeń kapociarza" („קאַפּאָטניאַזש" איז אין דער פּוילישער אומגאַנגסשפּראַך די געוויינטלעכע באַצייכנונג פון אַ ייִד אַנ׳אָרטאָדאָקס).

מענדער. — קאַפּאָטע איז, הייסט עס, אין ניינצעטען יאָרהונדערט שוין געווען סינאָנים פון זשופּעצע און קאַפּאָטע.

קלמן. — דאַל II 88: kapot, „ווייבערש איבערשט קלייד, מיט אַרבל און אַ שניט פון פאָרענט (יעצט שוין אַרויס אויס דער מאָדע)"; „אַלאַנגער פוירישער קאַפּטען"; „שינעל", מאַנטל (פּלאַשטש)";—kapotka, „פוירישער קאַפּטען פון גוטען געוואַנט, מיט אַ קיילעכיקען קאָלנער, ווי באַ אַ שינעל"".

סאַנדער 692: Kaput (t) (צ. ב. Kaputrock, „זעלנערישער שינעל" אין דער עסטרייכישער אַרמיי).

מענדער. — אַלע מסתמא פון פראַנצייזישן copote.

קלמן. — קלאָר ווי דער יאַמפּעלער באַרג.[85]

א. ב. ג׳ 1836: „אַ יידישע קאַפּאָטע איז אַזאַק מיט צוויי קליינע זעקלעך" („שערצהאַפט פון דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט די צוויי קעשענעס אין די זייטען").

אַ „געהאַקטע קאַפּאָטע", ווי מ׳רופט עס אין וואַרשע, ד. ה אַ קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט הינטען, מיט אַ שליץ, איז תחילת געווען בלויז אַ „דייטשערישער" אויפטו, אַ משכילישער גאַנג. — איינער אַ ייִד, וואָס וויל זיך שוין אייראָפּעיזירען, דערציילט אין „כל-בונזיק" 42: „איך האָב מיר פאַראַכטאָגען געגעבען ניי׳ען מיין קאַפּאָטע, האָב איך אָנגעזאָגט דעם שניידער, ער זאָל זי אַביסעל קירצער מאַכען, און מיט צוויי שורות קנעפּ, מיט אַ געהאַקטען סטאַן, עס זאָל כוטש פּוכוזשע זיין אַף לייט... אין טאַקע אַ קאַשקעט האָב איך מיר שוין אויך געקויפט! אַף שבת וועל איך אים אָנטון". — אין דעמאַייגענעם „כל-בונזיק" 37: „ער הייסט שוין מחילה דער דייטש, וואָרען ער האָט דאָך שוין צוגענייט אַ דאַשעק צום קיילעכדיגען, און די קאַפּאָטע איז מיט אַ געהאַקטען סטאַן"...

„כ׳האָב געוואָלט אָפּגעבען די קאַפּאָטע", „כ׳האָב שיר נישט אָפּגעגעבען די קאַפּאָטע", זאָגט מען אין קרעמעניץ מעשה וויץ, ד. ה.: „כ׳האָב געהאַלטען באַ שטאַרבען", „כ׳בין שיר נישט געשטאָרבען".

נאָך זאָגט מען אין קרעמעניץ: „וואָס וויל ער פון מיר? כ׳האָב אים געקוילעט די קאַפּאָטע?!" (ד. ה.: זיין פּרעטענזיע האָט קיין שום גרונט נישט, כ׳האָב אים קיין שום עולה נישט געטון, ער טשעפּעט זיך גלאַט אַזוי אָהן אַ פּאַרוואָס אָהן אַ פּאַרוועז); „קיצור מסעות בנימין השלישי" 31: „זי האָט מיך אָפּגעשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי איך וואָלט איר געקוילעט די קאַפּאָטע".

סענדער.—אַ צו ברייטע און צו לאַנגע, אָהן אַ פאַסון אומגעלומפערט אויפגענייטע קאַפּוטע הוט מען גערופען שפּו־יש: קאַפּוטוכע.

קלמן.— טרופ אַפ׳ן דריטען טראַף.—„וכע״ איז דער סלאַווישער סופיקס ‎-acha[86], וואָס הוט, אין פוילישען צ. ב., פּעיוראַטיווען כאַראַקטער.

סענדער.— ווי שמכה פלאַכטע הוט געהאַט אַ „ווייסע סובע״.

קלמן.— „סובע״ מוז זיין אַ דרוקפעלער, שטאָט „סובע״, ⸗ „שובע״ (אין טייטש „יופּעצע״, אָהן פוטער).

סענדער.— מודעגאָכיאָגער און אין גאַליציע גלאַט אורענטלעכע יידישע קינדער הוט מען געקענט זען אין אַ „בעקעשע״[87], „בעקישי״[88].

קלמן.— אין פוילישען איז bekiesza „אַ לאַנג פוטער לויט אונגאַרישען שניט״,— פון אונגאַרישען bekes (פוו״ב I 111).

רוסיש: bjekjesch, bjekjeschka, „רוק, קאַפּטענדעל אַף פוטער״ (דאַל I 82).

אוקראַיניש: bekescha, „אַ מין קאַפּטען אודער סערדיט״ (פּיסק. 15).

טיאַנדער 179, 047: Bekesche, Pekesche (פון פוילישען).

סענדער. — די יידישע בעקעשע הוט אַמאָל געהאַט „רויטען אונטערשלאַק מיט ברייטע דומען״.

קלמן. — ליפּ. 74 זעצט־איבער „דוס״ מיט „igra w szaszki“ (נה״ד: Damspiel), d o w j e d j (די דאַמע אין Damspiel).[89]— שטאַמט פון פראַנצייזישען dame[90].

„אונטערשלאַק מיט ברייטע דומען״ איז מסתמא פוטשעווקע מיט קעסטעלעך, ווי אַ שאַכברעט, געקעסטעלט צייג, גראַדענדיק צייג.

* * *

סענדער.— זופּעצעס, זיפּעצעס, זשיפּעצעס, זשיפּעצעס פלעגען זיין פון „מ ו ר ע[91] א ן קוויאַטען“.

קלמן.— פוו״ב II 1039: m o r a, „אַ מין זיידענצייג מיט אַ דעסען, וואָס גלאַנצט און בייט זיך כוואַליע־דיק“.— פון פראַנצייזישען moire, וואָס שטאַמט פון ענגלישען mohair (וועלכער איז גענומען פון אינדישען moiakar, mohakar, mâghar, „צייג פון צאַפּענוואָל“).

טיאַנדער 874: Mohr, Moire. — פון פראַנצייזישען.—רוסיש: muar (טיאַנדער 874).

סענדער.— ...פון ראַצעמורע...[92]

קלמן.— פויליש (יעצט ווייניק געברויכט): racimora, racymora, ratsymor. — פוו״ב V 459 דער־קלערט: „אַ מין זיידענצייג, וואָס פלעגט געברויכט ווערען אין אַכצעטען יאָרהונדערט אַף זומערדיקע קונטושען, שלאַפּרעק און סאַלופּען פאַר ווייבער“.

אין „פּ.שקע דעם קרומען“ (אדעס 1888) 15: „...פעלדער געשפּרענקעלט מיט בליענדע רעטשקע ווייס ווי שניי לעבען געל-גילדענע ראַצעמורענע פּאַסען פון ווייץ“...

אין וואַרשע זאָגט מען שפּוטיש: „א ראַטשימוריניאַקי“ — וועגען אַ מלבוש, וואָס איז נישט מודיש, זעט־אויס אַלטפּעטעריש און הוט אַן אויסטערלישען קוליר, דאָס, וואָס מ׳רופט „א מיתה-משונה-קוליר“.

סענדער.— פון ראַצעמורע פּיאָס...

קלמן. — וואָס „פּ י אָ ס“ איז די טייטש, ווייס איך נישט. כ׳הוב עס אויך נישט געקענט דערגיין. אין די ווערטערביכער, וועלכע כ׳הוב אונטער דער האַנט, איז דאָס וואָרט נישט רעגיסטרירט.

סענדער. — ...פון מיילאַנדער אַטלעס, פון איילענקיטאַי...

קלמן. — זול „איילענקיטאַי“ באַטייטען: „קיטאַי אַנ׳אייל די ברייט“, פונקט ווי דאָס רוסישע „arschinnyj cholst“ (דאַל I 26) באַטייט „לייווענט אַנ׳אַרשין די ברייט“?

סענדער. — גוטעיידען פלעגן טראָגן ווייסע, ווייסזיי־ דענע זופּעצעס; ווייסאַטלעסענע יופּע־ צעס.

קלמן. — מעשה־„הימעלמענטש״...

סענדער. — דאָסאיזגענע מלבוש פלעגט געניצט ווערן פון „לאַסטיק״, פון „פּיאָס גרעדיטיר״...

קלמן. — פוו״ב I 897, 909: grodetur (און ווייניק געברויכלעך: gradytur, grodytur), „שווער זיי־ דענשטוף, וואָס שטאַמט פון טור אין פראַנקרייך״.—אַף פראַנ־ צייזיש: ״gros de Tour„[93] (אותבאות איבערגעזעצט: „דיק צייג פון טור״).

סענדער. — ס׳קומט פור „אַ יובעצע פון ווייסען קרע־ יעס״.

קלמן. — די עטימולוגיע פון קרעיעס איז מיר נישט קלאָר.

סענדער. — קאַפּטענ־ס פלעגן זיין פון קיטאי, שוואַרצקיטאַי, סיבירער קיטאַי, איילענקיטאַי, איילקיטאַי...

קלמן. — „איילקיטאַי״ וואָרשיינלעך דאָסאיזינע, וואָס „איילענקיטאַי״. אין אונדזערע לעקסי־ קונס דורכגעלוזען.

סענדער. — ... פון האַלידזיע...

קלמן. — פוו״ב II 10: haładziej (מונדאַרטלעך: hała־ dżyja), „אַ מין טערקיש צייג״, — פון טערקישען aladźa.

דאַל I 10: aladsha, alatscha, „טערקיש זיי־ דען־אָדער האַלבזיידענצייג, אין פּאַסען״. — דרייזין 3 זעצט־איבער דעם ערשטען רוסישען וואָקאַבעל מיט „אַ טערקישעס האַלבזיידענצייג״.

אין די יידישע ווערטערביכער נישט אריינגענומען.

מענדער. — ס י ר א ט ש ע ק[94] פלעגן טראָגן געמיינע לייט.

קלמן. — פו"ב VI ,105 :565 sieraczek, "siraczek (ווייניק געברויכלעך), „אַ מין גרויע צייג, גרויגעוואַנט".

מענדער. — ק אַ פּ ו ט ע ס פלעגן זיין פון ק י ט אַ י, שוואַרץ קיטאַי, ר אַ צ ע מ ו ר ע. ברוינו ראַצעמורע, שוואַרץ ראַצעמורע, פיאָס ראַצעמורע, ז יי ד ע נ ס, אַ ט ל ע ס (באַ אַ רבין פון ווייסען אַטלעס), ק אַ מל ע ט,[95] גרינעם קאַמלעט...

קלמן. — פּויליש: kamlot; מונדאַרטלעך: k a m l e t, „תחלת צייג אויס האָר פון אַנגורישער ציג; דערנאָך לייכט שטוף פון וואָל אודער זיידענס"; באַ מיצקעוויטשען קומט פור „גרינער קאַמליעט" (פו"ב II 225).—דאַל II 82: kamlot, „רוי וואָלענשטוף".— טיאַנדער 686: Kamelot, Kamlott, „קאַמלעט, נישטגעפּוליעשט וואָלצייג".— אַלע פון פראַנצייזישען camelot.

מענדער.— ...פון ד י מ ע[96]...

קלמן.— פו"ב I 616: dyma, „באַמוועלצייג, באַמוועללייענצייג".— פון טערקישען dimi („באַרכענט"), וואָס שטאַמט פון גריכישען dimiton (בוכשטעבלעך: „לייוועגט פון צווייפאַכיקע פאָדעם").

[96] דאַל I 521: dymka, „קרעפּ, דורכזיכטיק שיטער זיידענצייג, אביסעל געקאַרבט."

מענדער.— ... פון ט ו ך, פון ל אַ ס ט י ג[97] (אודער ל אַ ס ט י נ ג), פון גרינעם לאַסטינג...

קלמן. — דאַל 243: lastig, „פּוטשעווקעצייג פון וואָל מיט פלאַקס, פון ריין וואָל, פון זיידענס מיט פלאַקס".
טיאַנדער 789: Lasting (פון ענגלישען), „לאַסטיק, פּריונעל" (גלאַנצעוודיק וואָלצייג).

סענדער. — .. פון ק י ר ט.[98]

קלמן. — פויליש: kort, „אַ סורט געוואַנט", — פון ענגלישען cord (פו"ב II 482).

סענדער.—. .פון ל י ו ס ט ר י ן...[99]

קלמן.— פו"ב II 779: lastryna, „גלאַנצענדיק צייג פין געקעמט וואל געמישט מיט באַמוועל". — דאַל II 290: ljustrin, „זיידענצייג מיט אַ גלאַנץ".—טיאַנדער 831: Lüstrin.—אַלע פון פראַנצייזישען lustrine.

סענדער.— ... פון ש י נ ע ט[100]...

קלמן.— די עטימולוגיע פון דעם וואָקאַבעל דאַרף ערשט אויפגעקלערט ווערען.

סענדער.— ק אַ פ ו ט ע ס פלעגען אויך זיין וו אַ ט ו-ח ע.[101]

קלמן.— פויליש: watowy, ב"וו (פון וואַטע געמאַכט, מיט וואַטע אונטערגעשלאָגען).

סענדער.— אָרעמע קינדער פלעגען טראָגען פ ו ר ו ס י-נ ע נ ע[102] קאַפוטקעלעך.

קלמן.— דאַל III 16: parusina, „שילד, ליינטוך פון פאַרשידענעם שניט, אויפצוציען אַף אַ שיף, וואָס גייט מיט'ן ווינט; זעגעל".

פד"ב IV 69: parusina (מונדאַרטלעך), גענומען פון רוסישען.

סענדער.— אויך ב ע ק ע ש ע ס פלעגען זיין פון ל אַ ס-ט י ק.

קלמן.— „ווו קיפ, דורט איז צולאָג!"...

* * *

סענדער.— די אַלע מלבושים פלעגען האָבען ז י י ד ע נ ע ם אונטערשלאַק, געלע פוטשעווקע, אודער אונטער-

געשלאָגען זיַין מיִט בלאַען ק יִ ט אַ י, מיִט ב אַ ר כ ע נ ט איִן געלע פאַסען.

קלמן. — נה"ד: Barchent (באַ טיִאַנדער 156 איִבערגע-זעצט מיט'ן רוסיִשען bumazjeja) פון Barchen, וואָס שטאַמט פון Barken, מה"ד Barkân. — פון מיִטעל־לאַ-טייַניִשען barrac(h)anus, barcanus. — אויס דעם אַראַביִשען barrakân, barnakân, barkân, וואָס הוט אַ שייכות צום שורש barak („קניִען"), און באַצייַכענט „צייַג פון גאַרען אויס קיימעלהאָר".[103]

סענדער. — דער בוזעם פון אַ ז ו פ ע צ ע, ז ש ו פ ע צ ע פלעגט אַמאָל זיַין באַלייִגט מיִט פ אַ ס ע מ אַ ן[104] אודער פ אַ ש ע מ אַ ן[104], וואָס הוט געקעִנט זיַין ג ע ב ל יִ מ ט...

קלמן. — אַלטפּויליִש: pasemaן; עפּטער איִן פויליִשען: pasaman, pasamon („פּאָכמאַנטעריִע, טאַשמע, באַברעמעכץ, ליאַמעווקע, טרעסט, באַנייַעכץ"), פון פראַנצייַזיִשען passe-ment (פוו"ב IV 572.).

סענדער. — ...אודער מיִט אַ ט ר ע ס ט ע ל...

קלמן. — דאָס איִז דאָס אמתע ייִדיִשע וורט.[105]

„ט ר ע ס ט ע ל" איִז דיִמיִניִטיִוו צום דייַטשיִשען Tresse („טרעסטעל, פאַשעמאַן"), וואָס איִז דאָס פראַנצייַזיִשע tresse (קלוגע 459). — „ט ר ע ס ט" איִז אַנאַלוגיִעבּיִלדונג צו „ט ר ע ס ט ע ל". — אודער אפשר איִז דער t איִן „טרעסט" דערשייַנונג פון עפּיִטעזע, און „ט ר ע ס ט ע ל" איִז דיִמיִנוטיִוו צו „ט ר ע ס ט"?

סענדער. — ס'קומט פור אויך אַ „זופּעצע אַרום און אַרום מיִט ווייַסע זייַדענע ש נ יִ ר ע ל ע ך ז יִ ב יִ ר ק יִ ס און פ יִ ט ע ל ק ע ל ע ך".

קלמן. — דאַל IV 144: sborki (מ"צ), „קנייטשען, פעל-דיִלעך אַף אַ מלבוש"[106].
דאַל III 106: pjetjeljka, „שלייפעל". — פוו"ב IV

123: petelka (מונדאַרטלעך), „אויערעל פֿון אַ פֿאָדעם, פֿון אַ שנירעל, פֿון אַ שטריקעל".[107]

סענדער.— ...אַ זופּעצע פּלעג זיך פֿאַרשפּיליען אַף „מע־שענע הוקענס", אַף זילבערנע הוקען.[108]

קלמן.— אויך אַ קאַפּטען פּלעגט זיך פֿאַרשפּיליען אַף העקעלעך.

סענדער.— די אַרבעל באַ אַ זופּעצע, זשופּע־צע פּלעגען אַמאָל זײַן אופּענע, צום פֿאַרשפּי־ליען אַף הוקען (אַמאָל זילבערנע). און באַלייגט זײַן מיט פּאַ־שעמאַן.[109] אויך באַ אַ קאַפּטען פּלעגען אַמאָל זײַן אַר־בעל צום פֿאַרשפּיליען אַף העקעלעך.

קלמן.— „הוק" איז דאָס פּוילישע מונדאַרטלעכע hok, = דעם ליטעראַרישען hak, וואָס איז דאָס דײַטשישע Hacke(n) (פּוו"ב II 6, 48).

סענדער.— זופּעצעס, זשופּעצעס, קאַפּטענס און אַמאָל אויך קאַפּוטעס פּלעגען האָבען סטרוקעס[110] אַפּ'ן בוזעם,—דערמיט פּלעגט מען זיי פֿאַרשפּיליען, אייגענטלעך פֿאַרהעקלען (די הוקענס, די העקעלעך—אונטער די סטרוקעס). ס'הובען געקענט זײַן העקעלעך אָהן סטרוקעס.

קלמן.— אַ ווייניק געבּרויכלעך פּויליש וואָרט: stroka, „אַ פּאַס פֿון אַנ'אַנדער קאָליר אַפּ'ן פֿון, אַ שטרײַף, אַ ליניע; טרעסטעל, לײַסטעל, פּאַסעמאַן, טאַשמע, באַברעמעכץ" (פּוו"ב VI 457).

דאַל VI 350: stroka, „שורה, צײַל, ליניע, פּאַסי־קעל" וכ'; „אויסגעהופּטענע ליניע אַף שטוף".

סענדער.— די סטרוקע הוט געקענט זײַן אַ שמאָלע און אַ ברייטע. עס הובען געקענט זײַן „צוויי־ערליי"[111] סטרוקעס". אַ סטרוקע הוט געהאַט „איזי־ריס",[112] הוט אובער געקענט זײַן אָהן זיי.

קלמן. — דאַל IV :492 uzor, „דעסענס, צייכנונגען, באַפוצונגען א. אַ. וו., קאָלירטע אודער שאָטענדיקע; איינגעפּרעסטע אודער אויסגענייטע, אויסגעהאָפטענע וכ'".

* * *

סענדער. — נאָך פלעגט מען טראָגן אַלס אייבערשט בגד (אַף העמד און ארבע כנפות): אַ קורצן ב ר י ש ל י אַ ק, אַ לאַנגען געשטעפּטען ב ר י ש ל יי ק (אַמאָל פון בלאָען קיטאַי), אַ פּיסטרענעם ב ר י ש ל י ע ק, אַ ב ר י ש ל י ק[113], אַ געשטעפּט וואַטווע ב ר י ש ל י ק ע ל (אום ווינטער)...

קלמן. — פּויליש מונדאַרטלעך: bruślek, bruślik, brzusz-lak, brzuślak, „אַ קורץ סוקמאַנדעל (פּויערישער סערדיט, רוק, מאַנטעל, קאַפּוטע) אָהן אַרבעל, מיט צודאַטען; סטאַניק; וועסטעל, פאַרקנעפּעלט אַף צוויי שורות קנעפּ, מיט אַ שטייעדיק קעלנערעל". — פון דייטשישען Brustfleck (פוו"ב I 213, 222).

טיאַנדער 249: Brustfleck, „...לייבעל, וועסט".

סענדער. — . . אַ לאַנגען ט י ז ל י ק פון מורע־אַנטיק . .

קלמן. — „ט י ז ל י ק" איז אין דער שטעלע, אין וועלכער מיר באַגעגענען דעמדוזיקען געגענשטאַנד, לויט אַלע סימנים אַנ' אייבערשט מלבוש.

אין די יידישע ווערטערביכער, וועלכע איך באַניץ, איז דער וואָקאַבעל נישט געבוכט. בא דאַל'ען IV :452 tuzluk, אַלטערטימלעך ווארט, וואָס דער מחבר ווייסט נישט זיין טייטש און איז זיך בלויז משער, אַז דאָס איז אפשר געווען „אַ באַפּוצונג פון גאַרטעל".

סענדער. — ...אַ „ט ש ו מ ע ר ק ע"..[114]

קלמן. — דאַל IV :633 tschamarka, tschumarka, tschemarka, „קאַפּטענדעל, קאַזאַקין".

פוו"ב I :368 czamara, „לאַנג מלבוש מיט אַרבעל ביז צו דר'ערד, געברויכט באַזונדערס דורך די קאַנוניקעס

(אין דער טײַטש װײַניק געברױכט); czamara אָדער cza-
marka, „אַ מין מאַנצבעלש מלבוש, פֿאַרקנעפּעלט ביז צום
האַלדז, װענגערקע״. — פֿון פּערסישען dżamè, czamè
(„קלײד״), דורך דאָס איטאַלענישע מונדאַרטלעכע acciamarra
(„פּעלץ״).

סענדער. —...אַ „ג ו י ש ע ס ו י ט ע״, אַ „ס ו י ט-
ק ע״...[115]

קלמן. — דאַל IV 151: swita, switka, „ברײט און לאַנג
אײבערמלבוש בכלל״, (אין אוקראַינע) „ברײט, לאַנג
אײבערמלבוש צום אײַנהילען זיך, אָהן פֿאַלדען אַפּ׳ן סטאַן״;
(אין גרױסרוסלאַנד) „אײַנהיל אָנצוטאָן אַף דעם פּעלץ״. —
פּוו״ב VI 793: Świta, Świtka, „דורפֿיש (פּױעריש) אײ-
בערמלבוש״.

סענדער. — באַ דיקען קומט-פֿור אַ „לײַװענטענער ל ײַ ב-
ש ט ע ר ד אַ ק״ אין טײַטש „קאַפּטען״.

קלמן. — אַפּנים, גענומען פֿון פּױלישען, װו łapserdak[116]
הוט די טײַטש: „יידישער כאַלאַט, יידישע קאַפּוטע״
(פּוו״ב II 796).

סענדער. — אױך „אַ ברײטער ל א כ מ אַ ן״, [117] פֿאַרטײַטש
מיט „קאַפּטען״.

קלמן. — פּוו״ב 785: II łachman = łach, „שמאַטע,
טראַנטע, צוריסען טוך; צוזיסען, צופּליקט אָפּגעבאַרעט
מלבוש״. — מונדאַרטלעך: łachmony, łahy, „זאַכען, קלײדער,
מלבושים, אָנטועכץ.״— פֿון מה״ד lach, lachen (לעקסער 139),
„טוך,דעק, קולדרע, לײַװענט, אײבערמלבוש״.

סענדער. — אַנ׳ אָרעמאַן טראַגט אינדערװאָכען אַ ב ו ר-
ק ע.[118]

קלמן. — פּוו״ב I 237: burka, „װעלענע, פּילצענע אָ-
פּונטשע, בונדע״.[119] — דאַל I 145: burka,

„פּילטשענער, פּוישטענער, שאָפּענער קײַלעכיקער פּלאַשטש, מיט רויכיק ציגענװול צוגעפּילצט פּונדרו׳סען; מאַנטעל אָהן אַרבעל, פּאַר אַ רײַטער"... — פּיסק. 27: burka, „רעגענמאַנטעל, געפּוליעשט פֿון װול".

סענדער. — אײַנמאָל װאַרפט זיך דורך: ט ו י ן.[120]

קלמן. — טיאַנדער 1285: Twine, „לײַכט אײַבער־מלבוש". — פֿון ענגלישען.

סענדער. — אַ קינדערמלבוש איז געװען: ש פ ע נ צ ע ר;[121] ש פ ע נ צ ע ר ע ל.

קלמן. — פּו"ב VI 288: spencer (מונדאַרטלעך: szpencer, špencer, špencyr, spancer, špan-cyr), „רעקעל, קאַפּטען כמו װי אַ פראַק, װען מ׳שנײַדט אָפּ די פּולעס)"; מונדאַרטלעך הוט špencer אויך די טײַטש: „רוק, סערדוט". — פֿון בײַנאָמען פֿון לורד ס פ ע נ צ ע ר.
טיאַנדער 1173: Spencer (פֿון ענגלישען), „שמאָל רעקעל" (שמאָלע מאַרינאַרקע); „פּרויענקורטאַזש".

פּאַװלאָװסקי: 1536: spenser.

סענדער. — נגידישע קינדער — „ס אַ מ ע ט ע נ ע ק ו ס־ט י ו מ ל ע ך".[122]

קלמן. — פּו"ב II 490: kostjum, kostium, „שטאַט, הלבשה אָף אַ גאַנצען פּאַרשוין". — דאַל II 80: kostjum, „אָנטועכץ, אָנטון, מלבוש"... — טיאַנדער 755: Kostüm. — װײַסרוסיש: kaściam. — ליטוויש: kostimas — לעטיש: kostims (זשוו׳ב 189) — מורעט־זאַנדערס 205: costume. — אַלע פֿון פראַנצײזישען costume.

* * *

סענדער. — אַ ר ו ק,[123] אַ „קורצער רוק", אַ װיזיטרוק"[124] אַ פ ר אַ ק[125] דרינגען אַרײַן אין די ייִדישע גאַס גאָר שפּעט און נור אין די אויפגעקלערטע קלאַסען.

קלמן. — פּו"ב I 770: frak, „מ אַ נ צ ב ע ל ש מ ל ב ו ש, די פּולעס פֿונפֿורענט אויסגעשניטען"; „דער הינ־

טערשטער טייל אין אַ פּרויענסטאַניק, לענגער פֿון פּעדערשטען" (מונדאַרטלעך) „פּרויענקלייד, קליידעל". — דאַל IV 554: frak, „קורץ מאַנצבעלש מלבוש, אַ ר ע ק ע ל מ י ט ש וו ע נ ץ, מיט פּולעס". — טיאַנדער 439: Frack. — אַלע פֿון פֿראַנצייזישען frac.

סענדער. — סינונימען צו „רוק" זענען: „ס ו ר ד ו ט" (ס'קומט-פֿור: „אַ קורטענער סורדוט הינטען מיט אַ שפּאַלט"), „ס ע ר ט ו ק" (ס'קומט-פֿור: „אַ לאַנגער סערטוק"), „ס ע ר-ד ו ק".[126] — סינונים פֿון „פֿראַק": „אַ ס ו ר ד ו ט אָ ה ן פּ ו ל ע ס".[127]

קלמן. — פּו"ב VI 516: s u r d u t, (מונדאַרטלעך) s u r d u k, „מאַנצבעלש באַזוכמלבוש, געוויינטלעך שוואַרץ, פֿון געוויאַנט אודער קורט, מיט צוויי שורות קנעפּ". — דאַל IV 82: s j e r t u k, „קאַפּטען פֿון באַשטימטען, דייטשישען שניט"; פּאַוולאָווסקי 1595: s j u r t a k. — ווייסרוסיש: surdut (זשוו"ב 266). — מורעט-זאַנדערס 887: sartout. — אַלע פֿון פֿראַנצייזישען sartout.

פּו"ב IV 543: pola, „איינע פֿון די צוויי העלפֿטען, וואָס גייען זיך פֿונאַנדער אונטען אַפּ'ן מלבוש פֿונפֿורענט; דער הינטערשטער טייל פֿון סטאַן באַ אַ מאַנצבעלשען בגד, ווו די הינטערשטע קעשענעס זענען; פֿליגעל פֿון פֿראַק". — דאַל III 256: pola, „אונטערשטער טייל פֿון אַ בגד, וואָס עפֿענט זיך (מ'רעכענט צוויי פּולעס, אַ רעכטע און אַ לינקע)".

סענדער. — באַ לינעצקין וואַרפֿט זיך דורך, אַלס מודעאַר-טיקעל: „אַ ז ש י ק ע ט".[128]

קלמן. — א וואָרט, וואָס איז אויפֿגעקומען אין מזרח-איירופּע טאַקע ערשט אין זיין צייט.

טיאַנדער 672: jackett (פֿראַנצייזיש), „רעקעל, מאַרי=באַרקע; קינדערש רעקעל". — פּויליש: żakiet, „מ אַ נ צ-ב ע ל ש ע ר ר ו ק, אַף איין שורה קנעפּלעך (געוויינטלעך בלויז איין קנופּ, זעלטען מער), די פּולעס פֿונפֿורענט פֿאַרקיילעכדיקט; פּרויענאייבערמלבוש, קורץ און געפּאַסט". — רוסיש:

shakjet, „פרויענמלבוש, קורץ און געפּאַסט“.

* * *

סענדער. — אַף אַלע מלבושים (אויסער די מודערנע) פּלעגט מען טראָגען דעם עכטען סימן פון ייִדישקייט — דעם גאַרטעל: די אָפּגעהיטענע — אַ ברייטען; די „לייכט-זיניקע“, די „געכאַפּטע“, די עולם-הזהניקעס — אַ שמאָלען.

דער גאַרטעל פּלעגט זיין פון זייד, שוואַרצזייד, שוואַרצ-זייד מיט אַ ווייסען פּאַס, ווייסזייד, זיידענקיטאַי, קאַמלעט, רויטען גרידיטיר; צום סדר — אַ זילבערנער; אין שול יום-כפּור — מיט גולד און זילבער[129]. אַמאָל אַ טערקישער, אַ שוואַרצער טערקישער; אַ בערדיטשעווער. באַ אַן'עם הארץ אַ פּויערשער פּאַסקעוואַטער; באַ אָרעמעלייט אַ פּרוסט שטיקעל קראַיקע. געווען גלאַטע גאַרטלען און געפּלוכטענע דער אונ-טערשלאַק פּלעגט הייסען „אונטערגאַרטעל“ און פּלעגט אויפּס זיין פון „קראַיקע“.

קלמן. — געוואַנט, טוך אין שטיק הוט באַם ברעג, באַ דער זוים, אַ שטרייף פון אַן'אַנדער קאָליר, דאָס הייסט „קראַיקע“[130]. באַם פּאַרקויפען אין אַ געוועגטשניט דעם קונה אַפּ'ן אַרשין, אַף דער איל, שניידט מען דאָס געוויינטלעך אַוועק. גיט מען דעם קויפער די סחורה מיט דער קראַיקע, נעמט זי דער שניידער אַראָפּ. — דאָס פּוילישע krajka הוט דיאייגענע טייטש, און אויך: „אַן'אָפּגעשניטענער פּאַס געוואַנט; אַ וואָלענער, בליטשקענער אודער געוועבטענער גאַרטעל“ און נאָך (פּוו"ב II 524).

סענדער. — הויך דעם גאַרטעל פּלעגט מען נאָך טראָגען „אַ לעדערען בײ-גאַרטעלע“. — „אַ לעדערנעם בײגאַרטעל“ איז מע. געגאַנגען אויך אַף אַ טשומערקע. — וואָס דאָס איז, שטעל איך מיר נישט פאָרן

קלמן. — ליפשיץ 58 רעגיסטרירט „בײגאַרטעל“,[131] איבערזעצענדיק דאָס מיט'ן רוסישען tscheres. דאָס רוסישע ווארט, ווידער, הוט די טייטש: „אַ ביימעל ווי אַ גאַרטעל; אַ קישקע מיט העקעלעך, מ'לייגט אַריין אין איר דאָס געלט און מ'בינדט זיך מיט איר אַרום ווי מיט אַ גאַרטעל“ (דאַ 609 IV); אַלזו, אַ גאַרטעל, אינעווייניק הויל, אַף צו טראָגען געלט אין אים“.

סענדער. — ס'קומט פאָר אַ יום-כפּור-גערטעלע.

קלמן. — אַ שטיק יידיש צירונג.

* * *

סענדער. — אין שטוב, זיך באַקוועם, פריי צו מאַכען, פלעגט מען אַרומגיין אין אַ ש ל אַ פ ר ו ק[132], אין אַ ז יי ד ע נ ע ם, שלאַפרוק, אין אַ שלאַפרוק פון מ אַ ט ע ר י ע[133] — די נגידים, נאַטירלעך...

קלמן. — פוו״ב II 900: materja, „...,,ציי‎ג (זיידענס, באַמ-וולענס, וועלענס)״; „ז יי ד ע נ צ יי ג, ז יי ד ע נ ס...״ דאַל II 311: matjerja, „...ציי‎ג; סחורה, וואָס ווערט פאַרקויפט אפ׳ן אַרשין; ז יי ד ע נ צ יי ג״... — פון לאַטיי-נישען materia.

סענדער. — ...און בכלל — אין אַ כ אַ ל אַ ט,[134] וואָס פלעגט צו זיין פון בלאָ קיטאַי, פון ציץ, פון זיידענס... אין אַ כ אַ ל אַ ט ע ל, אין אַ ק ע צ ע ן כאַלאַטעל, אין אַ כ אַ ל אַ ט ע ק ע ל...

קלמן. — אין רוסישען: chalat (וועלכען דאַל IV 557 האַלט פאַר אַ טאַטעריש וואָרט), „אַ ברייט שטוב-מלבוש פון אָריענטאַלישען שניט״.

אין דעראייגענער באַטייטונג ווערט דער יידישער וואָקאַבעל געבּרויכט אין קרעמענעץ.

סענדער. — אין אַ כאַלאַט פלעגט מען, אָבער, אויך אויס-גיין פון שטוב. ס׳איז געוואָרען אַנ׳אייבערשט מלבוש פונקט ווי אַ זופּעצע, זשופּעצע, קאַפּטען, קאַפּאָטע, און דאַכט זיך, אַז די אייגענע בגדים פלעגט מען רופען, אויסער זייער אייגענע נעמען, אויך מיט׳ן נאָמען „כאַלאַט״.

קלמן. — דאָס פוו״ב I 269 פאַרטייטשט טאַקע chałat: „אַ לאַנגע קאַפּאָטע, וואָס ווערט גע-טראָגען פון יידישען המון; אַ לאַנג און ברייט אייבערשט מלבוש״; אָבער אויך: „אַ מין שלאַפרוק, אַ קיטעל״.— ס׳איז דאָס אַראַבּישע chalat, chelat, chilat („ערענקלייד״), וואָס איז אַריין אין די פּוילישע שפּראַך דורך דאָס טערקישע און אוקראַינישע.

אויך אין רוסישען הוט דאָס וואָרט אָנגענומען די טייטש: „פּויערישער קאַפּטען, דורפיש אייבערמלבוש“.

באַ די פּוליאַקען הייסט הײַנט דער לאַנגער אייבערשטער בגד פון די אורטודוקסישע יידען: chałat; די לאַנגגעקליידטע יידן רופט מען אין פוילען: chałaciarz, chałaciarzy.

סענדער. — ס׳קומט-פור: „אַ ליעטקע[135] כאַלאַט“.

קלמן. — פוו״ב II 723: letki (מונדאַרטלעך), נישטשווערער, ווייניק-ווערענדיקער, פון גרינגער וואָג“; (ווענגען אַ מלבוש) „דינער, נישטוואַרעמער“.

סענדער. — ענדלעך: אַ כאַלאַט מיט טרולדען...[136]

קלמן. — די עטימולוגיע פון ה״וו „טרולד“ איז מיר נישט קלאָר.

* * *

סענדער. — אַזויוי אַ ייד טאָר נישט גיין און אפילו שלאָפען וואָרהייפּטיק,[137] פלעגט ער פון קינדווייס אויף טראָגען אַ יאַרמיקע אודער יאַרמילקע (יאַרמולקע, יאַרמולקע, יאַרמעלקע), — פאַרקלענערט: יאַרמיקעל, יאַרמילקעלע.[138]

קלמן. — אוקראַאיניש: jarmułka, פון טערקישען Jagmurlek („מאַנטעל, פלאַשטש, קופּבאַדעקונג, היטעל“). — אויס דעם אוקראַאינישען דאָס אַלטפּוילישע jarmołka, (נייפּויליש jarmułka, „מיצעל, היטעלע, דערהויפּט גלחיש, דוקטויריש, בערעט, אויך פון קראַנקע זקנים; יידישע יאַרמעלקע; היטעל פון בלאַזען; קײַלעכיקער קופּ פון באַרג“ (פוו״ב II 136).

סענדער. — יאַרמיקעס, יאַרמעלקעס, יאַרמיקעלעך, יאַרמעלקעלעך, פלעגען זיין ווײַסע באַמוולענע (גוט-יידישע), שוואַרצע, (סאַמעטענע), רויטע; פּליסענע.[139]

קלמן. — פוו״ב IV 236, 242: plis (אפילו ווייניק געברויכט), — plusz, „שטוף, ענלעך צו סאַמעט, מיט לאַנגע האָר“; פון פראַנצויזישען peluche (דייטשיש Plüsch). דאַל III 128: plis, „באַמוולענער סאַמעט, אַמאָל באַמ-

וולענע האָר אַף לײַנענעם גרונט".

סענדער. — ...יוּ אַ ט וו ע; האַרטע מאַ נ ט ש ע ס ט ע ר נ ע[140]

קלמן. — פּו"ב II 870: manczester, manszester, „האַלבסאַמעט, אַ מין באַמוועלצײַג, וואָס זעט-אויס ווי סאַמעט". — טיאַנדער 840: Manchester, „באַמיועלצײַג, מאַנטשעסטער". — נאָכ'ן נאָמען פון דער ענגלישער שטאָט Manchester.

סענדער. — יאַרמעלקעס פלעגן זײַן ש פּ י צ י ק ע און פ ל אַ כ ע, ק אַ נ ט י ק ע.

באַ רבי'ים און גלאַט גבירים באַלײגט מיט ש פּ אַ נ י ר, ש פּ אַ נ י ע ר;[141] „מיט ג ו ל ד א ו ן ז י ל ב ע ר".

קלמן. — ס'הײסט אויך „ש פּ אַ נ י ע". — עטינגער, „משלים" 171: „באַלײגט זיך מיט ש פּ אַ נ י ע דעם קיטעל"; בצ"ס, „קול זמרה" 9: „ווילען נאָך ש פּ אַ נ יי ע צו טלתים".

די עטימאָלאָגיע איז מיר נישט קלאָר.

סענדער. — אין די קוועלען קומט-פאָר: „אַ ג ו ל ד ע ן ק אַ-פּ ע ל"; „אַ קאַ נ ט י ק ק אַ פּ ע ל".

קלמן. — „ק אַ פּ ע ל"[142] איז דאָס אײגענטלעכע פּוילישיידישע וואָרט פאַר „יאַרמעלקע". — אין אברהם נוסבוימס „דער וויצלינג" (וו. 1889) 5: „פלוצים איז געקומען צולויפען אַ קלײן יינגעלע אין אַ י אַ ר מ ע ל ק ע (ק אַ פּ ע ל) אַף דעם קופּ"[143].

ק אַ פּ ע ל איז קענטיק דאָס מה"ד kappel (kεpëlle, kappëlle), פון מיטעללאַטײַנישען capëlla. — דער דײַטשישער יוּקאַבעל הוט, צווישען אַנדערע, די טײַטש: „ג ע וו ע ל ב אַ ר-ט י ק צודעקעכץ" (לעקסער I 19, טיאַנדער 691).

מ'וואָלט „ק א פּ ע ל" געקענט האַלטען פאַר דימינוטיוו צום מה"ד kappe („...מיצעל, ק א פּ ע ל, בלאַזענהיטעל"), וואָס שטאַמט פון לאַטײַנישען capa (cappa), ווען נישט דער a (אין יידישען דימינוטיוו איז כלל אום-קלאַנג פון שטאַמוואָקאַל).

* * *

סענדער. — און אוט זענען מיר באַם „רעכטען מיט׳ן גע־דעכטען״, ווי מ׳זאָגט אין וואַרשע, — באַ דעם אייגענטלעכען קופּבאַדעקעכץ

פון שטוב פלעגט מען אַרויסגיין; אין שול, אין בית־המדרש, אין שטיבעל, אַף שמחות, אַף אַסיפות וכ׳ פלעגט מען זיצען — אין ש ט ר ײַ מ ע ל[144] אודער ש ט ר ײַ מ ה י ט ע ל[145].

קלמן. — מה״ד הוט אַ ה״וו s t r î m (און streim), „פּאַס, טאַשמע, באַברעמעכץ״ וכ׳; דער דימינוטיוו איז s t r î m e l (און streimel); דאָס ב״וו: strîmelich, גע־שטרײַפּט״.

דערפון, האַלט איך, נעמט זיך דער נאָמען פון דעם קלאַ־סישען יידישען היטעל, וועלכען י. ל. פ ר ץ הוט אָפּגעגעבען איינע פון זײַנע בעסטע דערציילונגען.

א שטרײַמעל פלעגט געמאַכט ווערען פון סויבלענע ש ו ײַ פ ע ן (עק־לעך, שוענץ, ווײַדלעך)...

סענדער. — דערפון נעמט זיך טאַקע דאָס שפּריכוואָרט[146]: „פ ו ן א ח ז י ר־ש ו ו ע נ צ ע ל ק ע ן מ ע ן ק ײ ן ש ט ר ײַ מ ע ל נ י ש ט מ א כ ע ן״...

קלמן. — ...הײַסט עס, געווען א געגענשטאַנד פון ש ט ר ײַ פ ע ן (*„שטרײַ־מען״), — א געגענשטאַנד, וואָס איז strîmelich (*„שטרײַמיק, *שטרײַמעדיק״). — דער פּוילישיידישער נאָמען: „ש ט ר ײַ מ ה י ט ע ל״ (אַרויס־גערעט: „ש ט ר א אַ מ י ט ל״) באַשטעטיקט, רעכען איך, אַמבעסטען מײַן השערה. דיקס דערקלערונג איז א „בית־המדרש־עטימולוגיע״.

סענדער. — ס׳ווערט דערמאָנט אַ „געל ש ט ר ײַ מ ע ל״...׳ אַ „ש ט ר ײַ מ ע ל מ י ט ש ו ו ע נ ץ״, „אַ ש ט ר ײַ מ ע ל מ י ט ד ר ײַ צ ע ן ש ו ו ע נ ץ״...

קלמן. — די שפּיצען פון די צונויפגענייטע שווײַפען שטאַר־צען אַרויס פון דעם פּוטערנעם בײַגעל, אודער פון דער „ב ר ע ם״, ווי עס הײַסט אַף פּוילישיידיש...

סענדער. — דער וו ע ר ך[147], דאָס וו ע ר כ ע ל באַם שטרײַ־מעל — פון סאַמעט.

קלמן. — דאַל I 186: wjerch, „דער היפך פון niz („אונ־טען״).

סענדער. — דאָס צווייטע שטיגעל אַפּ׳ן לייטער פון דער יידישער היטעליעראַרכיע פאַרנעמט דער ס פ ו־

דעק[148], דאָס ספּודעקעל.

קלמן. — אין זלמן סובעלס „זווגים" (וואַרשע 1874) איז געדרוקט אַ ויכוח „דאָס שטריימעל אונד דער ספּאָדעק", — זאָגט דורט דער ספּודעק וועגען זיך און וועגען שטריימעל (ז' 12פ.):

„אין דיא ארבע פּנות עולם וויא נור אירגענדס אַ יודישע קהלה,
האַלט מאַן אונז פיר דעם הייליגען סוד פיר די טייערע סגלה,
אין אונז ווערד בעשיינט דאָס פּנים פאָן דעם תלמוד חכם,
גוטע יודען זאָללען לעבען וויזען אין אונז אויס וויא מלאכים,
אין אונז אַרבייטעט מאַן היממעלזאַכען מיר זינד מזוויג זווקים
אין אונז טרייבט מאַן ארויס פאָן נשים שדים אונד דבוקים,
אין אונז פערשפּרעכט מאַן סגלות פיר משוגענע גאָר חמרים,
אין אונז איזט מאַן מתקן נשמות וואָס ליידען ענוים קשים,
אין אונז איזט מאַן טתקן נפשות פאָן שוועהר מעוברתע נשים,
אין אונז ווערדען געהאָלפען טוזענדע פערביטטערטע עקרות,
אין אונז זיצט מאַן געציהרט איבער דיא גאַנצע הייליגע גמרות,
אין אונז טראָגען זיך דיא מלאכי השרת דער שענער עולם,
דהיינו רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים סופרים און מוהלים,
אָבען אָן זיצט מאַן אין אונז אויף חתונות אונד בריתין,
צו אונז געלאַנגט מאַן דיא בעסטע משקה דעם שענסטין ביסין,
איך האָב גראָס כבוד וואָס איך בין נור אוואָכידיגער טהאָרעם,
מכל שכן דוא, דער יו"ט-גאַנג, וואָס דוא ביזט דער הייליגע פאָרעם,
דיין האָבע וויערך מיט דיא שפּיצען אַרום אין דער ברעהם,
איזט דער שפּיגעל פאָן יודישקייט מיט דער גאָלדנער רעהם"...

סענדער. — פאַרמאָגענדיק דאָס באַוווסטזיין פון אייגענער ווערט, אָנערקענט דוך דער ספּודעק דאָס ערשטע אורט דעם שטריימעל.

קלמן. — דער ספּודעק איז סימבול פון מאַנצבעלשער און מענישער מאַכט.

ווען דאָס ווייב איז אין שטוב דער „קוזאַק", דער גאַנצער דעה-האָבער, דער רעגירער, טונגעבער און באַפעלער, זאָגט מען: „אַ ז ד אָ ס ו ו י ב ג י י ט א י ן ס פּ ו ד ע ק, ג י י ט ד ע ר מ אַ ן א י ן פ אַ נ ט ו פ ע ל"[149].

דער, וואָס טראָגט דעם ספּודעק, איז דער תקיף. דעריבער זאָגט מען: „ל א מ י ט אַ ס פּ ו ד ע ק"[150], ד. ה. נישט גלאַט אַזוי זיך אַ ניין, נור טאַקע אַ ניין, אַ ניין וואָס ניין הייסט,

אַ נײַן „פֿון נײַנלאַנד"... אַ פֿעסטער, קאַטעגאָרישער אײַזערנער נײַן, אַקײַגען וועלכען עס וועלען שוין נישט העלפֿען קײַן שום בקשות, קײַן געוויינערײַ און אויך נישט קײַן דרוונגען...

סענדער. — דער אויסזע פֿון ספּודעק איז געווען אימפּוזאַנטיש: הויך, זײַער הויך. ס'קימט-פֿור: „אַ וואָלקענבראָכספּודעק"; „אַ דרײַגאָרענדיקער ספּודעק"... וואָס פֿרימער דער קיפּ, אַלץ העכער דער ספּודעק.

קלמן. — דערפֿון דאָס ווערטעל: „אַ ייִד מיט אַ גרויסען ספּודעק, אובער מיט אַ טרפֿה האַרץ"[151].

סענדער. — דער ספּודעק פֿלעגט זײַן מיט אַ שפּיץ, שפּיצעכיק, „שפּיצאַסטע".

קלמן. — ווי בכבודיק דער ספּודעק איז נישט, הוט מען דוך אים אָנגעהונגען אַ נישט גאָר שײַנע פֿונקציע אויך. „אָנטון עמיצען אַ ספּודעק"[152] הייסט אָפּנאַרען.

סענדער. — „ספּודעק" ווערט, דאַכט זיך, געברויכט אויך מעטאַפֿאָריש, שטאָט „קופּ". — מ'זאָגט: „דול מיר נישט דעם קופּ" און „דול מיר נישט אַ ספּודעק"[153]; „דריי מיר נישט אַ קופּ" און „דריי מיר נישט אַ ספּודעק"[154].

קלמן. — „אַלטער ספּודעק" איז אַף ייִדיש דאָס-אייגענע, וואָס „אַלטער שקראַב" אין „כלבוניק" 32
זאָגט אַ באַיאָרטע ייִדענע: „איך בין מיר אַנ'אַלטער ספּודעק" (ד. ה. אַנ'אַלט מענטש, אַ זקנה).

סענדער. — ס'קומט-פֿור אַ „פּיסטערנער ספּודעק".

קלמן. — וואָרשײַנלעך אַ ספּודעק מיט אַ ווערך אויס פּיסטרע

סענדער. — ...אַ „טערקישער ספּודעק"; „אַ געזוטען (?) ספּודעקעל".
ווײַטער, אַ „גמראספּודעק".
ענדלעך, „אַ ספּודעק מיט לאַפּען".

קלמן. — „ספּודעק מיט לאַפּען" מוז זײַן דאָסאייגענע, וואָס

ש ט ר ײַ מ ע ל, אודער אפֿשר גאָר דאָסועלביקע, וואָס ח צ י-ש ב ת ע ל.

סענדער. — אובער דער נאָמען „ס פּ ו ד ע ק" איז עפּעס אַזוי אויסטערליש.

קלמן. — אַז ס'איז אַ סלאַוויש וואָרט, זעט מען פֿון דעם ם אין אַנהײב, מחמת אין שטאַמיידישע ווערטער אַנטוויקעלט זיך פֿון אַנהײב-ם פֿאַר -פּ- אַ ש-.

ס'איז דאָס פּויליש spodek, וואָס ווערט אין פוו"ב VI 307 פֿאַרטײַטשט:

„אונטערשטער טײל, אונטערשטע זײַט, דער אונטען"; „אינטערשטער טײל פֿון בויך בײַ חיות (פֿון פּופּעק ביז די פּאַכווס)"; „שאַל, שעלעכעל, אַ מין טעצעל אונטער אַ גלאָז אודער פֿיליזשאַנקע"; (ווײניק געברויכט) „י י ד י ש ק ײַ-לעכיקע היטעלע פֿון שוואַרצען סאַמעט, יאַרמעלקע", „szabasówka" („שבתעל"); (מונדאַרטלעך) „אונטערבעט; אונטערשטער טײל פֿון וואָגען; אינווייניקסטער טײל; טונקעל וועלען פֿרויענקלײד, בײַ יײַט מיט טרעסטלעך" א. א. וו.[155]

ווי דו זעסט, איז נור דער נ אָ מ ע ן דאָ פּויליש. די פּאָליאַקען הובען נישט געהאַט קײן היטעל, וואָס זול בײַ זײ הײסען spodek. די יידען הובען זײערס אַ היטעל אָנגערופֿען מיט אַ פּויליש וואָרט.

סענדער. — צוואָס?

קלמן. — ס'בלײַבט אַ קשיא.

סענדער. — די דריטע לויט'ן ראַנג איז די „ה אַ ל ב ע-ל ב נ ה" אודער „כ אַ ב אַ ד נ י צ ע".

קלמן. — בײדע נעמען קומען-פֿור נור אין ליטווישע קוועלען. האַרקאַווי: 175 „כ אַ ב אַ ד נ י צ ע", איבערגעזעצט מיט fur-cap („פּוטערען היטעל"); אין קלאַמערען צוגעגעבען: „געטראָגען פֿון אַ טײל יידען אין פּוילען".

אַפּנים היטעל פֿון די חב"ד'ער חסידים.

-נ י צ ע איז סלאַווישער סופֿיקס.[156]

סענדער. — מיט אַ טרעפּעל נידעריקער: דאָס „ק ל אַ-פּ ו ו ע[157] ה י ט ע ל". די דרײַ קלאַפּעס אודער

לאַצען באַלייגט מיט סויבעל, עלק אודער פוקס.

הייסט אויך: „ק ל אַ פ מ י צ ע ל"[158], „ל אַ פ ע נ ה י ט ע ל", „ל אַ פ ו ו ע"[159] ה י ט ע ל", ל אַ פ ע נ מ י צ ע ל[160] (מיט סויבעל, פוקס), „ל אַ פ מ י צ ע ל", אודער פרוסט „מ י צ ע ל".

קלמן. — ווען אַ ל אַ פ ע נ מ י צ ע ל ווערט אין דערצייגענער קווּעלע אַנ'אַנדערסמאָל אָנגערופען „מ י-צ ע ל", איז קלאָר, אַז עס איז איינסאונדאָסזעלביקע. ווען אובער אין אַ ווערק קומט-פור נור „מ י צ ע ל"[161] „ס ו י ב ל ע ן מיצעל", „ש מ ו י ש ע ן מיצעל", „ווולענע מ י צ ק ע ס", קען מען רעכענען, אַז עס איז ס ת ם אַ היטעל, נישט דווקא מיט לאַפען.

סענדער. — געווען אויך אַ „ש ל אָ פ ע נ מ י צ ע ל".

קלמן. — ליפשיץ 214: „ש ל אָ פ מ י צ ע ל"; האַרק. 334: „ש ל אָ פ מ י ץ".

סענדער. — ווײַטער גייט: „ר אָ ג אָ וו ק ע" („רוגוווקע") אודער „ר אַ ג אָ פ ק ע נ ע ה י ט ע ל" („ראַגופקענע'). — „א ו י ע ר ה י ט ע ל", — „ח צ י-ש ב ת ע ל",[162] — „נ אַ פ ו-ל ע ו נ ק ע ל ע", — „מ ת ו ש ל ח ס ה י ט ע ל ע", „וו אַ ר ע-נ י ק ע ל"[163].—פונקט יתרו'ס נעמען!

קלמן. — פור"ב V 553: rogówka (הוט, צווישען אַנדערע, אויך די טײַטש: „דרײַעקעכיק טיכעל, שיף אָפגעשניטען, געטראָגען פון פרויען אפ'ן קופ אודער אפ'ן האַלדז"). — פור"ב V 552: rogatywka. „אַ היטעל מיט אַ פירעקעכדיקען דנו, קונפעדעראַטקע".

דאַל I 168 warjeniki, „געזוטענע דרײַעקעכדיקע פאַשטעטלעך פון אומגעזײַערט טייג, געפילט מיט קעז, צוורעך".

סענדער. — באַ דיקען — ס ו י ב ל ע נ ע, באַ לינעצקין — מיט „ג אַ ר ע".

קלמן. — זול „ג אַ ר ע" זײַן דאָס פוילישע gara[164], וואָס שטאַמט פון אוקראַיִנישען gara, וועלכעס איז אפשר דאָס רומעניִשע gaura („לוך")?

סענדער. — געווען נוך אַ „ק ר יי נ ד ע ל".

קלמן. — דערמאַנט נור באַ לינעצקין און נישט רעגיסטרירט אין קיין שום יידיש ווערטערבוך.

סענדער. — ג אַ ר ע ס ע נ ע מ אַ ז נ י צ ע ס״,[165] אַ „ג אַ ר י ס ע ן מ אַ ז נ י ט ש ק ע ל ע״...

קלמן. — „מ אַ ז נ י צ ע״ איז דאָ אַ הלצה און אַ שטוך...
„ג אַ ר ע ס ע ן״ — ב״וו, דאָס רוסישע garusnyj (דאַל I 354)‏; ה״וו״: garus[166], „געדרייט ווייס אודער קאָלירט וואָלען גאַרען; וואָל צום נייען, העפטען״.

סענדער. — ...סתּם אַ ה י ט ע ל, אַ ס ו י ב ל ע ן היטעל (היטעלע), אַ ס אַ מ ע ט ע ן היטעל, אַ ק יי ל ע כ ד י ק ג ע ש ט ע פּ ט פ ע ל פּ ע ן היטעל, אַ קיילעכיק „פ ע ל פּ ע ן״ היטעלע, היטעלעך ש מ ו י ש ע נ ע, ב אַ ר אַ ש ק ע נ ע, קיילעכיקע ג אַ ר ע ס ע נ ע...

קלמן. — „פ ע ל פּ ע ן״ איז דרוקפּעלער, די קאָרעקטע פאָרם איז „פּ ע ל פ ע ן״. — אויך אין „פּישקע דעם קרומען״ (אַדעס 1907) 123: „דאָס געשטעפּטע פּ ע ל פ ע נ ע היטעל״...

פוו״ב I 731: felpa, „זיידענצייג, זיידענבאַמוועלצייג, האַריק, אַמאָל געברויכט צו באַפּוצען ווינטערדיקע פּרויענקליידער, היינט אַף מאַנצבעלשע קאַפּעליושען״. — ס׳איז דאָס איטאַלענישע felpa.

אינטערעסאַנט איז די עטימאָלאָגיע פון „ש מ ו י ש״[167]. — באַ טיאַנדער 1101, 847: Schmasche — Masche — „לאַמפּעל מיט געקרייזעלטען וואָל״[168].—די ערשטע דייטשישע פאָרם איז איבערגעגאַנגען אין דאָס פּוילישע; פוו״ב VI 245: smoszka, „פּעל פון אַ ביקישען בן-פּקיע, אויסגעאַרבעט אַף זאַמש, אַף גלאַנץ וכ׳.״[169] — דער וואָקאַל פון יידישען וואָרט ווייזט-אָן אַף פּוילישע אָפּשטאַמונג (o איבערגעגאַנגען אין oj); פון דער אַנדערער זייט, אָבער, פעלט אין יידישען וואָקאַבעל דער ק-סופיקס פונ׳ם פּוילישען, און דעריבער שווימט-אויף די השערה, אַז דאָס יידישע ה״וו איז אפשר דירעקט גענומען פון דייטשישען; אַף דייטשישע אָפּשטאַמונג ווייזט-אָן אויך דער ש-אָנהייבוואָרט.

„באַראַשקען" איז ב"וו, געבילדט פון רוסישען ה"וו baraschek, „לעמעלע" (דאַל I 48), מיט דער הילף פון סופיקס n.[170]

סענדער. — ...אַ קאַשקעט[171], קישקעט, אַ קאַשקעט מיט אַ דאַשעק,[172] אַ קאַשקעטעל (פון סאַמעט, פון זיידענס), אַ קאַשקעוט[173]

קלמן. — פּו"ב II 291: kaszkiet, „גרענאַדירהיטעל אין פורם פון אַ היטעל צוקער"; „שטייף היטעל מיט אַ דאַשעק; איטלעכס היטעל פון מיליטערישען פאַסון"; (מונדאַרטלעך) „איטלעכס היטעל מיט אַ דאַשעק".— פון פראַנצייזישען casquette.

פּו"ב I 429: daszek, „דעכעל" (דימינוטיוו צו dach, „דאַך"); „דעכעל באַם היטעל, צו באַשירמען די אויגען".

דאָס פוילישע dach איז דאָס דייטשישע Dach („דאַך").

סענדער. — ...אַ קאַרטוז[174] (באַ עלעגאַנטען אַ ברייטער, אַ שוואַרצער), אַ קאַרטוזעל (באַ אַ עמעלייט פון „פּאַרוסינע"), אַ קאַרטוזעקעל,— מיט אַ „קאַזערוק",[175] „קוזערוקעל", „דאַשעק", „פּודאַשעק" (באַ פראַנטען און באַ דער יוגענד דאָס רוב גלאַנצענדיקען).

קלמן. — דאַל II 95: kartuz, ד. ה. „אַ היטעל מיט אַ דאַשעק; אַ לייכט, דערהויפּט זומערדיק היטעלע פון פאַרשידענעם געשטאַלט, אויס לעדער אודער צייג, מיט אַ דאַשעק".

poddaszek איז אַלטפּויליש,—דעם נייפּוילישען poddasze, „דער טייל דאַך, וואָס שטאַרצט אַרויס איבער דער וואַנט, זי צו באַשירעמען פון רעגען" (פּו"ב IV 346).— באַ שלום-עליכמען אין טייטש „דאַשעק".

„קאַזערוק", „קוזערוק" איז דאָס רוסישע kozyrjok, „דעכעל פאַר די אויגען, פון דער זון, זעלבסטשטענדיק (שירם, פאַראַסול), אודער צוגענייט צום היטעל"

(דאַל II 134); איבערגעגאַנגען אויך אין די פּוילישע מונד-אַרטען (פוו״ב II 516).

סענדער. — ...אַ ק י ט ש מ ע,[176] אַ באַרענקווע[177] ק ו צ מ ע, אַ שוואַרץ שמוישען ק י ט ש מ ע ל ע.

קלמן. — פּיסק. 120: kutschma, „אַ מין קיילעכיק שעפּסען היטעל". — באַ דאַל II 233 פאַרטייטשט: „אַ פוּטערען היטעל מיט אַראָפּגעלוזטע אוירען; גלחיש ווינטערהיטעל; גרויס אויערהיטעל אַף פוטער (2 קלאַפּעס דעקען-צו די באַקען, איינע דעם קאַרק, אַ קליינע, די פּערדע — דעם שטערען)". — פוו״ב II 619: kaczma, „צושויבערטע האָר אַפ׳ן קאָפּ; אַ בינט צונויפגעפלונטערטע שנירען, פעדעם"; (אַלטפּויליש) „אַ פ ו ט ע-ר ע ן ה י ט ע ל, דערהויפּט אַנ׳אומריינס" א. אַ. וו. — פון אונגאַ-רישען kacsma („פוטערען היטעל").

דאַל I 48: barankowyj, „שמוישען". — פוו״ב I 97: barankowy.

„דער יידישער פּאַרפּסח" 24: „ד ע ר מ אַ ן ה ו ט א ו י ך ש כ ל א י ן ק ו ט ש מ ע ל ע און ווייסט דרך-ארץ".

סענדער. — ...אַ ק אַ ט ע ר ו כ ע...

קלמן. — „סטעמפּעניו" 8: „אָן דרייט ער זיך אַרום מיט אַ סאַ-מעטענער ק אַ ט ע ר ו כ ע".

אין דער רוסישער שפּראַך ברייט פאַרשפּרייט: katru-cha. — רעגיסטרירט דורך פּ. ש יי ן אין „אופּענישען גלאָסאַר אויס דער געגענד פון סאַמאַרע" און דורך ע ר ו מ אַ נ ו ו אין דער „שפּראַך פון די דריבינער (מאָליעווער גוב.) היטעלמאַ-כערס".

אין דער קלעזמערשפּראַך אויס אוקראַינע: „ק אַ ט ע ר ו-כ ע", „הוט, קאָפּבאַדעקעכץ בכלל" (ווייסענבערג-לאַנדוי 136). — אין דער זשעלעכוווער (שעדלעצ. ג.) קלעזמערשפּראַך: „ק אַ ט-ר י ש ק ע" (מיט יידישען טרופּ), „היטעל".[178]

סענדער. — געווען אַ „י ו ם - כ פ ו ר - ה י ט ע ל", אַ „י ו ם-כ פ ו ר - ה י ט ע ל ע"...

קלמן. — אין די אַלטע גוטע צייטען!

סענדער. — דער „קאַפעליוש“ („קאַפּעליש“, „קאַפּיליש“, „קאַפּאָליש“, „קאַפּעלוס“), דאָס „קאַפּעליושעל“ („קאַפּילישעל“, „קאַפּלושעל“, „קאַפּלישיל“), הוט אויך געהערט צום אַלטען יידישען שטאַט. צוויי יידישע טיפען פון דעמדוזיקען מין הוט הוט באַשריבען דיק.—ס'קומט-פור: אַ „האָזען קאַפעליושעל“, „אַ האַלבהאָזענער קאַפּאָליש“, „אַ קאַפּעליש פון ענגליש שטרוי“.[179]

קלמן. — פוו"ב II 241: kapelusz (מונדאַרטלעך: kapalus[180]), „קופּבאַדעקעכץ, געוויינטלעך פון פילץ אודער שטרוי“.[181] — פיסק 100: kapeljusch. — פון לאַטייניש capellus.

סענדער. — טראָגען אַ „הויכען קאַפעליוש“, ווען ס'איז אַרויס אזאַ מודע, הוט געהייסען לוזען פאַלען אַף זיך דעם נאָמען „אַפּיקורוס“ און באַקומען דעם שם פון אַנ'„אויסגעלאַסענעם“.

קלמן. — איך הוב אַ ביכעל, געדרוקט אין לעמבערג 1883, הייסט עס: „דער בית-המדרש בחור אין דער אויפגיקלערטער בחור מיט אַ הויכען קאַפּאַלאַטש“. — וועגען דעם „אויפגעקלערטען“ ווערט דערציילט (ז' 4): ער „איז גיוועזון אבחור פון 20 יאַר, ער האָט זיך איינגירעט, אַז ער איז גיבולדעט. ווייסט איר, וואָס זיין בולדונג איז גיוועזן? ער איז גיגאַנגען אהוכין קאַפּאַלאַטש מיט אווייסין קראַגין אונ אצוויקער — אָט דאָס איז זיין בולדונג גיוועזן“...

סענדער. — אין די גאָר שפּעטע קוועלען וואַרפט זיך דורך — אובער גאָר זעלטען: „הוט“, „שליאַפּע“, „שליאַפּע פון שטרוי“.

קלמן. — דאַל IV 660: schljapa, „הוט“.

סענדער. — „אַ שליאַפּע מיט באַוולענע בענדלעך“.

קלמן. — באַשריבען פון דיקען.

* * *

סענדער. — אַף אַלע מלבושים פלעגט מען, אין גאַס אַרויסגייענדיק,—פאַרשטייט זיך, נישט אַלע און נישט תמיד,—אָנטון אַנ'אייבערמלבוש.

קלמן. — דהיינו?

סענדער. — אַ ד ע ל י ע[182], אָדער אַ ד ע ל י צ ק ע מיט לאַנגע אַרבעל מיט טאַשמעס,[183] אַ ק ע מ ע ל-ה אָ ר ע נ ע דעליע, אַ ר אַ צ ע מ ו ר ע נ ע דעליע...

קלמן. — פוו"ב I :439 delja, delika (ווײַניקגעברויכט), „פלאַשטש, ברײַטער מאַנטעל אָהן אַרבעל זיך אײַנ-צוהילען אין אַ שלעכט וועטער, אַ מין אײבערמלבוש מיט אַ קאַפּישון פון הינטען אַנצוטאָן אַפּ'ן קופּ". — פון טערקישען telli, tellu („אַ מין צײַג").

בוך 725: taśma, „שטאַרקער באַנד, צווערענבאַנד".

סענדער. — לויט אײַן קוועלע איז ד ע ל י ע דאָסאײגענע, וואָס „ר אַ ד ז ש י ו י ל אָ ו ק ע".

קלמן. — פעלט אין די יידישע ווערטערביכער.

אין פוו"ב V 466 איז געבוכט: Radziwiłka (מונד-אַרטלעך), „אַ קורץ געפּאַסט יאַגדרעקעל" (פון בײַנאָמען Rad-ziwiłł), אובער דאָס איז גאַר אַנ'אַנדער מלבוש.

סענדער. — ווײַטער קומען-פור: אַ „ר אַ ד ז י װ ו ל ק ע", אַ „ר ע ז ע װ ו ל ק ע", אַ ראַצעמורען „ר ו ז ע-װ ו ל ק ע ל ע".

קלמן. — נישט צו געפינען אין די יידישע ווערטערביכער. די עטימולוגיע דאַרף נוך אויסגעפורשט ווערען.

סענדער. — ...אַ ק ו ב ע...[184]

קלמן. — ס'איז אַ פרעמד וואָרט, אובער זײַן אָפּשטאַמונג קען איך נישט פעסטשטעלען.

סענדער. — ...אַ ב ו ר נ ו ס[185], פון ד ר אַ פ,[186] פון לאַס-טיק; אַ ב ו ר נ ע ס ע ל...

קלמן. — פוו"ב I :238 bornus, burnus (מונדאַרטלעך), „מאַוריטאַנישער פלאַשטש, מאַנטעל, אײַנהיל, א מין רוטונדע מיט אַ קאַפּישון". — דאַל I :146 burnus, „פאַר-

וואַרפֿמלבוש פֿון פֿאַרשידענעם אויסזע, מאַנצבעלשס און ווייבע-רישס, קלוימערשט לויט אַראַבישען מוסטער". — פֿון פֿראַנצייזישען bournous, וואָס איז דאָס אַראַבישע burnus.

דאַל I 504: drap, „געוואַנט פֿון פֿאַרשידענעם מין און קוואַליטעט, וואָס ווערט באַצייכענט מיט צוגאָבען: „dra-dedam", drap brjutschnyj" וכו' — פֿון פֿראַנצייזישען.

סענדער. — ...„בעקושוס"... „קאַציבייקעס"...[187]

קלמן. — פּוו"ב II 617,194: kacabaj, kacabaja, ka-cawejka, kucubejka, kucbajka (אַלץ מונד-אַרטלעכע פֿורמען), „פֿרויענאַייבערמלבוש, אַ מין מאַנטיליע; וואַטירטער פֿרויענקאַפּטען, מאַנצבעלשער וואַרעמער קאַפּטען, ווייבערשער וואַרעמער קאַפּטען מיט אַ קורץ פֿאַלדירט קליידעל, שובקע; רעקל, מאַרינאַרקע". — פֿון דייטשישען Kutzboi („דיק האָריק צייג"), אָדער מונדאַרטלעכען Kutzbaje („דיקע באַיקע, צייג").

דאַל II 182: kozawjcjka, kacawjejka, kocewjejka, „קורץ קופּטעל, אָהן פֿאַלדען און אָהן אַ איינשניט אין דער טאַליע" (מולדאַוואַנער פֿרויען טראָגען דאָס).

סענדער. — ...אַ „וואַטווע פּיסטרענע טשויקע"..

קלמן. — אין די יידישע ווערטערביכער נישט אויפֿגענומען

פּוו"ב I 404: czujka, „לאַנג קלייד, מיט פֿוטער אונ-טערגעשלאָגען; שובע; לאַנגע קאַפּוטע ביז איבער די קני; פּראָסט אַנטועכץ, פּויערישער רוק; בורקע" וכ'. — פּיסק. 290: tschujka, „פּאַשטש (איינהיל) מיט אַרבעל". — דאַל IV 632: tschujka, „לאַנגער געווענטענער קאַפּטען מיט'ן שניט פֿון אַ כאַלאַט; פּויערישער קאַפּטען אָדער פּעלץ, אָהן אַ הענגקולנער, מיט אַ שאַלקראַגען (פֿון סאַמעט אָדער פֿוטער), ווי באַ אַ כאַלאַט, און אַמאָל מיט שוואַרצע שנירען און טרולדען".

דאָס פּוו"ב מיינט, ס'איז דאָס אונגאַרישע csuha, csoha, וואָס שטאַמט פֿון טערקישען czoha („געוואַנט"), וועלכעס איז גענומען פֿון פּערסישען.

סענדער. — אַ וואַטווע לײַבעל, אַ געשטעפּט לײַבעל, מיט אַ רויטען גאַרטעל..

קלמן. — אָנגעטועכץ פון אַ בעל-עגלה פון אַ וואַסערטרעגער,— אום ווינטער.

סענדער. — ...אַ מ אַ נ ט ע ל[188], אַ „טוכענער וואַטווער מאַנטעל״, אַ סאַמעטענער מאַנטעל, אַ „פּילצ-טוכענער״..

קלמן. — „מ אַ נ ט ע ל״ איז אין דער ייִדישער שפּראַך אַ מ ו ד ע ר ע ן וואָרט.

סענדער. — . אַ פּ אַ ל ט ע[189] (אַ פּאַלטוי, אַ פּאַלטון)..

קלמן. — אין קרעמעניץ הייסט עס „פּ אַ ל׳ ט ע״, אין וואַרשע: „פּ אַ ל׳ ט ע ן״.

פוו״ב IV :22 palto ,palton, (ווייניק געברויכט) -pale ton, „ברייט איבערמלבוש״.— דאַל III :10 paljto. — פון פראַנצ. paletot, וואָס שטאַמט פון הולענדישען palstrok (פּיל-גערמלבוש״).

סענדער. — ...אַ א ײַ נ ה י ל...[190]

קלמן. — ד. ה. אַ מאַנטעל, אַ פלאַשטש. — אין דײַטשישען נישטאָ; אַלזו, ייִדישע שאַפונג.

סענדער. — אײַנמאָל וואַרפט זיך דורך: „אַ בלאָ זײַדענע ה י ל״...[191]

קלמן. — דאַכט זיך, נישט אַלס אייבערמלבוש, נור אַלס פײַערלעך א ײַ ב ע ר ש ט מלבוש.

לעק. 109: hülle, „מ אַ נ ט ע ל; קופּטוך; אומהילונג בכלל״. — טיאַנדער 652: Hülle, „אײַנהילעכץ, צודעקעכץ, דעק, שאַל; מאַסקע; אָנטון, קליידונג, מלבוש, שינעל, פ ל אַ ש ט ש; דראַפּעריע״.

סענדער. — באַ ש ל ו ם - ע ל י כ מ ע ן קומען-פאָר „זײַדענע קנאַקעדיקע נ א ק י ד ק ע ס״[192].

קלמן. — דאָס הייסט „פֿאַרוואַרפֿערס", „פֿאַרוואַרפֿ־מאַנטלען", „איינהילען", „אומהילען". ציִ איז ניִשט געמיינט באַ שלום־עליכמען „ראַדזיִוולקעס" („רעזעװולקעס", „רוזעװולקעלעך")?

דאַל II 433: nakidka, „איִבערמלבוש, אָנגעטון אַף גיִך, ניִשט אַף דיִ אַרבעל"; „פּרויענפּיִטערעל". — פּיִסק. 145: nakydka, „פּלאַשטש, אייבערמלבוש".

סענדער. — ...אויך אַ כלומיִדע.[193]

קלמן. — דאַל IV 565: chlamida (קיִרכענסלאַװיִש), „מאַנטעל, פּלאַשטש, איינהיִל" וכ׳. — chlamys איז געװען דער מאַנטעל פֿון דיִ גריִכען און רוימער.

סענדער. — סטעמפּעניו טראָגט אַן׳אויבעררוק.[194]

קלמן. — דער טערמיִן װערט איִן ייִדיִשען אַפֿיִלו זעלטען געברויכט.

* * *

סענדער. — װיִנטער פֿלעגט מען טראָגען אַ „טיִליִפּ" (אַ „טולעפּיִל"), אַ „טיִליִב"..[195] אַ „טיִליִפּ מיִט פֿוקס" (אודער „מיִט שמײשעלעך"), אַ „שופּענעם[196] טיִליִפּ", אַ „פּרוסטען טיִליִפּ", אַ „קאַצען טולופּעל", אַ „שיִנעטען טיִליִפּעל מיִט דריִבנע װײסע שמײשלעך", אַ „טוליִבעל פֿון פֿײ..."[197] אַ פּעלץ,[198] אַ „טײערען פּעלץ", אַ פּעלצעל... אַ פּיִקסענפֿוטער מיִט לאַנגע אַרבעל...

קלמן. — דאַל IV 453: tulup, „אַ ברײט פֿוטער, אָהן אַ איינשניִט איִן סטאָן (איִן גאַרטעל), נעמט־אַרום דעם גאַנצען קערפּער" (אַ „פּרוסטער טולופּ" װערט געמאַכט פֿון שעפּסען, פֿון בעק). — פּו"ב II 821: (מונדאַרטלעך) tułub, „גע־דעקט פֿוטער".

פּו"ב VI 646: szop, „אַ רויבחיה, פֿון דער בערענ־משפּחה".[199] — szopy, „פֿוטער פֿון דערדוזיִקער חיהס פֿעל".

טיִגענדער 1122: Schupp = Waschbär („שופּ"), Schuppenpelz („שופּענפּעלץ").

סענדער. — „אַ לאַנגער פוטערנער פּ אַ ל אַ ט ו ן“.

קלמן. — ד. ה. אַ פּאַלטען אַף פוטער.

* * *

סענדער. — נוך אַ פּאָר קלייניקייטען, און מיר לוזען אויס דעם ערשטען טייל פון מיין רעפעראַט.

קלמן. — דעם צווייטען טייל — — —

סענדער. — ...וועגען יידישען פּרויענטואַלעט...

קלמן. — ...וועלען מיר אָפּלייגען אַף מורגען.

סענדער. — איינער פון אַקסענפעלדס פאַרשוינען טראָגט „אַ גרויסען ט ש י מ ב י ר אַף די אַקסעל פאַר אַ פּאַטשײַלע“; אַמאָל ליגט לעבען אים „אַ ט ש י מ ב י ר פאַר אַ נאָזפּאַטשײַלע“.

קלמן. — דאל IV 633 רעגיסטרירט: tschumbur[200] (באַטוינט אַף דער ענד-זילב), == tschembur[201] (באַטוינט אַף דער ענדזילב), „דער דרי-טער, אייבצעלנער לייץ פון צוים, בא וועלכען מ'פירט אַ רייטפּפערד (מ'בינד עס צו, אודער מ'לוזט עס קאַטשען זיך)“.[202]

פּיסק. 287: tschymbory, „זײַדענער פּאַס (גאַרטעל)“.[202]

פּוו"ב I 360: אַלטפּויליש czymbury, „קייטען“. — פון טערקישען czénbér, „רייף, האַלדזבאַנד א. א. וו.[202]

סענדער. — ס'קומט פור: „אַ גרויסער ט ש אַ מ ב י ר“...

קלמן. — אין טײַטש „פּ אַ ט ש יי ל ע“.

סענדער. — צום מאַנצבעלשען טואַלעט הוט געהערט אַ „גע-דופּעלטע לאַנגע ר ע מ ו נ י ש ע פּ אַ ר צ יי ל ע“, אַ „פּ אַ ר ט ש יי ל ע“, „פּ ע ט ש יי ל ע“, „פּ אַ ט ש יי ל ע“, „פּ אַ-ט ש יי ל ק ע“. „פּ אַ צ יי ל ע“, „פּ אַ צ יי ל ק ע“, דאָס רוב ר ו י ט, און פאַרשטעקט אין גאַרטעל..[203]

קלמן. — צו די פאַרשידענסטע געברויכען. זע משה ס ט אַ וו-ס ק י ס דערציילונג.

סענדער. — ס'קומט-פור אַ „ג ר י נ ע ר ס אַ ד ע ג ע ר ע ר שאַל“.

קלמן. — Sadagóra, אין בוקאָווינע, איז די רעזידענץ פון דער באַרימטער רבי׳ישער דינאַסטיע, וועלכע ר׳ ישראל ריזשינער האָט פאַרלייגט.

סענדער. —...אַ פּאַראַסאָל, פּאַרוסאָל, אַ „זײַדענער פּערעסאָל"[204].

קלמן. — פוו"ב IV 56: parasol, „דעכעל, וואָס פאַרמאַכט זיך, אַף אַ שטעקען, אַלס שוץ פאַר רעגען אודער זון". — פראַנצייזיש: parasol, פון איטאַליעניש parasole.
דאַל III 14: parasolj, „שירם, האַנטדעכעל, וואָס לייגט זיך צונויף, פאַר רעגען און זון". — פון פראַנצייזישען.
טיאַנדער 941: Parasol, „זונענשירם". — פון פראַנצ. ענגליש: parasol (האַרק. II 436).

סענדער. — באַ דיקען: פּאַראַסאָלניק...

קלמן. — אַפנים דרוקפעלער, שטאַט „פּאַראַסוניק"[205].
פוו"ב IV 56: parason (מונדאַרטלעך). — ווייסרוסיש: parason (זשוו"ב 304).

סענדער. — ווײַטער: אַ „זונטיק" (אַ „זונטיג")...[206]

קלמן. — דאַל I 717: zontik, „שירם, פּאַראַסאָל". — אויס דעם דײַטשישען.

סענדער. — אַ „יאַמשווינער שטעקען"...

קלמן. — דאָס ה"וו איז: „יאַמש"[207] (אין דער באָטאַניק: „Bambusa arundinacea"). — די אָפּשטאַמונג מיר נישט קלאָר. — דאָס ב"וו מיט דער הילף פון סלאַווישען סופיקס -owy[208] און יידישען -ען[209].

סענדער. —...אַ „סאַלצווינער שטעקען"...

קלמן. — דאָס ב"וו איז נישט רעגיסטרירט אין די יידישע ווערטערביכער. די עטימולאָגיע זײַנע איז מיר נישט קלאָר.[210]

סענדער. — אַ ים-שטעקען...[211]

כלמן. — עטינגערס „משלים" 155:

דער שטאָדט-רב מיט די דיינים,
אַלע קרובים, פֿריינד און למדנים,
אַלע מיט דיזא גרויסע ים - שטעקענס
פֿון דאַננען צו געהן צו באַדעקענס.

סענדער. — ...אַ טרוסצענע...

קלמן. — דאָסאַייגענע, וואָס ים-שטעקען. — אין די יידישע ווערטערביכער נישטאָ. — פּאַוולאָווסקי 1627: -tros tina[212], „רער".

סענדער. — „האַנדשוה", „הענטשקיס", „הענטשיקיס", „ענטשקילין"[213].

קרמן. — לעקסער 91: hantschaoch, hentschaoch, hantsche, hentsche.

אין וואַרשע: „הענטשקי" (סינג.), „הענטשקיס" (פּל.); „האַנטשען", פּל. (אין דער סוחרישער וועלט). — אין קרעמעניץ: „ענ'יטשקי", „ענ'יטשקיס".

סענדער. — ס'קומען פור: „וואַרעמע זאַמשענע פּויסטען"[214].

כלמן. — דאָס זענען געמיינט אַזעלכע הענטשקעס, אין וועלכע נור דער גרובער פֿינגער הוט אַ באַזונדער שיידעל, און די איבעריקע פיר — איין זעקעל.

דאַל I 624: zamscha, „לעדער, דאָס רוב פֿון אַ הירש, אינד וכו', סאַמעטוויין אויסגעאַרבט".

בוּך 920: zamsz, zamesz.

זאַנדערס 571: sämisch, ב"וו, „מיט פֿעטס געגאַרבט". — קלוגע 378: Sämischleder („זאַמשלעדער"), ערשט פֿון 15-16-טען יאָרהונדערט; פֿון מיטלנידערדייטשישען sêmesch, „איילגעגאַרבט" (וועגען לעדער).

סענדער. — קאַלושען („קולושין", „קאַלאַשין") זענען תחילת געוועזן אַטריבוט פֿון די „גלוחים"[215].

כלמן. — אין קרעמעניץ: „קאַליוש" (באַטונט דער ענד-

טראַף), „ק אַ ל י ו ש ן" (מערצאַל). — פוו"ב II 212: kalosz, „גומען אודער לעדערען איבערשיכוואַרק אַקעגן פייכטקייט און קעלט".—פראַנצייזיש: galloche.

דאַל II 79: kalocha (מערצאַל), „פוסבאַקליידונג אַף די שטיוועל אודער שיך, פון קעלט אודער בלוטע".

טיאַנדער 685: Galosche = Kalosche. — פון פראַנ-צייזישען.

אין וואַרשע: „ק אַ ל אַ ש" (הויפטטון אַף ענדזילב), „ק אַ-ל אַ ש ן" (מערצאַל).

סענדער. — באַ איין פאַרשוין זענען די פלודערען „פאַר-שפיליעט אין אַ ק ר ע מ פ י ל י ע ק"[216].

קלמן. — פוו"ב II 552.:פֿ krępolec (מונדאַרטלעך), krępulec, krempalec, „פ ל ע ק ע ל צ ו ם ק ר ע מ פ ע ו ע ן"[217] (אַפילו ווייניק געברויכלעכע טייטש). — פון דייטשישען Kram(p)holz[218].

סענדער. — אגב, פון פולשטענדיקייטס וועגען: באַ דיקען ווערט דערמאַנט אַ שטוף „ד י ב ע ט".

קלמן. — בוון 747: Tybet, „אַ מין אויסגעצייכענט וואָל-צייג". — טיאַנדער 1256: Tibet, „טיבעטער צייג" (וואָלשטוף). — אין די יידישע ווערטערביכער נישטאַ.

* * *

סענדער. — ווען טרעף איך דיך מורגען אינדערהיים?

קלמן. — פון איילען זיך קומט קיין גוטס נישט אַרויס... וואַרט אונטער נוך אַ מינוט, וועל איך דיך מכבד זיין מיט אַ ציטאַט אויס דעם „ש ט ע ר ע נ ט י כ ע ל" (ז' 97)...

סענדער. — איבערגעהיפערט?

קלמן. — מיט אַ כיוון...

סענדער. — „א י נ אַ מ י ש נ ע", ווי מ'זאָגט אין וואַרשע.[219]

קלמן. — אין קרעמעניץ הייסט עס: א י מ י ס ט ע ן[220].

„דער ארץ ישראל משילח... אַ ווײַסע יאַרמיקע שטעקט אַרויס פֿון אינטער דעם טערקיש פּאַרוויקילטין קאָפּ מיט אַ ווײַסער פֿאַטשײַלע; אָנגעטיהין פֿין ווײַסער האַלידזיע אַף טער-קיש גינעהט אַלאַנגין דזיבון (דאָס איז מיט פֿיעל קלײַנע שמיקלירישע קנעפּילך) מיט אַברײַטין וואָלינים בלאָהין גאַרטיל; אַף די פֿיס געהט ער אין טערקישע מעשטיס (טערקישע געלע פּאַנטאָפֿיל אין זאָקין זענין אויך פֿין געלער לעדער)”...

סענדער.—צווײַ נײַע טערמינען: ד ז י ב ו ן...

קלמן. — טערקיש ווארט, נישט רעגיסטרירט אין די אַלע ווערטערביכער, וועלכע כ'הוב דיר ביז יעצט אַזוי-פֿיל מאָל ציטירט.

סענדער. — ... און מ ע ש ט ע ס...[221]

קלמן. — פוו"ב II 926: meszta, meszt, „טערקישער פּאַנטופֿעל, פּאַנטופֿעל מיט אַ ווײכער פֿודעשווע, לײַכט שטובשיכעל, פּאַפּעץ”; (מונדאַרטלעך) meszty (מ"צ), „גע-ווענטענע שיכלעך; פֿוסטילעס”. — פֿון טערקישען mest, „לע-דערנער שיך”; דערפֿון דאָס רומענישע mest.—

פּיפטער דיאַלאָג.

סענדער. — דער יידישער פּרויענטואַלעט איז אין כלל אריין וויניקער כאַראַקטעריסטיש, ווי דער מאַנצבעלשע...

קלמן. — ... אויב מיר ווילען אויסשליסען דעם ווייבערשען קופּטואַלעט. וואָס הוט געשפּילט אין דער יידישער לעבענסאַרט אַ ספּעציפישע רולע מיט אַן׳אויסדריקלעך ריטועלישער פאַרפּאַרבונג.

סענדער. — ריכטיק! כ׳וועל טאַקע אָנהייבען דערפון.

איך הוב דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגען דיר צו דעמונסטרירען דאָס געוויינטלעכע קופּבאַדעקעכץ פון דער יידישער צנועה, פון כשרען יידישען ווייבעל און פון דער גוטספּורכטיקער יידענע,—דעם שלייער.[1]

קלמן. — אַזוי פאַרשפּרייט, אַז געבויכט אויך מעטאַפּאָריש. — „פאַרדריי מיר נישט דעם שלייער"![2] זאָגט מען שטאָט „פאַרדריי מיר נישט דעם קופּ".—„אַז עס קומט ערב פּסח, דרייט זיך באַ די ווייבער דער שלייער", דערציילט אַ יידיש שפּריכוורט.[3]

סענדער. — ... געטראָגען באַטאָג...

קלמן. — דערפון דאָס ווערטעל: „אַ שלימעזאַלניצע שלאָפט אין שלייער"[4].

סענדער. — ס׳קומט פור אַ געלי שלייערעל.

קלמן. — אין די גוטע אַלטע צייטען פלעגט מען ליב האָבען שרייעדיקע קולירען.

סענדער. — מערקווירדיק: נוך אין אָנהייב פון 19-טען יאָרהונדערט, ווי מיר זעען פון אַקסענפעלדס ווערק, פלעגט מען שוין אונטערשיידען „אַ שלייער פון דער אַלטער מודע" און „אַ שלייערעל מיט דער מודע", „אַ מודנע שלייערעל".

קלמן. — ווער וועט איצט דערקלערען דעם חילוק? סיידען מ׳זול אַזך טו אין די נישטיידישע מוזייען...

סענדער. — אַף איין קופּ פלעגען זיך טרעפען: „אַ מודנע שלייערעל", „אַ רויט שמאָל יאַמפערקעלע" און אַ שטערנטיכעל.

קלמן. — „י אַ מ פּ ע ר ק ע" (אַ רויטע, אַ געלע), „י אַ מ- פּ ע ר ק ע ל ע", וואַרפֿען זיך זייער אָפֿט דורך אין די קוועלען, וועלכע מיר האָבען צוזאַמען אַדורכגעבלעטערט, — זענען אָבער נישט רעגיסטרירט אין די יידישע ווערטערביכער, וועלכע דו זעסט דאָ באַ מיר אַפֿ'ן טיש.

ווי האָט אויסגעזען אַ יאַמפּערקע? — אַן עלטערע פֿרוי האָט מיר אָפּגעמשלט, אָבער זייער נישט גענוי — זי האָט, נאָך אַלס קינד, געזען דאָסדאָזיקע שטיק אַלט-מאָדיש פֿרויענפּוץ באַ אַ באָבע אירער: ס'איז געווען אַ מין באַנד, אַ שלייפֿעל, אַ פּוווער, פֿון העלען שטוף, געטראָגען פֿונפֿירענט אַפֿ'ן קאָפּ פּונקט איבער דער מיט פֿון שטערען.

באַ ליגנעצקין אַ ווונק, אַז אַ יאַמפּערקע פֿלעגט געמאַכט ווערען פֿון אַ „ס ט ע נ ג ע".

אויך די עטימאָלאָגיע פֿון דעם וואָרט איז מיר נישט קלאָר.

סענדער. — ... אָדער עס פֿלעגען זיך פֿאַראייניגען צו באַ-שיינען איין פֿרויענקאָפּ: אַ יאַמפּערקע מיט „אַ ס י ט ק ע אַף ב י ס ע ר", אַ יאַמפּערקע מיט „אַ ש אַ ט ק ע"...

קלמן. — „ס י ט ק ע"[5] איז דאָס רוסישע sjetka[6], „אַ זאַך אָדער צייכנונג ווי אַ קראַטע, געקעסטעלט, אין קעסטעלעך (גראַדען), גראַדענדיק, אין אויגען, אין לעכלעך"[7] (דאַל IV 391).

„ש אַ ט ק ע" איז דאָס פּוילישע siatka, „אַ שטיק שטוף, פֿון שנירלעך געפֿלאָכטען אין אויגען, ווערט, צווישען אַנדערס, געטראָגען פֿון פֿרויען אַף די האָר" (פּוו"ב VI 89).

„ב י ס ע ר"[8] איז דאָס אוקראַינישע b y s e r[9], „פּערעל, גלאָזפּערעל" (פּוו"ב I 157). — רוסיש: bisjer[10], „גלעזערנע פּערעלעך" (דאַל I 89). — פּויליש, מונדאַרטלעך: bisior, „גלאַנצענדיקע גלעזערנע פּערעלעך, געבלאָזטע פּאַציערקעס" (פּוו"ב I 157).

סענדער. — וועגען דער ראָלע פֿון „ש ט ע ר ע נ ט י כ ע ל" רעדט אַקסענפֿעלדס ליד, וואָס דו האָסט מיר ציטירט אַנומעלט

קלמן. — אַ יידיש ווייבעל אָהן אַ שטערנטיכעל האָט אויסגעזען „ווי אַ טיר

אָהן אַ קליאַמקע״.

שיינצי, די בת-יחידקע פון דרוקאמלמד שלמה בעשעכיס, דערהצ-רענדיק, אַז תיכף נאָך ימים טובים זול זײַן איר חתינה, „איז אַרײַן געשפּרינגין פּנים קעמערייל מיט אַ געוויין״: „איך וויל אגרויס שטערינטי-כיל! וואָס דען, איהר ווילט מיך פאַר שלייערין ווי א שיקסע אָן אַ שטערענטיכיל? וויל איך אווד׳ גישט״!—אין ווײטער: „אז די ביגידיתטיס געהען שמחת תורה קישין די תורה, געהען זיי אין שטערענ-טיכליך. די קבצנישע ווײבער האָבין טאקע אָן אשטערענטיכיל אפּנים ווי משה גראָנים. איך וויל טאקע אגרויס שטערענטיכיל, ווי גיטילע ר׳ גבריאלס מיט גרויסע פּעריל, אין מיט דימי-טין. פאר וואָס ניט?!״ (10).

בענדער. — בא איגנאַץ בערנשטײַן חוב איך געפינען א ווערטעל (נ. 3859): „נאָך שלשים מעג מען שוין דאָס שטע-רענטיכעל אָנטוין״... — מ׳זאָגט דאס פון א פאַרזעסענער מויד, וואָס איז שוין אלט איבער 30 יאָר, און ס׳וואלט א יושר געווען איר „צוצודעקען דעם קופּ״.

קלמן. — אין אופּאַלע (לובל. ג.) זאָגט מען: „כ׳זול אזוי ווייסען פון א בייז שטערענטיכעל״, = „כ׳זול אַזוי ווייסען פון בײזע לוקשען״, „כ׳זול אַזוי ווייסען פין שלעכטס״.

סענדער. — אַ שטערענטיכעל פלעגט זײַן פון פּערעל און דימעטען, פון דימעטען און בריליאַנטען.— אַמאָל מיט קיליצים.

קלמן. — אוקראַיניש: kełycia, „טרולד״ (פוו״ב II 334).

סענדער. — דאָס שטערענטיכעל הוט געהאַט אויך אַנדערע נעמען: שטערנבינדעל,[12] קופּבינדע,[13] בינדאַליק.[14]

קלמן. — פּויליש (ווײַניק געברויכלעך): bindalik, דימ. פון bindal, וואָס איז דאָסאײַגענע, וואָס binda (פוו״ב I 156).[15]

סענדער. — בא אַ גוטענײדענס רעבעצין אַפּ׳ן קופּ פלעגען הויזען אַ שטערענטיכעל און אַ פורמואַר[16] מיט אַ ציטערשפּילקע,[17]—לויטער בריליאַנטען און פּערעל.

קלמן. — פ"וב I 733: fermoar, fermuar, „שלעסלע, קלאַמער, שנול. שפּר נטשקע באַ האַלדזבענדער, גלאָזפּערעל, קײַטעלעך א. אַ. וו.״—דאַל IV 549: fermuar, „טײַערע פּוצשנול צו האַלדזבענדער״.—פון פראַנצײַזישן fermoir.

פוו"ב VI 657: szpilka, „אַ מין נאָדעל מיט אַ קעפּעל צום צונויפשפּיליען, צונויפהעפטען״.

סענדער. — אַ צ י ט ע ר ש פּ י ל ק ע[14] איז מסתמא דאָס־אײגענע, וואָס אַ צ י ט ע ר נ אָ ד ע ל[14]

אין אַ יידישן פראַיענקופּ פלעגט מען קענען זען: „אַ ס ט ר ו י ק[14] מ י ט ב ל ו מ ע ן״ און „אין דעם סטרויק שטעקן אַ ד י מ ע ט ע נ ע צ י ט ע ר נ אָ ד ע ל״.

אין די קוועלען קומט־פאָר: „אַ י ו נ ט ע ו ו ד י ק ע צ י־ ט ע ר נ אָ ד ע ל״.

קלמן. — פוו"ב VI 456: stroik, דים. צו strój („גרויסאַרטיקער, רײַכער, עלעגאַנטער שטאָט״); „stroik kobiecy na głowę“ איז דאָסאײגענע, וואָס ס'קומט־פאָר אין פּויליש: ubranko; „barania czapka ze stroikiem“.

סענדער. — ... „אַ ה אָ ר ב אַ נ ד״,[14] „אַנ'אויסגעשטיקט האָר־באַנד״, „אַ האָרבאַנד מיט פ ר אַ ק ע ס״...

קלמן. — לעקסער 91: hârbant, „האָרבאַנד״ („... צו האַלטען די האָר צוזאַמען אין אורדנונג אודער זיי צו ציירען״); טיאַנדער 556: Haarband, „... סטענגע, באַנד צו די האָר״.

וואָס „פ ר א ק ע ס״ הייסט, ווייס איך נישט: דאָס וואָרט איז נישט רעגיסטרירט אין קיין שום יידיש ווערטערבוך.

זול מען אָננעמען, אז „פ ר א ק ע ס״ זײַנען אָנהענגערס, אָנהענגערלעך, נאָכהענגערס, נאָכהענגערלעך,—ווי די פּולעס (שווײַפען) באַ א פראַק?

סענדער. — ... אַ אַטלעסענע מ ו ש ק ע,[14] אַ פּ ע ל ע נ ע[18] מושקע...

קלמן. — פוו"ב II 1076: אַלטפּויליש muszka: „אַמאָליק פרויענפוץ אַפ׳ן קופּ, אין געשטאַלט פון צינגען אויס פערעל און איידעלשטיינער".

muszka איז דימינוטיוו צו mucha („פליג").

פוו"ב IV 104: pela, „זיידענפּאָדעם, וואָס ווערט גע־ברויכט צו פרויענאַרבעטען, צום העפטען; שלייסעכץ פון זיי־דענפּאָדעם"; „האָריק זיידענצייג".—פון איטאַלענישען pelo.

סענדער. — אַטייל פון די שטארק באַגוטישע ווייבער פלעגען נישט גערען זען א מושקע אַף א פרומען יידישען פרויענקופּ.

קלמן. — דוך איז דער מין קופּשמוק געווען זייער פּופּולעריש אין דער אַל־טער יידישער פרויענוועלט, ווי מיר זעען דאָס אין דער ציטאַט אויס פּיוטר יאַסקאַ ביקוווסקי, מיט וועלכער פוו"ב II 1076 אילוסטרירט דעם וואָקאַבעל:

„A ich (== Żydów) niewiasty? W bogatych szubach, nał. żonych na jeden rękaw, odziane w lamy drogie, koronki, a w tak zwanych muszkach na głowie"...[19]

סענדער. — אַ שייטעל[20] ווערט דערמאַנט ערשט באַ פּרצען — אַלס מודעאַרטיקעל... — אויך אַ פּאַריק...[21]

קלמן. — דאַל III 15: parik, „פרעמדע האָר אַפ׳ן גאַנ־צען קופּ".— פוו"ב IV 120: peruka (מונדאַרט־לעך: paruka), „פּאַלטשע (פרעמדע) מענטשלעכע האָר, באַדע־קעכץ פון האָר אַף אַ גאָלען קופּ".—טיאַנדער 949: Perrücke.—פון פראַנצייזישען perruque.

סענדער. — איין מאָל סך־הכל הוט אין דעם שטרום ציטאַ־טען אַ בלאַנק געטון אַ „גראַבאַלדיע־ווידעל"[14] און איין מאָל אין דעראייגענער קוועלע אַ „גריבאַלדיע־שטריימעל".[14]

קלמן. — לויט אַלע סימנים, אַ מין פרעמדער צופּ?

גאַריבאַלדי איז דער נאָמען פון איטאַלענישען נאַציאָנאַלישען העלד Garibaldi.

סענדער. — באַ לינעצקין גלאַט: „אַ גאַריבאַלדי״...

קלמן. — אויך דאָ ווערט קענטיק געמיינט אַ „גאַריבאַלדיצופּ״.

סענדער. — נור באַ פּרצען ווערען דערמאַנט, אויך אַלס נייעס, „פּריזירטע קרעפּינקעס״.[14]

קלמן. — פוו״ב II 543: krepina, „קנויל פּאַלטשע האָר, צונויפגעפלוכטען, צונויפגעקודערט, ווערט געברויכט פון פרויען אַלס אונטערלאָג אונטער די האָר, זיי זולען אויס-זען רייכער״; krepinka „טאַשמע, סטענגע באַנד, שפּיצען״.— פון פראַנצייזישען crépine.

סענדער. — אַ „שיניון״,[14] „קוקען״[14] זענען געווען גאָר הייַנטוועלטיקע צוקומענישען.

קלמן. — פוו״ב VI 704: szynion, „אַ פרעמדער צופּ, געטראָגען פון פרויען״.

פוו״ב II 392: kok, „אַ בינטעל פּאַלטשע (פרעמדע) האָר, וואָס פרויען קעמען אַריין אין זייערע אייגענע האָר אַפ׳ן הינטערשטען טייל פון קופּ אַלס באַפּוצונג״.—פון פראַנ-צייזישען coq (בוכשטעבלעך: „האָן״).

* * *

סענדער. — דער נעגליזשע, דע־ שטאַט, ווען מ׳איז גע-גאַנגען „נישט אָנגעטון״, ווי ס׳הייסט אַף יידיש, איז געווען דאָס הייבעל[22], די קאָפּקע[23] (אודער „קופּקע״), דער טשיפּיק[24] (דאָס „טשיפּיקעל״), דער ציפּיק („ציפּעק״), דער צעפּציק (דאָס „טשעפּטשעקעל״)...

קלמן. — די אַלע נעמען באַצייכענען איין געגענשטאַנד, וועלכער איז געווען אַן׳אומבאַדינגטער אַטר בוט פון אַ יידיש ווייבעל.—„ווען ווערט פון אַ מיידעל אַ ווייבעל?״ פרעגט אַ יידיש שפּריכוואָרט, און ענטפערט: „יען ׳טוט איר אָן אַ הייבעל״.[25]—און אַן׳אַנדער ווערטעל זאָגט: „ווי איז דעם ווייבעל, וואָס

קומט אַהײם צום פּאָטער אין הײבעל".[26]

פור"ב II :246 kapka (מונדאַרטלעך), „א מין הויב אודער היטעל, וואָס חתונהגעהאַטע פרויען טראָגען (געווײנטלעך פון ווײסען מושלין)"; דימ. צו kapa, וואָס איז דאָס לאַטײני-שע cap(p)a.[27]

דאַל II :86 kapa, kapka (פון דײטשישע),— „היטעל, קאַשקעט, לאַפּענמיצעל".—פּיסק. 100: kapa, „קופּ-באַדעקעכץ".

טיאַנדער 691: Kappe, „הויב, היטעל, מיץ, קאַשקעט, קאַפּשון, יאַ־מעלקע" א. אַ. וו. (שוין אין מה"ד, באַ לעקסער 119 געבוכט),—פון לאַטײנישען איבערגענומען.

סענדער. — פאַרהורעוועטע, „פאַרפּראַצעוועטע" (ווי מ'דריקט זיך אויס אין וואַרשע), פאַריאָגטע באַלבאָסטעס פלעגען אויך פון שטוב אויסגײן אין „טשיפּיק", אין „ציפּיק",— אין מאַרק אַרײן, אין די יאַטקעס אַרײן.

אַ שײנער טשיפּיק, „אַ מודנע ציפּיק מיט לאַנגע-לאַנגע בענדער סטענגעס[28] פון פאַרשידענע לעבעדיק-שרײעדיקע קולירען" (אַף דער „האָרבאַנד"), אַ „דרײפאַכיקער ציפּעק", אַ „טשיפּעקעל מיט שליאַרקעלעך"...[29]

קלמן. — פור"ב VI :633 szlarka, „באַלאָג באַ אַ קלײדער, באַ אַ גורסעט, באַ אַ הויב"; (מינדאַרטלעך) „באַלאָג, באַפּוצונג, סטענגעס, שפּיצען וכ' באַם ראַנד פון הויב" וכ'.—פון דײטשישען מונדאַרטיעכען Schlar.

פור"ב VI :419 stęga = wstęga.

סענדער. — ... אַ געפּוצטע קופּקע, אַ „טיפּע קאָפּקע מיט פלאַטערדיקע ברײטע פלאַמענדיק-רויטע בענדער",—איז געווען אויך דער פײנער שטוביקער גאַנג, שבת און יונטעוו, אַף שמחות וכ'.

ס'קומט-פור אַ חופּהטשיפּיק...

קלמן. — מסתמא די ערשטע הויב, וואָס דאָס יונגע ווײַבעל טוט אָן נאָך דער חופּה.

שלאָפֿען פֿלעגט אַ יידיש ווײַבעל אין אַ ש ל אָ פֿ ה ײַ ב ע ל,[14] אין אַ ש ל אָ פֿ ק אָ פּ ק ע.[14]

סענדער. — אין שטוב אַרומגײַן, אינדערוואָכען, אויך שבת און יונטעוו, און אויסגײַן אין גאַס אַרײַן, אין שול אַרײַן, אַף שמחות וכ׳ פֿלעגען יידישע ווײַבער אויך אין אַ ווײַסער פֿ אַ ט ש ײ ל ע, אין אַ זײַדענער פֿאַטשײלע, אין אַ שאַמוווע פֿאַטשײלעכען, אין אַ ווײַס (אודער געל) זײַדען ט י- כ ע ל, אין אַ בלאָ זײַדען טיכעל אַזשורנע אַרבעט, אין אַ שוואַרץ אַטלעסען טיכעלע מיט גולדענע קווײַטען, אין אַ ש אַ- ל ע כ ע ל[30]—אַפ׳ן קופּ.

פֿון דער קעלט פֿלעגט מען זיך הילען אין אַ ש אַ ל[30] מיט רויטע גראַדען,—אַף די אַקסלען.

ס׳קומען פֿור „ש ב ת ד י ק ע ש אַ ל ע ן“.

קלמן. — פּוו״ב VI 457: szal, „אַ מין לאַנג טיכעל, צו טראָגען אַפ׳ן האַלדז אודער אַף די אַקסלען ווי אַ איינהיל“.—פֿון פראַנצײזישען châle, וואָס שטאַמט פון אַראַבישען.

דאַל IV 639: schalj (פֿון ענגלישען), „אַ לאַנג טיכעל צוּף די אַקסלען, טופּעלער לײַנטוך“.

סענדער. — לויט ד י ק ע ן, איז דער גאָר אַלטער ווײַבער- שער שטאַט געווען: דער געגאָלטער קופּ אַרום- געוויקעלט מיט אַ ווולען טוך,[31]—מעשה טערק, און „גאָר פֿון אויווען אַסובב אַ ווײַס ליילעך“.

אַ יונג ווײַבעל, ווידער (באַ דעמאײַגענעם מחבר), טראָגט אַפ׳ן קופּ — אַ פּ ל ו ר[32] באַזײַט מיט גולדענע און זיל- בערנע פּונקטען.

קלמן. — דאַל IV 551: fljor[33], „דורכזיכטיק, שיטער צײַג. דערהויפּט זײַדענס“.—פֿון דײַטשישען.

פּוו״ב I 755: flor (מוגדאַרטלעך), „טרויערצײַג, קרעפּע“.—פֿון דײַטשישען.

טיאַנדער 428: Flor, „...קרעפ; שלייער".—פון לאַטייניש.

סענדער. — אויך פלעגט זיין דער שטאַט אין גאַס: אַ „קישקע", אַ „קיטשקע"...

קלמן. — „קישקע" מוז זיין אַ דרוקפעלער. די קורעקטע פורם איז „קיטשקע".[14]

פוו"ב II 319: kiczka, (מונדאַרטלעך), „אַ ווייכער וואלץ אַרום קופ, געטראָגען פון פרויען אונטער'ן טיכעל".

דאַל II 108: kika[34], kitschka, „ווייבעריש קופצודעקעכץ, מיט הערנער, אַ מין קופפאַטשייע".

פיסק. 105: kytschka, kitschka, „אַ בינטעל פלאַקס, איינגעפלוכטען דער כלה צו דער חתונה אין צופ אַריין; דאָס בזועמעל אַפ'ן קיווער; אַ מין ווייבעריש קופאָנטוּעכץ".

סענדער. — אין דער צווייטער העלפט פון 19-טען יאָרהונדערט רייסט זיך אַריין אין די יידישע גאַס אַ הוט, אַ „שליאַפע", „אַ שליאַפע אַף שפרונזינס"...[35]

קלמן. — פוו"ב VI 351: sprężyna, „אַ לייסטעל, אַ שטענגעל, אַ צונויפגעדריי פון שטאָל, גומע, פישביין אודער אַנדערע שטופען, אַזוי איינגעאורדענט, אַז שטרעבט זיך אויסצוגלייכען, אַנצונעמען דאָס געשטאַלט, וואָס הוט געהאַט, איידער איז אויסגעבויגען געווורען"...

סענדער. — ...אַ „שליאַמפיץ"...

קלמן. — שפוטישער אויסדרוק. איינע פון דער גרויסער צאָל יידישע פולקסעטימולוגיעס מיט פעיוראַטיווער פאַרב. פרודוקט פון דער באַקאַנטער יידישער פולקסנייגונג צו בייסיקער איראָניע און שטעכעדיקען סאַרקאַזם.[36]

סענדער. — ...אַ פאַסטערקע,[14] אַ „פוסטערקע",

אַ „פּאַסטאַרקע פון טײַערסטען שטרוי״..

קלמן. — פוו״ב IV 578 :פּ. pasterka, „פרויענהויט מיט אַ נידעריק קעפּעל און אַ גרויסען אײַנפּאַכיקען רונדו״..

* * *

סענדער. — דאָס אײַגענטלעכע פרויענמלבוש הײַסט אַף יי־דיש: ק ל ײַ ד, ק ל ײַ ד ע ל.[37]

קלמן. — אַ קלײַד, אַ קלײַדעל באַדעקט דעם גאַנצען פרויען־קערפּער, פונ׳ם האַלדז ביז צו די קנעכעל און שטעלט מיט זיך פאָר אײַן קלײַדונגסשטיק; ווערט שטענדיק געטראָגען צוגעקנעפּעלט, צוגעהעקעלט (קײנמאָל נישט אָפען, ווי אַ מאַנטעל למשל)..

סענדער. — ... אודער באַשטײַט פון צווײַ טײַלען: אַנ׳אײַ־בערשטען — ביז אין סטאַן אַרײַן, און אַנ׳אונ־טערשטען — פונ׳ם סטאַן אַראָפּ...

קלמן. — ... און בײדע טײַלען צוזאַמען טראָגען דעם קאָ־לעקטיווען נאָמען ק ל ײַ ד, ק ל ײַ ד ע ל.

סענדער. — אין דרומרוסלאַנד אויך פּ ל אַ ט י ע[14] (פּ ל ו־ט י ע)...

קלמן. — דאַל III 123: platje, „מלבוש, קלײַדונג, אַ״ך וואָס מיר טוען אָן, אויסער וועש און שיכוואַרק״; „פרויענקלײַדונג פון דײַטשישען שניט, אָפּצושײַדען פון רוסישען; אויך אַ קײַלעכיק, נישט אָפען פ ר ו י ע נ מ ל ב ו ש, נישט קײַן שלאָפרוק, נישט קײַן בלוזע א. אַ. וו״.

סענדער. — ק ל ײַ ד, ק ל ײַ ד ע ל באַצײַכענען אובער אין יידישען אויך בלויז די באַקלײַדונג פון אונ־טערשטען קערפּערטײל. ווערט אין פּויליש־יידישען גערופען אויך „ס פּ ו ד נ י צ ע״[38]

קלמן. — פון אַנ׳אָפּגעלוועגער פרוי זאָגט דאָס יידישע שפּריכוואָרט: „אַ ש ל ימ ע ז אַ ל נ י צ ע — פּ אַ ר־

ל י ר ט ד י ס פ ו ד נ י צ ע!″[39]

אין קרעמעניץ: „ס פ ו ד נ י צ ע″.

פוו″ב VI 308: מונדאַרטלעך spodnica, = לי-טעראַרישען spódnica „פרויענאונטערמלבוש, נעגליזש, פון סטאַן אַראַפּצוצו, געטראָגען אונטער דעם איבערשטען קלייד″; „טייל פון פרויענקוסטיום פון סטאַן אַראַפּצוצו″ א. אַ. וו.

סענדער. — אַנ׳ א ו נ ט ע ר ש ט ק ל י י ד ע ל″...[40]

קלמן. — אין וואַרשע: „אַ ה אַ ל׳ ק ע″...[14]

פוו″ב II 8: halka, „גרוב קוליִרט אונטערקליידעל″.— נאָכ׳ן נאָמען Halka (= Helena), די העלדין פון ס. מוניושקעס אופער.

סענדער. — אין די קוועלען קומען-פור: ו ו ל ע נ ע קליי-דער; ס אַ מ ע ט קליידער; אַ ז י י ד ע ן קלייד (קליידעל), אַ זיידען קלייד מיט אַ שלעפּע, „ווייסע זיידענע קליידער אויסגענייט מיט גולדענע און זילבערנע בלומען″, אַ גולדפאַרביק זיידען קלייד מיט ווייסע עפּעל; אַ מ אַ ט ע ר י ע ן קליידעל; אַ קליידעל פון רויט א ט ל ע ס; אַ קלייד פון בלאָען ק י ט אַ י; אַ מ י ש ל י נ ע ן[41] קלייד...

קלמן. — פוו″ב II 1078: muślin, (מונדאַרטלעך muszlin), „זייער דין און שיטער צייג פון באַמוועל, וואָל אָדער זייד″.—פראַנצייזיש: mousseline, פון איטאַלעניש mussolina, נאָכ׳ן נאָמען פון דער שטאָט Mosul אין קליינאַזיע.

סענדער. — ... אַ שוואַרץ מ אַ נ ט י נ ע ן[14] קלייד; אַ מ אַ-ר ו ט י נ ע ן[14] קלייד מיט שוואַרצע קוויטען;

אַנ׳ אַ נ ט י ק מ ו ר ע[14] קלייד; אַ קלייד פון ב אַ ש ט ש י ג[14]; אַ צ י צ ע ן קלייד (קליידעל); אַ ל י י ו ו ע נ ט ע ן קליידעל; אַ ב ע ז י נ ע[14] קורצע ספּודניצע... אַ קלייד מיט ש ל י אַ ר ע ס, אַ קליידעל מיט ש ל י אַ ר ק ע ל ע ך...

קלמן. — די אָפּשטאַמונג פון די וואָקאַבלען „מ אַ ר ו ט י נ ע ן″,

„ב אַ ש ט ש י ג", „ב ע ז י נ ע" — דאַרף ערשט נאָכגעפאָרשט ווערען.

סענדער. — ענדלעך: אַ ק ר י נ ו ל י ן,[42] אַ „קראַנולינע", אַ „ק אַ ר ד ו ל י נ י".

קלמן. — פוו"ב II 585: krynolina, „אַ מין אונטערקליי-דעל מיט רייפען (פון רער אודער שטאָל) אודער געשטיקט פון פערדהאָר, ווערט אָנגעטון, דאָס אייבערשטע קלייד זאָל ליגען ברייט און שטייף".

דאַל II 197: krinolin, „צייג פון פערדישע האָר; ק ל יי ד ל ע ך, אַ פעסעל פון ד ע מ ד ו ז י ק ע ן צ יי ג".

פון פראַנצייזישען crinolin.

„ק אַ ר ד ו ל י נ י" — איז אַ פאָלקסעטימולוגיע.

סענדער. — גאָר נאָך דער מודע איינופעיש איז געווען אַ ר ו ק.

קלמן. — דייטשישע באַצייכנונג פון פרויענקלייד.[43]

סענדער. — יונגע ווייבלעך, מיידלעך און מיידעלעך טראָגען אַ מ ו נ ד י ר ע ל[44] (פון ציץ, פון זיידענס).

קלמן. — „מ ו נ ד י ר ע ל" איז איבערזעצונג פון פוילישען mundurek, „קליינער מונדיר, דערהויפט פון שילער" (פוו"ב II 1068).—דורך דאָס דייטשישע Montur („איינאורדנונג, עקוויפירונג") פון פראַנצייזישען monter („איינאורדנען, בויען" וכ').

* * *

סענדער. — צום קלייד (קליידעל), וואָס איז דאָסאייגענע וואָס „ספודניצע", פלעגט מען טראָגען — אָפ'ן אייבערשטען קערפערטייל — „אַ ווע‌סט פון בלאָער מורע", „אַ גרידיטירנע ווע‌סט באַלייגט מיט געלע טאַשמעלעך", „אַ רויט וועסטעלע",—און די אַרבעל פון העמד, אַמאָל שטאַרק געבלאָזט, פלעגען זיין פריי...

קלמן. — ... ווי באַ די קלייַנרוסישע אודער פּוילישע פּוי־ערטעס ..

סענדער. — אודער מ׳פּלעגט טראָגען: אַ קופּטעלע...[45]

קלמן. — פּיסק 114: kofta (= spencer).—

דאַל II 182: kofta[46], „פּרויענרעקעל פון פאַרשי־דענעם שניט; בלוזע".

סענדער. — ... אַ ציצענעם סטאַניק.[47]

קלמן. — פּו"ב VI 391: stanik, „. אַ מין שנורוועקע אונטער׳ן קלייד, אַ גורסעטעל"; (מונדאַרטלעך) „אַ קלייד אָהן אַרבעל"; (מונדאַרטלעך) „אַ קלייִדעל מיט אַ סטאַ־ניק".

stanik איז דימינוטיוו צו stan [אין טייטש: „די פיגור, דער גאַרטעל, דער אייַנשניט אין גאַרטעל, די טאַליע אפ׳ן מענטשלעכען קערפּער"; „אפּ׳ן מלבוש דער טייל, וואָס קומט־אויס אפּ׳ן גאַרטעל פון מענטשלעכען קערפּער" (פּו"ב VI 387)]; פון דעם דאָס יידישע „סטאָן".[48]—אויך אין פּוילישע קומט־פאָר (מונדאַרטלעך) stón (פּו"ב VI 387).

* * *

סענדער. — פון הער אַרויס פּלעגט מען אָנטון אַ מור־גניאַקע.[14]

קלמן. — ד. ה. אַ „מאַטינע".

סענדער. — דער שטובגאַנג פּלעגט זיין: אַ ציצענער שלאָפראָק, אַ זיידען בלאָ שלאָפ־רעקעל.

קלמן. — ווי באַם מאַנצבעל.

* * *

סענדער. — די ווייבערשע פוסבאַקליידונג זאָקען, וויַיסע זוקען, זעקלעך פּופּעליאַטע, זיידענע זעקלעך, קראָמזעקלעך...[14]

קלמן. — זולען „קראָמזעקלעך" זיין „זוקען, געקויפט

א י ן אַ ק ר אָ ם״, — געגענזאַץ צו זוקען, „געאַרבעטע״ אינדער-היים?

אין מה״ד הוט די טײַטש: „אויפגעצויגען טוך, געצעלטדעק, באַזונ-דערס די באַדאַכונג פון אַ שטעל[49] אודער קראַמבויד[50]; סחורה; ד אָ ס, וו אָ ס א י ז געקויפט געוואָרען אין אַ קראָם, באַזונדערס אַ געקויפ-טע מתנה, אויך דאָס געלט פאַר אַזאַ מתנה״ (לעקסער 132).

סענדער. — ... פאַנטופעל „גרובע גוישע״ און „מודנע פאַנטעפעלעך״; „פאַנטופעל מיט בעשמיטע קורקעס״...[51]

קלמן. — פוו״ב II 475: korek, „אָנוואַקסעכץ, וואָס באַ-דעקט די שאָל אַפ׳ן אונטערשטען שטאַמטייל פון קירקענדעמב״; „פאַרשטופעכץ (צו פלעשער) פין קורקענדעמב-אָנוואַקסעכץ״; „אונטערלאָג (געמאַכט פון דעמזעלביקען אָנוואַק-סעכץ) אין שיך אונטער דער פיאַטע פון פוס״; „קנאַפּעל באַשיך״.—פין דײַטשישען Kork, ענגליש cork, וואָס שטאַמט פון לאַטײַנישען cortex (= „שאָל פון בוים, קורע״).

פיסק. 113: korki, „קנאַפעל״ (korkowi „tschoboty, „שטיוועל מיט הויכע קנאַפעל״).

וואָס „בעשמיטע״[14] הײַסט, ווײַס איך נישט.

סענדער. — ... „אַלטע שקראַבעס פונטופעל״... שיכ-לעך; „גלענצענדיקע שיך אַף סקריפקעס״; „שיך מיט קלעצעל״ (באַ „מודניצעס״); „שטיוועלעך מיט קולקעס״,[14] „מיט אָבזאַצען״, „מיט הויכע קנעפע-לעך״.

קלמן. — פוו״ב II 408: kołek, „הילצערנער צוויוק, שטיפטעל״.—דאַל II 145: kolok[52], „הילצערנער צוויוק״ וכ׳.

א. ב. ג. 323: „ווײַבער הובען דרײַ זעק: אַ נ׳ א ײַ נ ז אַ ק, אַ נ׳ אָ פ ז אַ ק און אַ נ׳ א ו י פ ז אַ ק״ („די דרײַ ,זעק׳ געפינען זיך אין דער טואַלעטע״).

סענדער. -- מודענאַכיאָגעריניס פלעגען אַרומשפּאַצירען אין

„שיך אָ ה ן ל ו ב[53], פון קורט, פון לאַסטיק", אודער אין „שיך אָ ה ן ט י ל ק ע ס"...[54]

קלמן. — פוו"ב II 821: lub, „האַרטע שאָל פון בוים, דערהויפּט פון ליפּע (לינדענבוים); בוימשאָל"; „הולץ, געשניטען פון לינדענביימער, פון יונגע דעמבעס, אודער פון זייער שאָל"; (אַף שוסטערלשון) „דער באַוועגלעכער טייל פון דער קאָפּיטע, וועלכער געפּינט זיך צווישען קנאַפּעל (אופּצאַס) און דער זויל (פּורעשווע)".

דאַל II 275: lub, „די אונטערשאָל, די אונטערשטע שאָל (קורע), וואָס דעקט-צו דאָס הולץ".

בווך 748: tył, „הינטערטייל, ריקען".—דימינוטיוו: tyłck.

סענדער. — אודער אין „ב ו צ י ק ע ס[55] פון סאַמעט".

קלמן. — דאַל I 122: botiki, „טיפּע קאַלושען" (אייגענטלעך, קאַלושען מיט הויכע כולעווקעס, געדעקט מיט טוך).—פון פראַנצייזישען.

פוו"ב I 241: bócik (ווייניק געברויכט), דימ. צו but (אַלטפּויליש און אויך יעצט מונדאַרטלעך: bot; ווייניק געברויט: bót), „שטיוועלע, שיכעל".—פון מיטעללאַטייניישען bot(t)a, פון וועלכען עס שטאַמט אויך דאָס פראַנצייזישע botte א. א. וו.

די יידישע „ב ו צ י ק ע ס" זענען, ווי ס'איז צו זען פון דער קוועלע: — ש י ך.[55]

סענדער. — פאַרצייטיקץ שיך פלעגען זיין—„פּ אַ ס ו ו ע".[14]

קלמן. — איבער דער עטימולוגיע פון דעם ביי־וורט דאַרף מען נאָך אַ קלער טון. אין די סלאַווישע ווערטערביכער איז עס נישט געבוכט, הגם די ענדונג איז אַ סלאַווישע.

זול דער אדיעקט זיין געמאַכט פון יידישען סיבסטאַנטיוו פּ אַ ס מיט דעם סלאַווישען סופּיקס owy? דעמאָלט וואלט די טייטש געווען: „פּ אַ ס מ ע ס י ק", „ווי אַ פּ אַ ס", ד. ה. ברייט, באַקוועם, וואָס מ'האָט אין דעם „הרחבה".

גיכער איז דער אדיעקט אַפּש־ אַרויסגעפּירט פון ווערב „פּ אַ ס ע ן"— גה"ד fassen, וואָס הוט, צווישען אַנדערע, אויך די טייטש: „געבען רוים פאַר

עפעס, אויפנעמען עס אין זיך" (זאנדערס 199).

סענדער. — אַ גוטעניידענס רעבעצין הוט זיך געצירט אין סאַמטענע גולדגעשטיקטע ט ו פ ל ע ל ע ך[14], מיט פערעל און בריליאַנטען באַזעצט, און אין „בערליאַנטענע" זוקענבענדלעך.

קלמן. — דאַל IV 456: tufjelj, tuflja (אַנגעווייזן, אַז גענומען פון דייטשישען), „פאַנטופעל, שטעקשיך, מעשטע, לאַטש, שיך אָהן טילוק, זויל מיט פרישווע"

טיאַנדער 1260: (מונדאַרטלעך) Toffel, „פאַנטופעל".— פלאַטדייטשיש: tüfln (מיט סונאַנטישען l) [גריממע 158].

* * *

סענדער. — דאָס ווייבערשע אייבערמלבוש: אַ מורענע (אודער ראַצעמורענע, אודער אַטלעסענע) י ו פ ע (א י פ ע, ה י פ ע),—אמאָל „מיט סאַמעטענע סטרוקעס", „מיט שטרוקעס"; אַ „י י פ ע" פון בלאָען קיטאַי, מיט האָזענפוטער אונטערגעשלאָגען; אַ י ו פ ק ע, אַ י ו פ ק ע ל ע, אַ „ה י פ ק ע-ל ע", „אַ קורץ י י פ ק ע ל ע"..[56]

קלמן. — ד. ה. אַ מאַנטעל, אַ מ ע נ ט ע ל ע, מיט אודער אָהן פוטער; אַ פאַלטען, אַ זשאַקעט.

ערשט די טעג הוט באַ מיר אַן אַלטע יידענע, אַ ווארשעווערגעבוירטיקע, געבעטען, צי קען איך איר נישט שאַפען „פון אמעריקאַנישען קומיטעט"—„אַ י ו פ ק ע ל ע", שבת אין שול אריין צו גיין...

סענדער. — דער שיק איז געווען צו טראָגען די יופע, דאָס יופקעלע — אַ ף א י ן אַ ר ב ע ל.[57]

קלמן. — אין „דיא בייזע מומע".. 9: „זיא לויפט אַרום מיט דעם י אָ פ ק ע ל ע אויף איין אַרבעל"..

סענדער. — ... אַ „ב אָ ר נ אָ ס", אַ „בורנאָס מיט ק ו ט אַ-סען"...[58]

קלמן. — פיו"ב II 651: kutas, „שמוקלערש באַפוצונג אין פורם פון אַ פענדזעל אויס פעדעם אודער שנירע-

לעך״.—פֿון טערקישען kutas אודער kutaz.

דאַל II 230: kutas[59], „שנור מיט אַ טרולד, אַנהענגערעל אַף אַ שנור, געפּרענדזעלט באַפּוצונג״.

סענדער. — .. אַ „באַרנוס (מאַנטעל) מיט קעץ״ אודער „מיט של יאַמעס״.[60]

קלמן. — אַלטפּויליש: szlamy, „די פעל פון די בייכער און זייטען פון פיקסען אודער לינקסען״[61]; „futro szlamowe“ (פּו״ב VI 632).

סענדער. — אַ „קאַפּוטע אַף איין אַרבעל״..

קלמן. — ווארפט זיך דורך, דאַכט זיך מיר, בלויז איין מאָל.

סענדער. — ... אַ שובע.[62]

קלמן. — פּו״ב VI 681: szuba, „לאַנג, ברייט אייבערמלבוש, מיט פוטער אונטערגעשלאָגען״.—דימ: szubka.

דאַל IV 667: schuba[63], „ברייט פוטערען אייבערמלבוש, מאַנצבעלש און ווייבערש״; „וואַרעמע קולדרע״ (אין ווולוגד. און קוסטרום. קאַנטען); „א טלעכס צודעקעכץ, צום וואַרעמען אודער צום אָפּהיטען״. — schabka, „פרויענפּיטערעל, קורץ, ביז-צו אודער ביז-איבער די קני״; „מאַנצבעלשע פּודיוווקע״ (קאַפּטען) [אין וורוניעזשער ג]; „פוטער אָהן אַרבעל; בעקעשעל, פּיטערעל, לייכט פוטערמלבוש״; „פרויענסאַראַפאַן בא די ראַסקולניקעס, מיט איין שורה קנעפּ״ (אין קורסקער ג); „סאַראַפאַן״[64] (אין מוסקוו. ג. און אין אַנד. געגענדען).

סענדער. — איך דערמאַן מיך — אין אַ יידיש פולקסלידעל:

„קימט אראָ די באָבי
אין די לאַנגי שאָבי,
קימט אראָ דאָ זאַידי —
טאַנצן אַלי באַידי״...

קלמן. — אַ „שובע״ הוט לוא דווקא געדאַרפט זיין מיט פוטער. אין וואַרשע הייסט נוך היינט — בא אַלטע

לײַט — אַ „ש ו פ ק ע״ דאָסאײַגענע, וואָס אַ „י ו פ ק ע״: אַ ווײַבערישער אײַבערמאַנטעל. פּאַלטען, אַ ווײַבעריש מענטעלע, זשאַקעטעל...

סענדער. — ... אַ „ס אַ ל י פּ״[65] פון ראַציִמורע״...

קלמן — פוו״ב VI 12: salopa, (ווײַניק געברויכט) salop, „לאַנג, ברײַט געווײַנטלעך וואַטירט פּרויענאײַבערמלבוש, מיט אַרבעל און מיט אַ פּעלערינע״.—פון דײַטשישען Saloppe.

דאַל IV 133: salop, „פּרויענאײַבערמלבוש, דאָס רוב וואַרעמער, אַ מין קײַלעכיקער אײַנהיל (פּלאַשטש); הײַנט הוט מען אים שוין פאַרביטען אַף בורנוסען, פּאַלטענס און פיטער־לעך (שובקעס)״.—פון פראַנצײַזישען.

טיאַנדער 1053: salop(p), בײַווּרט, „אומרײַן, קויטיק״.—Saloppe, ה״ו, זוולוגישער טערמין. — פון פראַנצײַזישען.

סענדער. — ... „אַ טײַערע ב י נ ד ע״...[66]

קלמן. — פוו״ב I 190: מונדאַרטלעך bonda און bunda, „ב ו ר ק ע, אופּונטשע, ב ו ר נ ו ס״; „אַ מין רע־קעל, קורץ פּעלצעל אָהן אַרבעל״.—פון אונגאַרישען bunda („פוטער״).

סענדער. — ... אַ „ל ײַ ב ט ע ק ע נ אַ ש ע ל״, אַ „וואַטאויע לײַבטיקענאַשיל אויף הײַקעליך״, „אַ זײַדען לאַפּטיקינאַשיל מיט טרעסטלעך״...

קלמן. — „ל ײַ ב ט ע ק ע נ אַ ש ע ל״ איז קומפּוזיטום; דאָס ערשטע גליד: „ל ײַ ב״; דאָס צווײַטע — אַ פרעמד ווערט, וואָס זײַן עטימולוגיע קען איך נישט דערגײַן.

סענדער. — אַ „שוואַרצער צ ו ה אַ י״[14] (אויבערמאַנטעל) מיט קעץ באַלײַגט״.

קלמן. — פוו״ב I 403: (אַלטפּויליש און אויך יעצט מונדאַרטלעך) c z u h a j, czucha, (אַלטפּויליש און אויך יעצט מונדאַרטלעך) czaha, (מונדאַרטלעך) czuja,

(מונדאַרטלעך) csuha און csaha, „ל אַ נ ג מ ל ב ו ש, מ י ט פ ו ט ע ר א ו נ ט ע ר ג ע ש ל אָ ג ע ן; פ ו ט ע ר; אופּונטשע, בורקע, סוקמאַנדעל, בונדע, קורטקע".—דורך דאָס אונגאַרישע csaha, csoha, פון טערקישען (שטאַמט אויס דעם פּערסישען) ezoha („געוואַנט").

סענדער. — אַ „איילקיטאַיענע ק ע ר ט ק ע"[67] און אַ פּאַס־קעלע"...

קלמן. — פוו"ב II :645 k u r t k a = kurta, „קורץ מלבוש, רעקעל, מאַריוואַרקע, שפּענצער".

דאַל II :227 k u r t k a, kurta, „קורץ מאַנצבעלש מלבוש אָהן פולעס, קיילעכיק; וועסט מיט אַרבעל, לייבעל".

פון לאַטייניִשען curtus („קורצער").

סענדער. — ... אַ כ אַ ל אַ ט... אַ ק אַ פּ ט אַ ן...

קלמן. — נוך ביישפּילען — פון אַלגעמיינע נעמען פאַר מאַנצ־בעלשע און ווייבערישע בגדים.

סענדער. — ...אַ ל יי ב ע ל, אַ „לייבעל מיט ווייס פוּ־טער"... אַ „ל יי פּ צ ע ר ד אַ ק"...

קלמן. — אָהן ציצית, נאַטירלעך...

סענדער. — ...אַ י אַ ק..[68]

קלמן. — פוו"ב II :127 j a k (מונדאַרטלעך), jaka = (מונדאַרטלעך), „אַ קורצער שפּענצער, ענלעך צו אַ זשופּאַן; קאַפּטען".—פון דייטשישען Jacke.

טיאַנדער 671: Jacke, „רעקעל; קאַזאַקין; קינדערקלייד, רעקעלע".—פון פראַנצויזישען.

סענדער. — ... אַ מ אַ נ ט ע ל, „אַ סאַמעטענער מאַנטעל", „אַ סאַמעטענער מאַנטעל מיט וואַטען", „אַ סאַמעטענער מאַנטעל אַף שליאַמעס (פּיקסלעך)"... אַ גוטעניינדענס ווייב פלעגט פאַרמאָגען אַ מאַנטעל אַף קאַטשענע קעפּלעך..

קלמן. — „מ אַ נ ט ע ל“ איז אין די קוועלען אויך אַ מודע־רען ווורט.

לעקסער 155: mantel, „מאַנטעל אלס מלבוש פון מאַנצבלען און פרויען; איבערציִעכץ פון אַ פוטער“... — מיטעללאַטייניש: mantellus, לאַטייניש: mantellum.

סענדער. — ... אַ זײַדענע פ ע ל ע ר י נ ק ע...[69]

קלמן. — פיו״ב IV 105: pelerynka, דימ. צו peleryna׳ „ק ו ר ץ פ ר ו י ע נ מ ע נ ט ע ל ע אָ ה ן אַ ר ב ע ל; אַ מין קראָגען אַפּ׳ן מאַנטעל, פון קולנער ביז צו די עלנבויגענס אודער קירצער“.—פון פראַנצייזישען pèlerine.

דאַל III 25: peljerinka, „זעלבסטשטענדיקער קײַלעביקער פרויענקראָגען, שוין אַ־ויס פין דער מודע“.—פון פראַנצייזישען.

סיאַנדער 947: Pelerine, פון פראַנצייזישען.

סענדער. — „אַ זײַדענע פּעלערינקע אויסגענייט מיט ג ר אַ נ אַ ט ע ל ע ך“.[70]

קלמן. — דער מ י ל ג ר ו י ם פלעגט אין רוים הייסען: „Malum Punikum“ („פונישער עפּעל“); אובער אויך פון וועגען דער גרויסער צאָל קערלעך: „Malum granatum“ („געקערעלטער, קערעלדיקער עפּעל“), אודער בלויז: Granatum.—דערפון: איטאַלעניש Melagrana, פראַנצ. Grenade, שפּאַניש Granada, דייטשיש Granate און Granatapfel (קלײַנפּאַול 67), פויליש granat (פיו״ב I 899).

סענדער. — ... אַ ו י ז י ט ק ע[14]....

קלמן. — אַנאַלוגון צום מאַנצבעלשען ו י ז י ט ר ו ק.

* * *

סענדער. — אַף דער ברוסט—אַפּ׳ן „האַרץ“—אַ „ב ר ו ס ט ו ך“[14] פון רויטען אודער בלאָען גרעדעטיר, פון ציץ; „אַ קלײַן שמאָל ראַצימורען ב ר י ס ט י כ ע ל באַלייגט מיט

שפאַניִרלעך״, „אַ בריִסטיִכעל מיִט שפאַניִרגולד״, „אַ בריִסטיִ־כעל פון גולדענע צווערען״, „אַ שמאָל רויט בריִסטיִכעל מיִט אַ טרעסטעלע באַלייגט״, „אַ גולדגעשטיִקט ברוסטטוך מיִט פערעל און דיִמעטןן באַלייגט״, „אַ ברוסטיִכעל מיִט פליִטערלעך״, „אַ בריִסטיִכעל באַלייגט מיִט אַ שלייטש־קיִלע״...[70]

קלמן. — טיִאַנדער 250: Brusttuch, „קוסיִנקע,״[71] וואָס דעקט־צו דעם בוזעם״.

„שלייטשקיִלע״[72] דאַרף געלייענט ווערן: „שליאַטשקעלע״.

ס׳איִז איִמיִנוטיִוו צום פוילישען szlaczek, „שלעקעל״, וואָס איִז דיִמיִנוטיִוו צו szlak[73] („אַ שטרייף באַם ברעג, באַ דער זוים, פון אַנ׳ אַנדער קוליִר אודער דעסען, ווי דאָס גאַנצע; ליאַמעווקע, ראַנד; טאַשמע, טרעסט״).—פון מה״ד (לעקסער 231) slac (פור״ב VI 630, 632).

* * *

סענדער. — צום ייִדיִשען פרויענטואַלעט הוט אויך געהערט אַ פאַרטעך... „אַ ציִצען פאַרטעך שטאַרק אָנגעקרוכמאַלעט״...

קלמן. — פור״ב II 555: krochmalić, „צוגעבען, צוטון קרוכמאַל״. — פון ה״וו krochmal (— דעם דייטש. Kraftmehl).[74]

סענדער. — ... „פאַרטיִכער מיִט קווייטען״... אַ וויים מיִש־ליִנען (אודער „מושליִנען״) פאַרטעכעל... אַ קונטיִנאַרען[14] פאַרטעך...

קלמן. — די עטיִמולוגיִע פון „קונטיִנאַרען״ איִז מיִר ניִשט קלאָר. אַלענפאַלס איִז עס אַ פרעמד ווורט.

* * *

סענדער. — דאָס ייִדיִשע ציִרונג: אויריִנגלעך,[75] די־מענטע אויריִנג, „בורלאַנטענע אוריִנגלאַך״; „לאַנגע אַלטמאָדיִשע״, „אַראָפהענגענדיִקע״, „אַראָפגעהונגענע״

אוירינגלעך... פון דיקען ווערען מיר געוואָר, אַז מ׳האָט גע-טראָגען „צ ווי י ע ר ל י י אוירינגלעך" („איין פּאָר אין די אוירען, די אַנדערע פּאָר אָנגעטשעפּעט אַביסעל העכער, אָן די טשיפּ-קעס"), און אפילו „ע ט ל ע כ ע ר ל י י פּאָר אוירינגלעך"...

ווייטער: פ י נ ג ע ר ל ע ך,[76] ר י נ ג ל ע ך... אין די קוועלען קומט-פאָר „אַ ק ר אָ מ פּ י נ ג ע ר ע ל אַ ף ה ע ק ע-ל ע ך"...[77]

קלמן. — פרעג מיך בחרם, וואָס דאָס הייסט.

סענדער. — אַפּ׳ן האַלדז — פּ ע ר ע ל...[78] א ו ר ל י אַ נ ע ר[79] פּערעל...

קלמן. — ד. ה. א ו ר ל ע אַ נ ע ר... אורלעאַן — שטאָט אין פראַנקרייך.

סענדער. — „פּערעל אַ גאַנצען בונד", „אַ גאַנצעס בינט פּערעל", זוגאַר „12 שנור פּערעל מיט אַ גולדענעם פּ ו ר מ אַ ר מיט די טייערסטע בריליאַנטען".

קלמן. — אַפצולהכעיס דעם יידישען שפּריכוואָרט, וואָס זאָגט: „פּערעל אַפּ׳ן האַלדז — שטיינער אַפּ׳ן האַרצען" (א. ב. ג׳ 2834)

סענדער. — באַ דיקען: „אַ זמוט[14] פּערעל", „זמוטען פּערעל..."

קלמן. — די עטימולוגיע פון „ז מ ו ט" דאַרף ערקט געפורשט ווערען.[80]

אין ריזשאַן (לומז. ג.) הייסט עס: „אַ פּ ו ס ט פּערעל" (ד. ה. עטלעכע שנירלעך פּערעל צונויפגעבונדען). — טיאַנדער 974: Posten (פון פראַנצייזי-שען), „... אַ געוויס קוואַנטום פון עפּעס"...

סענדער. — ... ק ר ע ל ע ן, „שניר קרעלען", „שנירלעך קרעל"...[81]

קלמן. — פור"ב II 471: koral; דאַל II 163: korál; טיאַנדער 751: Koralle, Korall; לעק. 130:

koralle, koral; מיטעללאַטײניש: corallus; לאַטײניש: coralium. — אַלע פֿון גריכישען korállion.

„סטעמפעניו" 63: „אַ ב ײַ ט ש קאַרעלען".—אויך אין פּוילישען (מונדאַרטלעך): „bicz korali" (פּוו"ב I 146).

דאָס דײַטשישע Peitsche (באַקאַנט אין מזרחדײַטשלאַנד, אין שוואָבען און אין מערבדײַטשלאַנד אומבאַקאַנט) שטאַמט פֿון 14.-15. יאָרהונדערט, און איז אַרויסגעוואַקסען פֿון טשעכישען bitsch (פּויליש: bicz) [קלוגע 338]. — דער יידישער וואָקאַבעל, ווי דער אַנלויט=בּ-, רעכען איך, ווײַזט, איז אַרויסגעפֿירט דירעקט פֿון סלאַווישען, נאָך איידער מה"ד î איז אין יידישען איבערגעגאַנגען אין אײַ, אַ, אַא (זע „זאַמ." II 301 א. א. וו.).

סענדער. — ...„גולדענע קייטען[82] ביז דער פּאַסניצע"...

קלמן. — דאַל III 388 pojasnica[83], „לענדען, טאַליע פֿון דעם מענטשלעכען קערפּער, קווערער פּאַס איבער דעם קרײַצבײַן, אַף די לעצטע ריקענבײַנדלעך (שדרה-גלידער), צווישען די ריפּען און דעם בעקען".

סענדער. — ... אַ גרובע גילדענע קייט מיט אַ זייגערעל"... אַ ג ו ר ג ע ל ק ײ ט...[14] אַ ה אַ ל ד ז ב אַ נ ד...[84] אַ „ק אַ נ י ק"[14] („קוניק"), אַ „גולדענער קאַנעק", „אַ קונעק אין פֿיר ר ו נ ד ע ן"...[85]

קלמן. — פּוו"ב II 228: kanak, „אַ טײַערער פֿרויען-האַלדזבאַנד". — פּיסק. 100: kanak, „האַלדזבאַנד, קייט". — פֿון טאַטערישען kânak.

פּוו"ב V 561: rond, ווײַניקגעברויכלעך (פֿון פֿראַנצייזישען ronde, דײַטש. Runde), = rondo (פֿון פֿראַנצ. rondeau), „דער ברייטער ברעג (ראַנד) פֿון קאַפּעליוש אַרום דעם קעפּעל".

„אַ קאַנעק אין פֿיר רונדען" הייסט אַ האַלדזבאַנד פֿון 4 רעדער (רינגען, רייפֿען).

סענדער. — דיק הוט הנאה געהאַט, ווען שטאָט דעם שווערען רײַכען שמוק הובען יידישע פֿרויען געטראָגען אַפּ'ן האַלדז בלויז „ל ײַ כ ט ע ז ײַ ד ע נ ע פּ אַ צ ײ ל ק ע ס".

קלמן. — אַ בלויזער האַלדז — אָהן שום צירונג — איז אין יענע צײַטען בּאַ

וואָס טעכטער געווען אַ אומפאַרשטענדלעך פּשטות.

סענדער. — לעבען „קאַנעק“ גייט אין די קוועלען אויפט: „אויבעל“[86] (אָדער „נויבעל“)..

קלמן. — פוו״ב III 493: obol, „אַ גריכישע מינצמטבע“. — פון גריכישען obolós.

אַנ׳ אויבעל פלעגט, ווי ס׳שיינט, געטראָגען ווערען אַ פּ׳ן קאַנעק, ד. ה. אָנגעהונגען פונפורענט אַף דעמדוזיקען מין האַלדובאַנד.

סענדער. — איין מאָל ווערט דערמאַנט אַ שוילשטיק...[14]

קלמן. — אין דרילטש (ראָדעמ. ג.) הייסט דאָס מין יידיש שמוק: „שולשטיק“. ווי אַ דורטיקער יונגערמאַן הוט מיר אין יאָר 1915 מיטגעטיילט, דערציילען אלטע לייט, אז דאָס זול זיין אַנ׳ אָראָפּגעפאַלענער שטערען; לויט זייער מיינונג, ברויך זיך געפינען צווישען די עלטערע פאַמיליעס פון דער פּראָווינץ אַסאַך אַזעלכע שולשטיקען. ס׳איז אַ שטיק זילבער, עטראָגען פאַר אַ צירונג.

א. מ. ווייסענבערג, ווידער, הוט מיך פאַרזיכערט, אַז אין גשעלעכוו (ג. שעדלעצ. ג) פלעגען אַמאָל (הייַנט שוין נישט), ווייבער, זגייענדיק אין שול אריין, טראָגען, אַף אַ בענדעל אָנגעהונגען אַף דער ברוסט, אַ שורענשטיק, אַלס צירונג. — ס׳איז געווען אַ קיילעכדיק גולדען בלעך, גרויס ווי דאָס מויל פון אַ טייגלאַז. דער באַסטרעף דערפון פלעגט זיין אַ 60—70 רובעל.

סענדער. — אַף דער ברוסט — אַ ברוש[87] (אַ „בריליאַנטענער ברוש“), אַ ברושעל, אַ ברושעק...

קלמן. — פוו״ב I 209: brosza, „אַ גרויסע אָנזעעוודיקע ברוש“. — broszka, „אַ גרויסע צירשפּילקע, מיט אַ העקעלע פון הינטען צום פאַרשפּיליען אין פרויענשטאַט אונטער׳ן האַלדז און אַף דער ברוסט“. — פון פראַנצייזישען broche.

דאַל I 132: broschka, „אַגראַף, זאַפּינקע, שנול, שפּרונטשקע; איינפאַסונג, איינפאַסעכץ, אַ שפּילקע ווי אַ שנול“. — פון פראַנצ.

טיאַנדער 246: Bro(s)che. — פֿון פֿראַנצ.

סענדער. — אַף די הענט „בראַסליעטען", „ברוני־ זיליעטין"...[88]

קלמן. — שטאַמט פֿון פֿראַנצייזישען.

סענדער. — אגב, בא דיקען[89] וואַרפֿט זיך דורך: „בורלאַנטען", „בורלאַנטענע"; בא ליִנעצקין[30]: „בערליאַנטע־ נע". — מיט וואָס עסט מען דאָס?

קלמן. — דאָס אַלטפֿראַנצייזישע brillant איז אַריבער אין אַ סך אייראָפּעיִשע שפּראַכען. — טיאַנדער 243: Brillant (ה"ו: „בריליאַנט"), brillant (ב"ו: „גלענצענדיק, הערליך"). — פּוו"ב I 215: brylant, (אַלטפּויליש) bryljant, „געשליפֿענער דימענט". — דאַל I 130: brilijant. — רוסיש brylant; ליטוויש: briljantas; לעטיש: briljants (זשו"ב 72 פֿ). — מורעט־זאַנדערס 128: brilliant.

ליפֿ.: „בריליאַנט" (צווייטער i לאַנג); „בריליאַנטירט" (צווייטער און דריטער i לאַנג); „בריליאַנטען" (ב"ו); „בריליאַנ־ טעווען" (= „בלישטשען"); „בריליאַנטשיק". — ליפֿ. II 21: „בריליאַנט", „בריליאַנטען". — הירוו.: „בריליאַנט"— האַרק.: „בריליאַנט", „בריליאַנטענער". — דריי. 37: „בריליאַנט", „בריליאַנטשיק". — זשו"ב 73: „ברי־ ליאַנט".[91]

פֿורמען מיט בור־ זענען פּאָפּולעריש בא דיקען[92]; מיט בער־ בא ליִנעצקין.[93] — דידוזיקע געשטאַלטען קימען בכלל אויס פֿור בא ייִדישע פֿולקס־ שרייבער.[94] — מיר האָבען דאָ פֿאַר זיך: דערשיינונג פֿון מעטאַטעזיס.[95]

* * *

סענדער. — נאָך „זאַכעניִשען"[96] אויס דעם דאַמענטואַלעט פֿון דער נייער צייט: אַ גורסעט...[97]

קלמן. — פּוו"ב I 877: gorset, „אַ מין געפּאַסט סטאַני־ קעל מיט פֿישביין, שנורוועקע". — פֿראַנצייזיש: corset.

דאַל II 172: korsjet; טיאַנד. 754: Korsett.

סענדער. — ... „שנורוועקס[98] זיך איינצושנורעווען"...

קלמן. — פּוו"ב VI 644: sznurówka, „אַ פֿרויענסטאַניק

צונויפגעצויגען פונפורענט מיִט שנירלעך, די פּיִגור
זול אויסקומען שלאַנקער״. — sznurować, „צונויפּציִען, אײַנציִען,
קרעמפּעווען מיִט א שניִרעל, מיִט אַ טאַשמע, וואָס איִז דורכ-
געצויגען דורך עפּעס״ (שנורעווען... „אַ סטאַניִק, אַ גורסעט,
שיִך״...). — פון דײַטשיִשען Schnur, schnüren.

דאַל IV 661: schnurowka, schnurowatj.

סענדער. — ... אַ „ש ט אַ ל י ק ע ל ע״...[99]

קלמן. — ?!

סענדער — אַ זײַדענער וו ו אַ ל...[100]

קלמן. — פּוו״ב VII 787: waal, „שלייער״. — דער I 280:
waalj, „פּנים-שלייער, דעקטוך״. — פון פראַנצייזישען.

סענדער. — ה א נ ט ש ע ן, ה ע נ ט ש ק ע ל ע ך... „גומענע
ק אַ ל ו ס ע ן״... אַ ז ו נ ט י ק ע ל... אַ מ ו פ-
ט ע...[101]

קלמן. — דאַל II 369: mufta, „פוטערנער אודער גע-
שטעפּטער מאַנקעט, אַרײַנצושטעקען די הענט פון
בײדע זײַטען״ — פּוו״ב II 1066 (יוייניִק געברויכט)
mufta, „מאַנקעט, וואָס פרויען געברויכען צו באַהאַלטען די
הענט פאַר קעלט״. — פון דײַטשיִשען Muff.

סענדער. — אַ פּ ע כ ע ר... נ אָ ז ט י כ ל ע ך... „א ב אַ-
ט ע ס ט ע נ ע[102] נ אָ ז פּ אַ צ יי ל ק ע, באַזוימט
מיִט אַ גולדענעב פרענג״...[14]

קלמן. — פּוו״ב 105: batyst, „אַ מיִן זייער דין לײַווענט״.—
דאַל I 54: batist, „דאָס דיִנסטע צײַג פון לײַן
אודער פלאַקס, באַזונדערס פון לעצטען; דאָס דיִנסטע לײַ-
ווענט״. — טיִאַנדער 158: Bat(t)ist. — פון פראַנזייזישען.

פּוו״ב IV 1001: pręga, „שטרייף, פּאַסעק, שטרײַך,
ליִניִע״.

סענדער. — ...קרײַנדעלעך...[103] קרוזשעװקעס... [14]

קלמן. — דאַל II :205 krushewo[104], „געפּלוכטען, דע-
סענדיק און לעכערדיק באַנד, טאַשמע, פֿון גאַרען,
באַמװעל, זײַד, גאָלד".

סענדער. — אַ יונג װײַבעל באַ אַקסענפּעלדען הוט „דאָס
מויל אונטערגעבונדען מיט אַ רויט טשים-
בירעל"...

דער אויסשטײַער פֿון אַ כלה הײַסט: „פּװילע"...[105]

קלמן. -- אומבאַדינגט אַ סלאַװיש װורט.

* * *

סענדער. — דער איבערבליק איז געװען אינטערעסאַנט.
אַ גאַנצער קומענטאַר צו דער ייִדישער
ליטעראַטור...

קלמן. — צו איין עלעמענט אירען...

סענדער. — אובער װײַסטו, װאָסער געפֿיל איך טראָג אַרויס
פֿון אונדזערע ביזאַיצטיקע שמועסען?

קלמן. — אַן׳אוקס הוט הערנער, זול ער זיך שטויסען...[106].

סענדער. — ...אין אַן׳אָרעמען אַרבעטערשטיבעל — הוב
איך אַמאָל געװען — אין אַ קלײנן שטעטעל—
דוך איין ריין צימערעל, כמו װי אַ סאַלון אין נגידישע
הײַזער..

קלמן. — אין קרעמעניץ הײַסט עס: דער זאַל[107]; אין
װאַרשע: די סאַלי...[108]

סענדער. — ...אינמיטען אַ קײַלעכיק טישעל, און אַף אים—
אַ טישטעך.

שטעל דיר פֿור: אפשר אַ יאָר צװײ הוט מען באַ אַלע
שנײַדערס און שנײַדערינס אין שטעטעל געקליבען שמאַטקע-
לעך און לאַטקעלעך, װעלענע, זײַדענע, באַמװלענע, ציצענע,

קורטענע באַרכטעטענע, — פון אַלע מעגלעכע דעסענס און קולירען, — און פון דידוזיקע שמאַטקעלעך און לאַטקעלעך, איטלעכס ווי אַ זילבערנער רובעל די גרייס, איז מיט גרויס פלייס צונויפגעשטיקעוועט געוואָרן אַ טישטעך — דאָס צירונג פון דער אָרעמער אַרבעטערשטוב.

אין דער אַרבעט שפירט זיך אַרטיזם. אָבער דו װאָלסט פּורט אַזאַ טישטעך נישט אַוועקגעלייגט באַ דיר אין שטוב...

קלמן. — נישט אומזיסט זאָגט די וועלט: „ש כ ל א י ז ט י ע ר ע ר ו י ז א פ ר ע ן".[109]

סענדער. — מאַכסט פון מיר פענזע?[110]

קלמן. — חלילה! דער משל איז בפירוש נישט שלעכט.

אין אַלטערטום פלעגט אַ משל אַמאָל פאַרטרעטען אַ גאַנצען טראַקטאַט. הוב נישט קיין פאַריבעל, ווען איך וועל דיר ענטפערען מיט אַ משל.

אין פּאַוויאַק איז מיר אויסגעקומען צו זען, וויאַזוי תפיסה־ניקעס מאַכען אַרטיסטישע קלייניקייטען — ווייגערשיכלעך, בוקעלעך, אַשטעצלעך וכ׳ — פון שוואַרצברויט. מ׳ווייקט עס אין וואַסער אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ ליימיקע מאַסע. ציפּט מען פון איר אָפּ שטיקלעך און מ׳לייגט זיי אין קוואַרכען מיט פאַרשידענע פאַרבען. קומען אַרויס רויטע שטיקער טייג, און בלאָע, און גרינע, און דעס־גלייכען. מ׳קנעט זיי אַלע גוט צוזאַמען, און פון דעמדוזיקען שטוף אַרבעט מען ערשט אויס כלערליי זאַכעניעען מיט מערקווירדיקע פאַרשידענקוליריקע דעסענס און דאָס אינטערע־סאַנטע אין זיי איז: די גרונטקולירען שטעלען זיך זעלטען ווען אָפּ; די פאַרשידענסטע פאַרבען מישען זיך אויס, און געבען אַ גאַנצע גאַמע שופטילע האַלבע־טענער, פּזרבען־ניואַנסען, וועלכע לויפען אין פאַנטאַסטישע ווייכע שטרייפען מיט צו־שווימענע קונטורען, וויקלענדיק זיך שלאַנק און פלעכטענדיק זיך פריי, אָהן שום שאַרפע איבערגאַנגען; איין שאַטירונג גייט אומבאַמערקט איבער אין אַן׳אַנדערע; וועסט נישט אויסטיילען איין פאַרב פון די איבעריקע. דאָס גאַנצע איז אַן׳אַמאַלגאַמע, אַ סימפונישע פאַרבענשפיל, אַן׳אינטעגראַליש ביילד.

סענדער. — אַנ׳אַנטיטעזע צו מיין טעזע. זאָגט, אובער, דער דייטש: „אַלע פאַרגלייכענישען הינקען“.

קלמן. — ווענד-אָן דעם כלל קודם כל צו דיין אייגענעם משל, וועלען מיר קענען ווייטער רעדען.

סענדער. — אין דעם פאַל וועל איך גישט זיין קיין עקשן...

קלמן. — הוסט קיין אַנדער ברירה נישט, וואָרען „אַנ׳עקשן פאַלט תמיד אין דער בלוטע אַריין“.[111]

סענדער. — ...איך וואַרט נור, זולסט מקיים זיין דיין צוזאָג. דער עטיוד וועגען דער יידישער טראַכט הוט דוך געזולט זיין נור אַנ׳אוווערטיור.

קלמן. — איך בין גרייט זיך צו נעמען צום סמיטשיק.

סענדער. — נור אַזוי ווי כ׳אייל מיך היינט גאָר שטאַרק, און מורגען בין איך אויך פאַרנומען, לייגען מיר אָפּ דעם קונצערט אַף מיטוואָך.

קלמן. — בלי נדר. —

אַנמערקונגען.

צום ערשטען דיאלוג.

1) ליפ.; ליפ. II 142; הורוו; הארק.; דרייז. 53, 222. — דער וואַקאַ־בעל קומט־פאָר שוין אין „קיצור עמודי גולה" (קראַקע 1579). — אין פּ י אָ ס ק (לובל. ג.) קוכט מען תשעה־באב „ב ר א י ט י ל ו ק ש ע ן" (אין רייַן וואַסער), און מ'עסט זיי מיט פּוטער. —

2) ליפ., הורוו., דרייז. 437: „מ אָ ל צ ײַ ט"; הארק.: „מ אָ ה ל־צ ײַ ט". — י. מ. ליפשיץ, „אַ וואָלוועלער ביסין" (ווילנע 1892) 9: „אַ חתונה, אפילו זייער איין אָרעמע, אָן כלי זמר, אָן אַ מ אָ ל צ ײַ ט". —

3) ליפ.: „ו ע ט ש ע ר ע" (= „אָוענדעסען, נאַכטעסען, אָוענט־ברויט, נאַכטמאָלצייַט"); אויך הורוו., הארק. — ליפ. II זעצט־איבער ushin מיט: „די ו ע ט ש ע ר ע, דער ב אַ נ אַ כ ט י ג ע ר מ אָ ל צ ײַ ט"; דרייז. מיט „די ו ע ט ש ע ר ע". — דאל I 192: wjetscherja. —

4) ליפ., הורוו.: „ד נ ו"; ליפשיץ II זעצט־איבער dno מיט: „דער ד נ ו; ג ר י נ ט (פון אַ וואַסער)", און דרייז. מיט: „אַ ג ר י נ ט, אַ ד נ ו". — הארק.: „ד נ ו" (סינג.), „ד נ ו ע ן" (פּל.).

„יידישער פּאַרפּסח" 90: „עס איז טאַקי עפּעס אַ קישקע אָהן אַ ד נ אָ ה".— פּרץ, „שריפט ן" VII (וו. 1912) 19: „פעסטער צוגעדריקט צו דער ד נ אָ פון שיסעל". — „דער עולם התוהוניק" 127: „דער בעדער האָט דאָ אריינגע־זעצט זיין נייעם ד נ אָ אין דעם עמער", — בן־עמי, „די קינדערשע יאָהרע" („פ.־ב." I 192): „אויף דעם ד נ אָ פון דעם לאָקשענטעפּעל". — „דאָס חסידישע יינגעל" 75: „אַ לאָקשענטאָפּ, אַ ד נ אָ פון אַ דייַשקעלע".

מאַקמאַן 39: „גאַנץ הינטין אויפין ד נ אָ י, אין אַווינקיל באַן ודראַי"... — „יאַנקיל בחור" 7: „ער האָט גילויבט יעדי מלאכה אין האָט גיזאָגט, אַז די מלאכה האָט אַ גילדינעם ד נ אָ י (בוידען)". — אויך אין „כיפורי מעשיות" (ווAR. 1881) 30: „ד נ אָ י" („דנוי").—

דאל I 453: dno, „אונטען, א ו נ ט ע ר ש ט ע ר ט ײַ ל פ ו ן ע פּ ע ס אַ כ ל י, פון אַ פּאַרטיפעניש" וכ' (היפך פון „דעקעל"). — פּור"ב I 467: dno, (פון זאַכען, וואָס הובען אַ פּאַרטיפונג) „די א ו נ ט ע ר ש ט ע פּ ל אַ ט ש, די אונטערשטע וואַנט, דער אונטען" („דנו" פון אַ פּלאַש, טופּ, פאַס, שיף, ברונעס, טייַך וכ'). —

5) הארק.: „דעק" (= „איבערדעק, צודעק, צודעקעכץ; ב ו ד ע ן, ג ר ו נ ט, ד נ ו פון עפּעס, אָ פּ ג ר ו נ ט פון אַ וואַסער; דעק פון אַ שיף"); „דעקע" (= „איבערדעק, צודעק, צודעקעכץ; קולדרע").

בא ליפ. איז „ד ע ק": „יאַך, דעקעל, פּוקרישקע, איבערדעק, צודעק. צודעקעכץ"

„עוזר צינקעס אינ דיא ציג" 25: „אויס געטרונקען דעם בעכער וויין ביז דעם ד ע ק". — „הגיון בכנור" 53: „דיא שיסיל יוך אַז מיא שטעלט אוועק, נעם איך פריער דיא פעטע אָפּ שעפּין, דער נאָך לאָז איך מיר אראָפּ צ ו ם ד ע ק דיא גידיכטע לאָקסין צו שלעפּין".

אַ נ מ ע ר ק ו נ ג ע ן (1).

אין ק ו ר מ י (מולעוו. ג. ראטשוויו. ק.): „ד ע ק" (= „דנו").

זאנדערס: Decke, „עפּעס, וואָס דינט צום דעקען, באַדעקען אודער פאַרדעקען, איז מייסטענס ווייך און בייגעוודיק, און לייגט זיך אויס לויט'ן באַדעקטען קערפּער"; „איינבונד פון אַ בוך וכ'"; „פון דער בייגעוודיקער (וואָס לייגט זיך צונויף), אויווען אָנגעצויגענער דעק פון אַ געצעלט איבערגעטראָגען אויך אַף דעם ראַרטען, שטייפען סופיט (סטעליע, פולאָפ, באַלקען) אין צימערן אודער בנינים". — Deck (אַף אַ שיף), „די הוריזונטאַלישע ברעטערבאַדעקונגען פון די פאַרשידענע שיפגאָרענס" (ווען מ'גייט אַף זיי פון אויווען, זענען זיי „פּודלוגעס", „דילען").

„ד ע ק" אין דער טייטש „ד נ ו", „ג ר ו נ ט", איז, אַלזו, יידישע שאַפונג. —

6) מה"ד boden („בודען, גרונט") איז פורגעשטעלט אין ייד. אין 2 געשטאַלטען: מער=ווייניק אַלגעמיין-יידיש איז „ב ו י ד ע ם" (= „די פּודלוגע פון חלל אינטער'ן דאַך", „דערדויקער חלל גופא"); זע „זאַמ." II 214, 216פ, 219פ., 222, 231, 235, 237פ., 342פ., 347פ., 350. — פוילישיידיש (צ. ב. אין וואַרשע, פלוצק וכ') איז „ב ו ד ע ם" (= „דנו"); אַנאַלוגיש נה"ד: „באַ זאַכען, וואָס נעמען עפּעס אַריין אין זיך, זענען עפּעס כולל, הייסט די אונטערשטע פּלאַטש, אַף וועלכער דאָס עפּעס ליגט, Boden (צ. ב. Boden פון ים, פון צימער, פון פאַס, פון קויש, פון זאַק, פון קעסטעל)" [זאַנדערס 116].

די צייטונגסשפּראַך הוט איבערגענומען פון דייטשישען: „ב ו ד ע ן", אין טייטש: „דער פעסטער גרונט אונטער אונדזערע פיס" („דער פּלאַץ, אַף וועלכען מיר שטייען"; „די ערד"; „אַ באַשטימט לאַנד"; „אַ טייל פון דער ערד נוך זיינע נאַטירלעכע אייגענשאַפטען"); (איבערגעטראָגען) „שטאַנדפּינקט, יסוד; דאָס, אַף וואָס עפּעס שטייט, פון וואָס עפּעס קומט=אַרויס; פעלד, געביט". — אין דער לעבעדיקער פוילישיידישער שפּראַך איז פון דעם „ב ו ד ע ן" אויס דער צייטונגסשפּראַך געוואָרען: „ב אָ אָ ד ן" (buudn).

אין וואַרשע, אַלזו, הוט אַ הויז (אַ שפּייכלער, אַ שייער, אַ שטאַל): אַ „ב ו י ד ע ם"; — אַ גלאָז (אַ קעלישעק, אַ טעלער): אַ „ב ו ד ע ם";— אַ פּרובלעם שטעלט מען אוועק: „אוף אַ גיזינטן ב אָ אָ ד ן".

שאלה'דיק איז דער קורצער O אין אופענער זילב אין „ב ו ד ע ם"; זע מיין צי"וו I 38,49.

וועגען דעם איבערלאַנגען u איז „ב אָ ד ע " זע מיין „קונס". I 33.—

7) פּופּולעריש אין וואַרשע, לודזש, ביאַליסטוק א. אַ. וו.: „מ ש ה ק אַ פּ ו י ר" — איינער, וואָס איז תמיד פּרינציפּיעליש אין אופּוזיציע; ער מוז שטענדיק זאָגען פּינקט פאַרקערט ווי אַנדערע.

דער נאָמען מ ש ה קומט פור אויך אין אַנדערע ענלעכע פולקסרעדענס-אַרטען.

אַף אַ דל-גאה זאָגט מען אין וואַרשע און אין אַנדערע פוילישיידישע שטעט: „מ ש ה-ג ר ו י ס".— דיאייגענע רעדענסאַרט געברויכט מען פון אַ נאַרישען בעל-גאווה, פון אַ נישטעל, וואָס בלאָזט פון זיך.

איגנאַץ בערנשטיין 2768 רעגיסטרירט: „אַלצאײנס משה פאַרדי!“ (זאָגט מען מײסט אין לעמבערג, ווען אײנעם איז שוין אַלצאײנס, וואָס ס'וועט מיט אים געשען).

אין „ערשט. ייד. רעקרוט“... 12: „איך בין דאָס גאָר נישט משה מחויבֿ!“ (ד. ה. נישט מחויב). — די רעדענסאַרט איז פאַרשפּרייט אין פּוילען. ווען אײנער פאַרלאַנגט פון צווייטען אַ טובֿה נישט מיט בקשה, נור גלייך ווי ענער איז עס מחויב צו טון, זאָגט יענער: „וואָס, בין איך אַ משה מחויבֿ?!“ — ה' י. עלזעט מאַכט מיך אויפמערקזאַם, אַז נ. סוקולוו הוט דעם אויסדרוק ערגעץ געשריבען: „כּמו שמחויבֿ“, האַלטענדיק קענטיק דעם „משה מחויב“ פאַר אַ פּולקסעטימולוגיע.

אף אײנעם, וואָס איז צו ווייך, זאָגט מען: „אַ דובֿר׳ מושעק“ (מיטטיילונג פון י. עלזעט).

מ'דערציילט, ס'איז געווען אַ „משה תּקיף“; וואָס איז ער געווען תּקיף? דאָס, וואָס ער הוט געוווסט, ער וועט נישט אויספירען, הוט ער נישט אָנגעהויבען! (מיטטיילונג פון י. עלזעט).

ה' י. עלזעט האַלט, אַז אַמאָל הוט געמוזט זיין אַ רעדענסאַרט: „משה טרוד“ (אף אַ פאַרטיענעם מענטש), און איבער דעם הוט זיך דער מהר״ם מינץ אָנגעשריבען: „משה טרוד, משה הלוי מינץ“, און „בחנם הוט זיך גדעמאַן געוווּנדערט („התורה והחיים“ III, הערה 13), וואָס ער הוט זיך טופּעלט אונטערגעשריבען, דען „משה טרוד“, איז נישט געווען אַלס אונטערשריפט, נור אַלס ווערטעל, ווי אַ שטייגער „הטרוד מאוד“, און ער הוט זיך מיט דער רעדענסאַרט באַנוצט איבערהויפּט דערפאַר, ווייל זיין נאָמען איז ווירקליך געווען משה“. —

8) אַדעסער אויסגאַבּ פון יאָר 1888, ז' 108פ. —

9) אַלע ווערק (וו. 1911) II 25. —

10) „מומענט“-אויסגאַבּ 1913, VII 122. —

11) דורטען II, ז' XVII . —

12) אין מיין ביבליוטעק הוב איך „אַגאַנץ נייע מעשה פון לאָקשין מיט יוך איין זעהר שעהנע גישיכטע ווי אַגאַליצישער ייד האָט גיוואָלט עסן אין אונגאַרין לאָקשין מיט יוך אינ וואָס עס האָט זיך מיט אום פּאַסירט“ (לעמ. 1889). — ס'איז אַנ'אויסגעצייכנטע פולקסהומורעסקע, אינגאַנצען געבויט אף מיספאַרשטענדענישען, וואָס קומען אַרויס פון וועגען די פאַרשידענקייטען צווישען די גאַליציש־יידישע און די אונגאַריש־יידישע מונדאַרטען. — אין אונגאַרן הייסען „לוקשען מיט יויך“: „זופּ מיט נאָדעל“. —

13) איגנאַץ בערנשטיין 1967. — 14) דורטען 1966. —

15) א. ב. 1001. — „ווינטשפינגערעל“ („ייד. פ-ב.“ II) 78: „דיא בייזע שעה זאָל נישט זיין — אונ מען זאָל גאָר אַרייננפאָהרען מיט דעם דישעל אין דער שיסעל לאָקשען“... —

16) צ. ב. אין קרעמעניץ, וואַרשע. —

17) א. ב. 1480 דערקלערט, אַז דאָס ווערט געזאָגט „פון זייער אַנ'אָרעמע סעודה“. —

18) אַדעס 1870, ז' 12. — 19) א. ב. 1965 —

III

20) „דאָס ווינטשפינגערל" („ייד. פ.-ב." I) 33: „אַלסדינג, וואָס אַ באָרד זאָגט, איז תּורת לאָקשען". — „די טרייסט פון דעם הימעל" (לעמ. 1891) 5: „דאָס אונז תּורת לאָקשון". — בן-עמי, „די ערשטע נאַכט פון חנוכּה" 6: „און האָבען געמיינט, אַז דאָס, וואָס יענקעלע זאָגט, איז טאַקי תּורת לאָקשען" — ש. ב., „מאַרקוס דער בוכהאַלטער" (וויל. 1904) 18: „זיא האָט מאמין געווען אין דעם, אַז דאָס איז תּורת לאָקשין". — ש. לעדערער, „דער שרעקליכער פערברעכער" (וויל. 1897) 11: „איך האָב נאָך אין מיין לעבען אַזאַ כּשרע בהמה ניט געזעהן... ווען מען זאָגט איהר, מיינט זיא, עס איז תּורת לאָקשען"... — א. ב. 185: „אמת ווי תּורת לאָקשען", זאָגט מען, ווען מ'וויל געבען אָנצוהערען, אַז איינער זאָגט אַ ליגען (א. ב. האַלט די רעדענסאַרט פאַר אַ פּאַראָדיע פון באַקאַנטען ווערטעל: „אמת, ווי תּורת משה")

פאַראַן נאָך שפּריכווערטער, אין וועלכע עס פיגורירען לוקשען: „דלות! קוך לוקשען. — ניטאָ קיין אייער" (א. ב. 1006); „טעגור בחטין והודה לו בלוקשען" (א. ב. 1735). —

21) ליפ.: „לוקשענטופּ" („פענדעל, טופּ צו דעמפּען פלייש"). — זע אויך אויוּוען אָנמ. 4. — „דאָס חסידישע יינגעל" 109: „אַ יודענע איז גע-גלעכען צו'ן אַ לאָקשענטאָפּ: היינט ריקקט מען איהר אין טשולענט און מאָרגען איז שוין נאָכ'ן קוגעל".

א. ב. ב' 686: „גוטס נסים — דריי לוקשענטעפּלעך איבנאַנדערן" (זאָגט מען, ווען איינער ווונדערט זיך איבער אַ נאַרישקייט).

באַ האַרק. הייסט עס: „קוגעלטופּ". — „ייד. פאַ-פסח" 175: „טשאָלענטטעפּליך און קיגעלטעפּליך".

אין באַרנוּוו (שעדל. ג.): „קוגעלשאַרבען" („זאַמ." I 17). אין אורלע (ווילנ. ג.): „טשערופּקע" און „טערלעטשקע" (= „קוגעלטופּ") [„זאַמ." I 16].

דאַל IV 610: tscherjep, „האַרט, שטייף, דין דעקעל"; „(באַ אַ מענטש, באַ אַ חיה) ביינערען דעקעל פון מח, שאַרבען". — tscherjepok (מ"צ: tscherjopki), „שערבעל, טייל פון אַ צובראָכען געפעס". — ליפ.: „טשערעפּ", פאַרטייטשט מיט tscherjepina, וואָס ווערט באַ ליפ. II אי-בערגעזעצט: „דער טשעריפּ, שאַרבען, דאָס שערביל". — הורוו.: „טשערעפּ" („הרש, חרס, שבר כּלי-יוצר").

„טערלעטשקע" — נישט רעגיסטרירט אין קיין יידיש ווערטער-בוך. —

22) דרייזין 222. — „ווינטשפינגערעל" („פ.-ב." I 20): „דערפאַר מאַכען זייא פון זיין כּבוד וועגען אַ לאָקשענקוגעל — שבת"... — „דאָס חסידישע יינגעל" 29: „נאָך דער דרשה האָט מען אָנגעשטעלט אַ טיש מיט אַלערליי מעדני-מלאכים:... און 2 טשולענט-קיגלען: אַ לאָקשענער, אַ געקנייטענער און אַ געבּלעטערטער"... — „יוסילע סאָלאָוויי" 61: „צוויי קיגלען, וואָס זי האָט געמאַכט: איינעם אַ לאָקשענעם לכבוד שבת און איינעם אַ בלעטערנעם אַ געקנייטענעם מיט ראָזינקעס לכבוד דעם גאַסט"... — „דער

עולם אין אמדור וכ׳. התוהוניק״ 22: „פאצי אפעט א האלבען לאָקשינעם קיגעל״. —

23) הארקאווי. — אין די איבעריקע ווערטערביכער נישט געבוכט. — „דאָס חסידישע יינגעל״ 93: „אין מיטען שטיב געשטאנען א לאָקשענברעט אויף א דיישקע״. — זע אויך „קיצור מסעות בנימין השלישי״ 48. — „דער פריזיוו״ 37: „זאָל מעגליך זיין, א שטייגער, א סוחר, אַ פּאָדראַטשיק וכדומה אין דעם קאָפּ אריינצוקוקען, וואָלט אזש אנגעהאפּט א שווינדעל, זעהענדיג, ווי א עס דרעהט זיך דאָרט פאר די עפּיס בוידעם-פּאָלאָטע, קאָטשערע-לאָפּעטע, לאָקשענברעטיל, אינדיקזוימען, קאטשקעפוטער, סוכה-שער אלע אין איינעם״...—

24) אין ווארשע שניידט מען לוקשען. —

25) אין „דער מאָדנער שוסטער״ (וו. 1894) 9. —

26) „לוקש״ איז אויך אַנ׳אופטער צונאָמען אין דער יידישער גאס. צ. ב. אין „בינטשע די צדקתטע״ 27: „ר׳ צדוק לוקש״.

ענדלעך, א זידעלוורט, אין טייטש נאר ווען איזיק נפתלי („סטעמפעניו״ 67) שאצט די קרעלען, וואָס דוווסי-מלכה הוט געקויפט „א מציאה״, אף זעקסטהאלבען קערבלעך, שיסט זי אויס ווי פון א הארמאט: „לאָקש!!! לאָקש איינער! בהמה בצורת פערד! אזא ביימש קארעללען — זעכסט-האלבען קערבליך?! משוגענע לעמעשקע, א שטומער וואָלט דאָך עס ניט אויסגע-רעדט אין א יאָהר! האסט אויגען צי גיין? נא, קוק זיך צו, דו אפגעריסענער נארר״! —

27) „נאר, נישטערבאקענער מענטש, דערשלאָגענער מענטש, לא-יצלח, אידיוט״. — אין קרעמעניץ, אין אופאלע, — אין סלאָנים: „לעקוש״. — ליפ; ליפ; 11 78, 407; הורוו.; הארק. דרייז.; 582. — אין „פישקע דעם קרומען״ (אד. 1888) 55 גלענצענדיקע כאראקטעריסטיק פון א „לעקיש״. — זול דער יוקאבעל שטאמען פון שורש „לעק״ מיטן פוילישען סיפיקס (וואָס הוט פעיוראטיווע פארב) -uś ? —

28) ═══ (אין קרעמעניץ, צ. ב.) צוקרוכענער, ווייכער, גארנישט-פארשטייענדיקער און צו-גארנישט-טויגענדיקער מענטש; נאר, שוטה, שוטה בן פיקהולץ, וויזתא, גולם, בהמה, אוקס, פערד, פערדישער קופ, איזעל, איזעלקופ, בוץ, שמענדריק, שוואנץ״. — אויך: „א געריכט פון געדעמטער קאשע״. — בא ליפ. (אין טייטש: „געדעכטע קאשע״); הארק. (אין טייטש: „נאיווער מענטש, נאר״) — זע אָנמ. 26.

פיר״ב 11 714: lemiszka, lemieszka (ביידע מונדארטלעך), „געריכט פון מעל מיט וואסער, געזוטען טייג, בריי, קליסקעס״; „קאשע פון גריטשענמעל, וואָס ווערט פריער געבראָטען (געפראזשעט)״. — lemięga, lemięcha (ביידע מונדארטלעך), אין צוויי טייטשען: a) ═══ lemieszka; b) „א לא-יצלח, א מענטש, וואָס טויג צו גארנישט, א לעקיש״. — די מהברים מיינען, אז lemieszka איז אפשר דאָס דייטשישע Leimmus.

בא הארק אויך: „יעמזשיק״ („נאר״). — פור״ב 11 793: (מונד-ארטלעך) łamzak, „בן-בליעל״; „אַנ׳אויסגעמאָגערטער אָרעמער ייד; פו

(מונדארטלעכען) lamza, „לא־יצלח" וואָס איז אפּצר דאָס דײַטשישע Lappsack (בוכשטעבלעך: „זאַק מיט שמאַטעס"). —

29) === „נאַר" (צ. ב. אין אופּאַלע).

אין אופּאַלע ווערט געברויכט אויך: „יאָליעש" (=== „א שוטה, א פערד, א פערדישער קופּ, אַנ׳ אייזעל, אַנ׳אָפּגעריסענער נאַר"), פון אייגענאָמען „יויל" (יואל), מיט דעם פויל. סיפיקס -uś. —

30) === „א צוקרוכענער, צעווורגעטער מענטש, א מענטש אָהן ענערגיע, א אומפעיקער, א שוואַכער, א שוואַכזיניקער, א פוילענדער, א לא־יצלח, א נאַר". — אין קרעמעניץ: „מיגעגי", (באַטונט די מיטעלזילב).

ליפּ.: „מעגעגע", איבערגעזעצט מיט: zjewaka (ליפּ. II פאַרטײַטשט מיט: „דער בולוואַן, בומוז, דיא מעגעגע"; דרייז.: „א בולוואַן, א מעגעגע"), rotozjej (ליפּ. II פאַרטײַטשט: „דער בומוז: באַלוואַ"; דרייז.: „א נאַר, א באַלוואַן, א פויל ער"), kopotunj (ליפּ. II פאַרטײַטשט: „דער פוילער ארביטאָרער, שלימעזאַלניק, קריכער"; דרייז.: „א פוילער ארבײַטער, א קריכער").

הורוו.: „מעגעגע" („עצל, נרפּה").

אין סלונים: „שמאַגעגע" (באַטונט די מיטעלזילב). — הארקאַווי: „שמעגעגע" (=== „נאַר, פאַרשלאָפענע מיצקע, פוילער").

אין אופּאַלע: „געגע", „א שטיקגעגע", „ס׳ א געגע!" (=== „גולם, נאַר, מוק, גליומב, שטיק גליומב"). —

31) === „נישט קיין גרויסער חכם, נישט קיין דרייסטער, א צוגעלייגטער" (אין אופּאַלע). — ליפּ.: „שמויגער" (=== „נאַר, לעקיש, תם"); הארק.: „שמייגער" (=== „איינער, וואָס לוזט זיך נאַרען, נאַר"). — בן־עמי, „די קינדערשע יאָהרען" :200: א, די שמויגעך בעזנאָסע! א, די קל פּה׳ניק"! —

32) === „נאַר" (געהערט אין ווארשע). — אין פּעטריקווו, ראַדזין: „שמעגעדי" („איינער, וואָס איז נישט קיין טויגלעכער, זעט אויס קומיש, אז מ׳דערזעט אים נור, לאַכט מען שוין"). — אין ווארשע אויך: „א שמעגעדי מיט ציִמעס". —

33) === „נאַר".—ליפּ II זעצט־איבער fochfan: „דער בוץ, חוזק, לעקיש, פּעטעך" (דרייז זעצט־איבער fofan: „א נאַר, א לעקיש"). — ליפּ II זעצט־איבער ołuch: „דער חוזק, בוץ, פּעטעך" (דרייז.: „א נאַר, א חוזק").

„שטערענטיכעל" 44: „שעמט אייך, אלטער נאַר, שוטה, פּעטיך איהר". — ע בלאָשטיין, „יער גולם" (ווילנע 1896): „מאלע וואָס א נאַר, א פּעטעך רעדט" (17), „אזא פּעטעך, אזא גולם"... (22). — „אבן נגף" 187: „דו ביזט א טיפּיש׳ל, א שוטה׳לע, גאָר א פּעטוך׳ל"!...; „וואָס ווייסטו, פּעטוך איינערך"...

זול דאָס זײַן דאָס רוסישע pietuch („האָן")?

נאָך טינונימען פון „נאַר": „יאַנקל דונדיק" (ווארשע); „יוצמאַך", „מונץ" (קולנע); „לעפּיק", „פּלוכט" (קרעמעניץ);

„מוק" (װאַרשע, קאָלנע); „יולד" (װאַרשע, אַמדור); „מופס", „סטעי־דער" (אַמדור). — װעגן אַ פֿרױענצימער: „קאַלב", „קעלבעל" (װאַ־שע, אָפּאַלע, קרעמעניץ); „שטיק קאַלב" (װאַרשע, אָפּאַלע); „שטיק פֿלײש" (װאַרשע). — װעגן אַ שײנער אָבער נישט קלוגער פֿרױ: „אַ שטיק פֿלײש מיט אױגען" (װאַרשע, אָפּאַלע, אַמדור).

ליפּ.: „באָלװאַן, באָמוז, בוץ, גולם, דונדיק, מופּס, שוטה".

ליפּ. II זעצט־איבער falaljej: „דער שלימעזאַלניק, ליידאַק; בוץ, דונדיק" (דרײז: „אַ נאַר, אַ דונדעק, אַ ליידאַק"); bolwan: „באָלװאַן, באָמוז, בוק" (דרײז.: „בוק, גולם"); glazun: „באַמוז" (דרײז.: „אַ נאַר, אַ באַמאַז").

האַרק.: „באַלװאַן, בוק, גולם, דומקופּ, יונג, מופּס, פֿערד, שוטה, שמענדער־הונט".

הורװ.: „באַלװאַן, באָלװאַן, בוטש (בוץ), דוראַק, מופּס".

פֿי"ב I 91: bałwan; דאַל I. 111: bolwan. — דער װאָקאַבל איז פֿאַראַן אין אַלע סלאַװישע לשונות; די עטימאָלאָגיע נישט קלאָר; פֿאַרגלײַך אונגאַריש bálvány, ליטװיש bałwonas.

טיאַנדער 877: Mops, „מופּס" (הונט פֿון דער ראַסע "Canis fricator"; אין דער טײַטש אַריבער אױך אין די רוס. און פּױל. שפּראַכן); (מינדאַרטלעך) „נאַר, בהמה, שוטה".

ליפּ. זעצט־איבער „לעפּאַק": parjenj. — אין קרעמ. איז „לעפּיק" אַ אומגעשיקטער, אומגעלומפּערטער יונג, אַ ליימענער גולם, אַ בלײַערנער פֿױגעל, אַ נישטדערבאַקענער, אַ לעקיש. — פּו"ב II 6806: łepak, łebak „קופּמענטש, מענטש מיט אַ קופּ. אַ גוטער קופּ, אַ קלוגער קופּ". —

34) אָנגעשריבן פֿון לײב מאַטליס, געדרוקט אין װאַרשע 1883 (איבערגעדרוקט 1889 און 1911) און אין װילנע 1911. —

35) ש"ע, „אַלע װערק" (קר. 3 19) I 103. —

36) אַ פּראָװינצער ייִדענע, מיט אַ שײנעם, בילדלעכן און זאַפּטיקן ייִדיש, איז מיר אַמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד, האָט זי דאָס געטאָן אױף אַזאַ מין פֿײַנעם אופֿן, — געזאָגט: „כ'פֿאַל אײַך אַרײַן אין די רייד װעלן מיר האָבן אַ סך פֿרייד"... —

37) אױך אין װאַרשע. — האַרק. בוכט אױך דידאָזיקע טײַטש. אין יאָר 1920 האָט זיך אײַנגעבירגערט אין װאַרשע (און אין אַנדערע פּױלישיידישע שטעט): „לוקשען" = „דאָלאַרס" (מחמת די פּאַפּירענע דאָלאַרס זײַנען שמאָל און לאַנג). —

38) האַרק.: „צופּליבע". — י. ל. גאָרדאָן, „שיחת חולין" 15: „האָב עד היום אַ שנאה אױף דיא כּפֿל שמונה'דיגע ציפּליבע"... (זע אױך ז. 18). — ש. ב., „דער ריכטיגער שפּיגעל" (װיל. 1898) 7: „דער רבי האָט אים גישמיסן מיט די צופּליבע". — דיק, „בן־יחיד" 10: „אָן שטאָט אַלעקאַך פֿלעגט

ער אנידער לייגען לעבען אל״ף בי״ת אין צ ו פ ל י נ ק ע״ (זע אויך ז׳ 11).
פוי״ב I 622: dyscyplina, „דיסציפלין,... געגענשטאַנד צום שמייסען, ב ײ ט ש מ י ט צ ו ײ ר י מ ע ט ע ן״... — פון לאַטייניען disciplina, „לימוד, שולע״ א. אַ. וו. (אין מיטעללאַטייניִשען אויך: „ר י ט״). —
39) ליפ; ליפ. II 126; דריז. 28; האַרקאַווי.—הורוו.: „ק אַ נ ט ש י ג״.— האַרק.: „ק אַ נ ט ש ו ג״. — פויליש: kańczug, kańczuk (מונדאַרטלעך) kanczyk, „פלעכטעל (געוויינטלעך) פון רימעטען, אַ־ויפגעזעצט אַף אַ שטעקעל, געברויכט צו פערד און מענטשען; בײַטש (געוויינטלעך) פון רימעטען, נאַהאַיקע״... — פון טערקישען kamczyk.—אין וואַרשע. „ק אַ י ט ש י ק״. —
40) פיסק. 128. — אין סוקעלווע (שעדלעצ. ג.) איז פאַראַן אַ ווערטעל: „ק י ע ד י מ אַ ר י נ אַ ל ו ק ש י נ י י אַ ד ל אַ?!״ (פויליש). —
41) קוועטש אַף צווייטען טראַף. —
42) i אין דער ערשטער, געקוועטשטער, זילב לאַנג. —
43) געקוועטשט דער ענדטראַף — 44) געקוועטשט די ערשטע זילב. —
45) דאַל II 269 האַלט, אַז דאָס רוסישע „ל אַ פ ס ע ר ד אַ ק״ איז דאָסאײַגענע וואָס „ל אַ פ ש ע ר ד אַ ק״ און שטאַמט פון רוסישען „ל אַ פ־ ש אַ״ („לוקשען״)! —
46) ביידע פורמען געקוועטשט אַף דער ענדזילב. —

צום צווייטען דיאַלאָג.

1) ז׳ 32. —
2) ליפ.: „ק ו י ל י ט ש״ (== kalatsch); אויך ליפ. II, דרײַזין.
הורוו.: „ק ו י ל ע ט ש״ (== „חלה״); האַרק. (== „loaf of white bread“)

„זלידביצקער לעבענדע פאָטאָגראַפיע״ 26: „עס זענען דאָרטען געליגען אַפאָר דערוואַקסענע עטאַזשנע ק ו י ל י ט ש ע ן, פאַרדעקט מיט אַ רײַן ווייס חלה־טוכעל״. — „קיצור מסעות בנימין השלישי״ 35: „אין טאָרבע איז געלעגען פון כל טוב, ברויט, שטיקליך ק ו י ל ע ט ש, וואָס איז איבערגע־ בליבען פון שבת״... — „אבן נגף״ 185: „דיא קינדער האָט זיא צו שטיקלעך איי מיט ק יי ל ע ך געגעבען עד לחשבון״.—מ. ספעקטור, „עניים ואביונים״ (פעטערב. 1885) 183: „זיך געפיהרט יידיש מיט שבת, מיט יום טוב, מיט ק ו י ל י ט ש, פיש און קידוש״... — ישראל אַ ו ר נ ש ט יי ן, „גילגול שוחד״ (יאַס 1906) 30: „איך קויף געשווינד פיר 1 פר. ק ו ל י ט ש י ן אויף שבת״ (אַף ז׳ 32: „ק ו י ל י ט ש י ן״). —

3) ש״ע, „אלע ווערק״ (קר. 1903) II. — 4) ז׳ 25. —

5) „מאג. פון ייד. לידער״... (בערד. 1888) 57. —

6) אויס „זבארזשערס „מקל נועם״ II 178. —

7) אין ראדזין (שעדל. ג.) באקט מען אזא „פויגעל״ — אף ראש=השנה

אף הושענה-רבא באקט מען דורט א „לייטער״ (אזא מין חלה).

„דער ייד פארפסח״ 51: „דער פאר אָבער היט מען שטאריק דעם דאָזיגען מנהג: עסין א גוטען מיטאָג אונ אין דער יויך מוז זיין קרעפלעך, פון דעם טייג אויס פלעכטין ווי א לייטער״ (ערב יום כפור). —

8) פו״ב I 657: dzióbek. —

9) אין ראדזין איז „קויליטש״ דאָס לעצטע ווייסברויט, וואָס גיט נאר, פון ערגעטען מעל געבאַקען, אָהן א שום פורם. „קויליטשעס״ באַקט מען פאר׳ן המון, דערעיקרשט פאר פויערען וועגען. ווען א חלה געראָט נישט, זאָגט מען אין ראַדזין: „פע, ס׳איז מיאוס, ס׳איז קויליטש״! — פון געראָטענער חלה זאָגט מען דורט: „ס׳אי ליאכט ווי א פעידע, ווי אנ׳איעקינכע״ (ס׳איז לייכט ווי א פעדער, ווי אנ׳אייערקיכעל). — געפלוכטענע חלה הייסט דורט טאָקע אזוי: „גיפלוכטינג באלי״. —

10) „דאָס חסידישע יינגעל״ 30. —

11) „א קוילעטש חלה״ איז אנאַלוגון צו „א לאַבען ברויט״ און צו „א ברייטעל ברויט״ (זע מיין צי״וו I 120 פ.פ.). —

12) „אלע ווערק״, קר. 1903, II 29. — 13) פעטער. 1884, 20. —

14) „פ.=ב.״ I 44. — 15) 91. — 16) זשיטומיר 1875, 37. —

17) דורטען, ז. 19, הוט א „פארשוין״ אונטערוועגענס מיט זיך „עטליכע פאַרסושיעטע סוכערעס פון א גילען ראזיווען קוילעטש״. —

18) לעמ. 1909, I 98. — 19) ג״ב 3228, 513. —

20) אין ראדזין, ווען מ׳פירט דאָס פאַרפולק פון דער חופה, טאַנצט אים אקייגען מיט א ספעציעל דערצו אָפגעבאַקענער שיינער חלה איינע פון די גאר נאָנטע „טשיפקעווייבער״, דאָס רוב די מחותנתטע. די קלעזמער שפילען, און די יידענע מיט דער חלה טאַנצט — א קוזאַקעל. די חלה הייסט „סעודה=חלה״ און ווערט געטיילט בא דער חופהוועטשערע.

ד. בראנדשטעטער (איבערגעזעצט י רימאן), „מרדכי קיזאָוויץ אונ זיין חלום״ (ווילנע 1875) 26: „מיין שוואכע פעדער ענטזאגט זיך צו בעשרייבין זיין פריידע, ווען ער האָט גיזעהען זיין זוהן ארויסגייענדיג פון אונטער דער חופה מיט זיין יונגע כלה, אונ דיא אלטע קעכין דבורה האָט גיטראָגין פאר זייא אגרויסע קיטקע אונ האָט גיטאַנצט איבערין בלאָטע״...

וועגען מהות פון געבעקס, וואָס הייסט „קיטקע״, גיט אונדז א שטיקעל באַגריף א. מ. דיק אין „עוזר ציגקעס אונ דיא ציג״ 23: „דער נאָך האָט מען יעדערען בעזונדער געגעבען א קיטקע, געבאַקען אויף זאַפרען מיט ראָזינקעס להבדיל וויא אויף שבועות״ (שבת בא א גבירישען וואַרמעס).

אין קראָקעווער פּנקס פון יאָר 1595, ז' 70b: „דער סנדק, נאָך דער בעל ברית טערין קיין קוכן שיקן נאָך קיינרלייא בקנס חצי טאליר, וכן נייארט ק י ט ק י ז מאג מן שיקן דען נשים דיא דא בייא לידה זיין כנהוג". — ד. ה.: „ניִשט דער סנדק, ניִשט דער בעל-בריִת טאָרען ניִשט שיִקען קיין קוכען, ווי אויך קיין שום אַנדערע... (יאָ פּעלט, קענטיִק, אַ וואָרט) אונטער דער שטראָף פון אַ האַלבען טאַלער; אַלזוֹ, נור ק י ט ק ע ס מעג מען שיִקען די פרויען, וואָס געפינען זיך באַם קינדהאָבען, ווי דער שטייגער איז".

אין די ייִדישע ווערטערביכער איז „ק י ט ק ע" ניִשט רעגיִסטריִרט; אויך אין די דריי סלאַוויִשע ווערטערביכער, וועלכע כ'הוב אונטער דער האַנט. —

21) וואַרשע 1881, ז' 22. —

22) פּו"ב II 407. — די מחברים רעכענען, אַז דער וואָקאַבעל שטאַמט פון koło („ראָד, קרייז, עיגול"). —

23) „שלוש-סעודות". —

24) „קבצן-עושר-שפּיל" 50: „ביי אהרן בעל מחשבה אין שטוב פון פאַריִנט אין דעם ערשטין חדר... דיא ב ר י ק איז אָפּ גיוואַשין גאַנץ ריין". — „ערשטער ייד. רעקרוט" 15: „די ב ר ע ט ע ר, וואָס איז אויס ג י ב ר י ק י ר ט, זענען ריין." — דאָס דייטש. Brücke הוט ניִשט די טייטש „פּודלוגע" (זע זאַנדערס.) — דאָס פּויל. bruk (פון דייטש. Brücke): „די פּלאַטש פון אַ גאַס, פון אַ וועג, פון אַ פּלאַץ, געדעקט מיט שטיינער, הילצערנע קלעצלעך, אייזערנע פּליטעס, אַספאַלט" (פּו"ב I). —

25) „אבן נגף": „דאָס איינציגע הויז אין קליינין, וואו דיא ד י ל ע ן (פּאָדלאָגאָ) זענען איצט אויך מיט קויטה ניט אַנגעטרעטען, איז ר' לייזערס הויז" (63); „דיא ד י ל ע ן אַנגעטרעטען, ווי אין אַ מקום קדוש"... (88). — דיק, „ד"ר אונצייטיגער בעזוך" 56: „אויך האָט דיא פּ אַ ד ל אָ ג ע אין פאָדער-צימער גינוג גילייטין פון אים, דען ער האָט גראַדע גיטראָטין אייף דיא הוילע ד י ל ע ן"... („פּאָדלוגע" באַטייט דאָ דאָס גאַנצע, די גאַנצע באַדעקונג; „דילן" — די ברעטער פון דער פּודלוגע).—דרייז. 58: „אַ פּול, דיא ד י ל ע, אַ פּוסבודין". — זאַנדערס: Diele, „ברעט, דינער קלוץ"; „פּ ו ד ל ו ג ע, געדעקט מיט ברעטער אודער שטיינער, אודער געשלאָגען פון לעם"; „לוקאַל מיט אַזאַ פּודלוגע, באַזונדערס אַ פּורהויז". — זשו"ב זעצט פאַלטש איבער Diele אין טייטש „פּורהויז": „פּ ו ד ל ו ג ע"!

ליפּ., ליפּ. II, הורוו., הארק: „פּ ו ד ל ו ג ע" (אין קרעמעניץ, אין וואַרשע: „פּ ו ר ל י ג י", מיט ייד. באַטונונג); פּו"ב IV: pocłoga. — וולפּ. 144: „דער פּ ו ס ב ו ד ע ן"; זש"ב 83: „פּ ו ס ב ו י ד ע ן"; טיאַנד.: Fussboden. —

26) „די געג. וועלט" 24 פּ: „אָט גיט אהער איין אַנדער רענדיל, אָדער לעגט מיר צו דריי גילדין. א, גיטער בראַטאַניאַ, דעם רבין האָט איהר גיגעבין גיטע רענדליך אונ מיר אַ ב אַ נ ע מ י נ ס". —

צום דריטען דיאַלוג.

1) אין דעם גאַר נאָנטען עבר נוך הובען מיר באַשאַפען פולקסלידער וועגען אונדזער קליידונג. — צ. ב. (ג.-מ. ג׳ 52):

„אַ זון מיט אַ טאַטען, די טייערע בגדים
טוט אויס די כאַלאַטען, מיט די כשרע פּאָרעס,
מיט די פּאַסמעס און מיט די קנופּען...
לומיר וויינען, לומיר שרייען
צו דעם קייסער ניקולייען!״...

„כ אַ ל אַ ט ע ן״ דאָ = „קאַפּטענס, קאַפּוטעס״. — „פּ אַ ס מ ע ס״ איז קענטיק דרוקפעלער (אין דער לאַטייג. טראַנסקריפּציע: Tassmes). —

2) דעם גוטענייידענס פלוניתטע טראָגט „אַ סך ציעהרונג, קליידער, גאָלדגעשטיקקטע טופלילעך, בערליאַנטענע זאָקענבענדליך, אַ מאַנטעל אויף קאַטש-קענע קעפּליך״ (32); „אַ האַלז מיט דיא גרעסטע אָרליאַנער פּעריל, אפשר 20-שנירעלעך פּאר אַ מציאה, אין אין דער מיטט אַ ברילליאַנטענער בראָש מיט אַ רובין אין דער מיטט פין אַ געוויס וועלישען ניססעל דיא גרייס; אַ גאָלד-געשטיקט ברוסטיך מיט פּערעל אונ דיאַמאַנטען בעלעגט; אַ שטערענטיכעל, אַ פּאָרמואַר מ ו אַ ציטטערשפּילקע—לויטער בריליאַנטען אינ פּערעל, אינ אַ פּאָאר אוירינג, אין יעדען אַ ברילליאַנט פין אַ גרויסס האַזען ניססעל דיא גרייס, חוץ פינגערליך אויף אללע פינגער פין ברילליאַנטען, שמוראַקין אונ רובינען אינ אַ פּאָאר סאַמעטענע גאָלד-געשטיקטע טופלילעך מיט פּערעל אונ דיאַמאַנטען געזעטצט״ (121). —

3) וועגען „מ ת ו ש ל ח ס ה י ט ע ל ע״ — אין „ר׳ שמאיע״ 19 „אַ גאַנצע מעשה״: „עס וואַר אַזוי: מתושלח האָט גילעבט לענגער פאר אַלע מענשען, וואָס זענין גיוועזען אויף דער וועלט. ער האָט בענאַהע גילעבט איאָר טויזינד. בין פערשטייט זיך, דאָס דיזער הייליגער פאָטער האָט דער לעבט צו זעהן פין זיך זייער פיל דורות, זין, אייניקלעך, אור אייניקלעך, אור אור אייניקליך. עס וואַרין כמהאלפים. בין פאר שטייט זיך, דאָס ער וואַר איין גילאָרין צו יעדין ברית, אויף יעדער חתונה, אונ פאַר קערט, חלילה, ווען עס פלעגט איינער פין זייא שטאַרבין, פלעגט ער גיין נאָך דער לויה. ער פלעגט קומען מנחם אבל זיין. (ויהי) אונ עס וואַר, דאָ ער איז שוין אַלט גיוואָרין, ער האָט שוין קיין קראַפט גיהאַט צו גיין, פלעגט ער זיך שוין לאָזין באַנוגען מיט דעם, וואָס ער פלעגט אום צו בייטין ביי יעדען מאָל דיא היטלען. למשל, האָט מען אים אָן גיזאָגט, דאָס עס איז בייא אים גיבאָרין גיוואָרין איין אייניקעל, האָט ער אָן גיטאָן דאָס שטריימיל. האָט מען אים, אָבער, חלילה, אָן גיזאָגט, דאָס איינער איז גישטאָרבין, האָט ער אָן גיטאָן דיא קלאַפּאָווע היטעל. תחלת האָט ער זייא געביטען צוואַנציג מאָל אין טאָג, אונ דער נאָך, וואָס איאָר ווייטער, זיין דור האָט זיך פאר מערט, האָט ער אויך גימוזט מער אום בייטען דיא היטלין, ביז עס איז אים קורץ גיוואָרין דער טאָג. ער האָט שוין גיט גיקענט פאַספּעיען אַזוי פיל מאָל בייטין, ווייא פיל מאָל ער האָט גיהערט מזל

טובין אונ שמועות רעות, אונ האָט שוין ניט גיהאַט אַזוי פיל קרעפטין אין דיא הענט, דאָס ער זאָל צעהן מאָל אין אמינוט דיא היטעל אָן טאָן אונ אויס טאָן. איז ער גיקומען אויף אַזוי איין פאַל, דאָס ער זאָל מאַכין אגיטאָפּעלטע היטעל, דאָס הייסט, דאָס זיא זאָל זיין איין זייט אשבתדיקע אונ פון דער אַנדערע זייט אוואָכעדיקע. דאָס איז דיא ראַגאָיקענע היטעל. ער האָט דאָס היטעל גיטראָגין ביז זיין טויט. ער פלעגט זיך אַזוי נוהג זיין: האָט מען אים אָן גיזאָגט אמזל טוב, האָט ער איר גיגעבין אדריי מיט דיא אָגאַנקעס פאָרינט. האָט מען אָן גיזאָגט, חלילה, עפּיס, דאָס אקינד איז געשטאָרבין, האָט ער דאָס היטעל אדרייא גיטאָן מיט דעם אָגאַניק הינטען אונ מיט דיא קלאַפּעס פון פאָ־ענט״. —

4) אויך: „פּליצלים, זעה איך, קומט אינטער א געזונטער, א בעליבטער, א שיינער יוד אין א גרויסען ספּאָדיק מיט א פאַטשיילע אין דער האנד״ (57). — „דערנאָך טוהען זיך א לאָז שיינע יודען אין זיידענע קאַפּאָטקעליך״ (58). —

5) „ק ו ק י״ — פאַרגוויישונג פון „ק ו ק ע ן״; „ד י״ = do, פּויליש פאַרהעלטעניסוואָרט (= „אין״); „ל ו כ י״ — פאַרגוויישונג פון „ל ו ך״. —

6) „ברודער לידער״ — פון בערעל ב ר ו ד ע ר. —

7) דאָס „שטערענטיכעל״, „די געג. וועלט״, „קבצן-עושר-שפּיל״ הובען אפ׳ן לעצטען זייטעל נאָכ׳ן טעקסט דאָס סאַקראַמענטאַלישע „ג י ע ק ט״. — ליפּ.: „ע ק״ (= „דער ע ק, שפּיץ; סוף, אויסלוז״, בא ליפּ. II; konjec = „דער ע ק, שפּיץ, דער סוף״, בא דריי.); „ע ק ע ן״ (= „ענדיקען״); „ע ק ע כ י ג, ע ק ע כ ד י ג״; „ע ק ט י ק ע״ (=„לונגפעלער״). — ליפּ. II; kontschat = „קונטשען, ע ק ע ן, גומר זיין, אויסלוזען״ (בא דריי.: „קינטשען, ע ק י ן״); kontschatjsja = „ג ע ע ק ט, נגמר ווערען, אויס= לוזען זעך, שטאַרבען״ (בא דריי.: „ג י ע ק ט, נגמר זיין״); tschachotka = „דיא דור, אויסצעהרינג, ה ע ק ט י ק ע״ (בא דריי: „דיא דור, דיא אויס- צעהרונג, דיא טשאַכוטקע״). — הורוו.: „ע ק, ע ק ק ע ן (= ענדע, ענדיגען)״; „ע ק ע נ ד י ג״ (= „בעל-קצוות״). — האַרק.: „ע ק״ (= „ענדע״); „ע ק י ג״; „ע ק ע ן״, „ע ק ע ן ז י ך״. — זשוו״ב 99: „ע ק, אַ ב ע ק ע ן״. — אין קרעמעניץ: „אַ מאַנסי אָן אַ ב׳ ע ק״; „זול׳שן נעמין אַ ב׳- ע ק!״; „קריג די ע ק ט י ק ין!״ (קללה); „ס׳לעיבם ע ק צ א כ מ א״ („.. עקט זיך מיר״); „כ׳ו גימעינט, כ ׳ ע ק״ (= „... „כ׳גיי אויס, כ׳שטאַרב״); „ס׳אַ ז ע ק - יו ע ל ט!״; „כ׳זיץ באַר׳ן ע ק- ט י ש״. — לעק.: ecke, „שאַרף פון געיוער; שפּיץ; עק, קאַנט, ווינקעל״. —

צום פערדעז דיאַלוג.

1) געהערט צ. ב. אין ק ר ע מ ע נ י ץ, אין ו ו אַ ר ש ע וכ׳. —
2) א. ב. נ׳ 1096. — וואַריאַנט: „די לעצטע פאָר ה ו י ז ע ן זול״

מען פאַרזעצען"... וכו'. —

3) אין יאָר ת"י (1650) האָט דער „ועד הקהלית הראשיות במדינת ליטא" (יידישער סיים אין ליטע), פון וועגען כמעלניצקיס שחיטות אין אוקראַינע, גוזר געווען א באַגרעניצונג פון לוקסוס אויף א משך פון דריי יאָר, — לייענען מיר אין „פנקס המדינה" § 466 (פעטערבורגער אויסגאַבע, 1909, ז' 264):

„גילדן שטיק, גרעט זילבר, גרעט פליטרלך, שלעק גיהענג של כסף וזה' אפי' של זיוף — הכל אסור איסור גמור. כללא דמילתא שלא יעלה על נפש מישראל אם עשיר אם דל איש ואשה בחור ובתולה, שום מלבוש ושום בגד פשתן שיהי' בו חוטי כסף או חוטי זהב או פליטרלך כלל בשום אופן בעולם, הן ישינים והן חדשי', כל משך שנים זמן הנ"ל. זולת על הייפליך מותר לעשות כנ"ל. וכל מה שנאסר למעלה במלבושי' בבגדי פשתן רשאי' [מותר] לעשות על השלחן ועל המטה". —

4) ליפ., ליפ. II (39), הורוו., הארק, דריז. (77), זשוו"ב (189), „פריטשעפע" (אדעס 1876) 36, „דיא כלה איז אנטלאָפין" 6: „קולנער". — אין קרעמעניץ: „קאַלנאַ". — אויך פויליש מונדאַרטלעך מיט a: kałmierz, kałmirz (פוו"ב II 409). — ווײַסרוסיש (יש"ב 188): kaunier (-u- האַלב-וואָקאַל). —

5) וועגן וואָקאַבעל „האַרץ" — זע אַנעקס I. —

6) ליפ.: „ציכראַסטען זעך" („אויפקנעפלען זיך, אויפשפיליען זיך, ברייט עפענען אַף זיך דעם מלבוש"); ליפ II 325: „ציכראַסטען"; האַרק: „צוכראַשטשען" („אין-אומאָרדנונג-ברענגען"). — „פישקע דער קרומער" (אד. 1888) 125: „אין מיטען העלען טאָג זיך שפּאַצירן אויף דער גאַס אין עפּיס א פאַרשמאַלצעוועט חאַלאַטיל, צוחראַשטשעט און גאַרנישט". —

7) „פריטשעפ" 36. — בא ליפ., ליפ. II, הורוו., האַרק., דריז., וואָלף נישט רעגיסטרירט. — זשוו"ב 211 איז דאָס דייטשישע Manschette גרייזיק איבערגעזעצט: „מאַנישקע". —

8) אין וואַרשע, אין קרעמעניץ מיט לאַנגען וואָקאַל אין הויפּטטוניקען מיטעלטראַף. —

9) בא ליפ. II, דריז. איבערגעזעצט מיט „פורהעמדעל". — אין מילטשין: „פאָרעמדל", און (עפּטער) „ערצל" („הערצעל").—אין ווירושוו הייסט א מאַנישקע: „פורלאַגע". — דאָס דייטש. Vorlage האָט נישט די-דויזיקע טייטש (זע טיאַנדער). —

10) דרייזין 237: „מאַנזשעט" און „מאַנקעט". — האַרקאַווי: „מאַנשעט" און „מאַנקעט". — ליפ., ליפ. II (150), הורוו.: „מאַנ-קעט" (אויך אין קרעמעניץ; טרופ אַף ענדטראַף).— ווײַסרוסיש: mankiet; לעטיש: manschete (זשוו"ב 210 פ.). —

11) ליפ: „גאַטיעס"; ליפ. II 255: „גאַטעס, גאַטקעס" (און אויך: „פידשטאַניקעס, איניטערהויזען"); הורוו.: „גאַט-קעס"; האַרק.: „גאַטשעס, גאַטקעס"; דריז. 473: „גאַטקעס" (און

„אונטערהויזען"). — אין קרעמעניץ: „גאטיס, גאטקיס". — אין זשור"ב הערט Unterhosen פאַרטײַטשט: „תחתונים, גאטועס"(?) —

12) „עס פאסט איִם, ווי דעם הונט אַנ'ארבע כנפות" (א. ב. ג' 2761). —

13) פונקט ווי בערשאדער טליתים (א. ב. ג' 177). —

14) זע „מאַמעלשון" I 570. —

15) ליפ.: „פיקע" (= pike). —

16) ליפ., ליפ. II, הורוויץ. — דאַל IV: schtschogolj („פראַנט"). —

17) ליפ., ליפ. II 106: „היליטײַא" (=zlodjej, „פאַרברעכער"!), „היליטײַסקע", „היליטײַסקעקײַט"; הורוו. „הולטײַא", („רשע, עול, מרע, נבל"); דרײַז. 165: „הולטײַא, הולטײַסקע" (zlodjej, וכ'!); הארק.: „הולטאי" (= „טרינקער; שעלמאַק, לומפּ"), „הולטאיסטווו" („אומאָרענטלעכקײַט, אויסגעלאַסענקײַט, צולו־זענקײַט"). — פור"ב II 562: hultaj („אויסגעלאַסענער מענטש, שלעפּער; מנוול, אונמענטש, אויסוווּרף"), hultajstwo. —

18) אלטפּוילִיש מיט דער טײַטש: „טאַפּטע, מין זײַדענשטוף"; „דין באמוועללײַוועגט, פערקאל". — רוס.: kitajka („פּרוסט באַמוועלצײַג, תחלת טריב-געל, אַרויסגעפירט געוואָרען פון כינע"); kitajkowyj (דאַל II). — ליפ. II פאַרטײַטשט דאָס רוס. ה"ו מיט: „קיטאַי, רימע"; דרײַז. מיט: „קיטאיקע, נאנקע". — הארק.: „קיטײַקע" („nankeen"). —

19) ליפ., ליפ. II, הארק, דרײַז.: „ציץ"; הורוו.: „ציטץ". —

20) ליפ.: „קוועיט" = „קוויטקע" (מיט I), „בלימעל". — הורוו.: קווײַט, קוויטקע". — הארק.: „קווײַט". — „קוויטקע" איז דאָס רוטעניִשע kwitka (פּיסק.). —

21) זע „מאַמעלשון" I 71. — „ספר היראה" (לעמבערג 1792) 9: „זאל ויך אן קליידן אין איין טלית קטן דז איז איין לײַבשרדאקיל אודער ארבע כנפות מיט ציצית..." — „פּישקע דער קרומער" (אד. 1883): „פּישקע... אָנגעטאָן ווי א שטשאָגעל אין א שפּאָגעל נײַע טשערקאסענע קאַפּאָטע מיט נײַע שיך און זאָקען; אויפן קאָפּ א גרויס פּליסען היטעל און אויפן הארץ בלישטשעטע איִהם, ערשט נײַא פון דער נאָדעל, א לײַבצודאק פון הארט אָנגע־קראָכמאָלטען ציץ מיט גוויסע רויטע קווײַטען!" (35); „אלערלײַא קלײדער העמדער, זאָקען, כל-א מיני לײַבצודאקען, אלע סאָרטען תחתונים, קאַפּטענס, קאַפּאָטעס, אויך קאַלעכדיגע פעלפענע היטלען" (36); „א בהוריל אָהן א קאַפּאָטע, באָרפיס, אין א לײַבסערדאקיל מיט הויזליך לויפט ארײַן" (57); „... יאָסעליך, נאקעטע, באָרפיסע, מיט לײַבסערדאקליך"... (33). — „דאָס ווינטשפינגערעל" („פ.-ב." I 6): „דײַטש אונטערגעשלאָגען מיט חסיד, פראַק-ל לײַבסערדאק"... — „דער אקציזניק" 5: „לײַבסער־דיק". — „דער מעראַליאָהן" (אד. 1875) 4: „דוא ביסט אהאלביר דײַטש, אָהן איאַרמילקע גײַסטו שוין, דיא פאות ווערין אלע טאָג קירצער, אביסיל שפּעטער

וועסטו דאָס לאַפּציִרדעק אויך אַראָפּ וואַרפען איג אַנעק?״ — י. דרייזין, „דער לץ״ (וואַרשע 1882) 9: „לאה האָט איהם איינגעבונדען אין אַ כנפה פון זיין לייבסאַרדאַק עטליכע קערבלאַך“. —

22) יל״ג, „שיחת חולין״ 1:

„ליעבער לעזער! איך בעט אייך מחילה,
איהר זאָלל ניט פאַר איבעל האָבּין, חס וחלילה,
וואָס איך רעד אייך אין מיינע מעשׂיות
האַלב טייטש, פּאָלאָוינאַ רײַסיש“.

א. ב. ג׳ 1046: „האַלב דייטש — פּאָלאָוינע רוסיש“ (דער זאַמלער דערקלערט: „שערצהאַפט פֿון דער יידישער קליידונג אין רוסלאַנד, וואָס זי איז האַלב דייטש און האַלב רוסיש“).

דיק, „איינע פערדריִיענעס“ (ווילנע 1873) 40: „זיא האָט גירעט מיט איהם פּאַלאָוינע טייצעס, אינ פּאַלאָוינע רייִשעס“.—

23) פּוי״ב II ברענגט łapserdak („ייד. כאַלאַט, ייד. קאַפּוטע“), און מיינט ניִשט ריכטיק, אַז די עטימולוגיע איז: łapać („כאַפּען“) מיט serdak. — „דער קאָמיסיאָנער״ 28: „פערהאַנגען זעקס פּריצים, געהען זיי אויך אַלע אין סערדיקען״. — וואָלף. זעצט איבער serdak: „אַ לייבעל, אַ לייבהעמד“. —

24) באַ ליפּ. פאַרטייטשט מיט fufajka (= „דאָס העמדעל, לייבעל, האַרצליִבעל״, באַ ליפּ. II; „אַ האַרצלייבעל״, באַ דרייז.), און duschegrjejka (= „דאָס האַרצלייבעל״, באַ ליפּ. II; „אַ האָריק לייבעל״, באַ דרייז.). — באַ הורוו. איבערגעז. מיט „מעיל החזה, מעיל קצר״; באַ הארק.: waist („טאַליע“), jacket („יאַק, קאַמעזעלקע“). —

25) ליפּ.: „האַלזטיכעל״, = galstuk (= „דער האַלזשטיק״, באַ ליפּ. II; „אַ האַלסטוך״, באַ דרייז.). — הורוו.: „האַלזטיכעל״ און „האַלזשטיק״ (= „מטפחת-הצואר, צאורון״). — הארק., וואָלף 68: „האַלזטוך״. — דיק, „דער שדכן״ 40: „האַלדזטיכער״. — „דיא גרעפין איבער נאַכט“ [וואַרשע תרמ״ב (?) — 1885 (?)] 13, 29: „האַלצטיכער״. — קיטאַרוד (פּודול. ג.): „אַלצשטיק״. — טיִאַנד.: Halstuch („קראַוואַט״; „האַלדזטיכעלע, טיכעל אַפ׳ן האַלדז“).

סינונימען פון „האַלדזטיכעל“:

„שליפס״ און „שניפס״ (זע „קונס״. I 76). — „מאַמעלשון״ I 83: „שליפס״, „שליפסיע״ — ש. אַש, „מעריִ״ (פּעטערב. 1913) 246: „סאַוואַרין איז היינט אויסגעפּראַנטעוועט געווען אין אַ קראַגען מיט אַ שליפס“. — אין מילטשין (זוויל. ק.) איז „שניפּסל״ אַ פּורהעמדל!

„פאַווער״ (רוונע, שעפּעטווקע), „פוווער״ (בערדיטשעוו) [אייגענטלעך, אַ שלייף, פון אַ סטענגע, פון אַ טאַשמע, און אויך אַ קראַוואַט אין פורם פון אַ שלייף]. — ליפּ.: „פוווער״, = bant (= „דער שלייף, פוווער״, באַ ליפּ. II; „אַ שלייף, אַ פאַווער״, באַ דרייז.). —

פור"ב I: fawor, „חסד, גינציקייט, דאס גוטה זיין, פרוטעקציע, אונטער-שטיצונג" וכ' (פון לאטייניש favor), און (אלטפויל. און אויך יעצט מונדארט-לעך) „סטענגע (באזונדערס אפ'ן האלדז), טאשמע (באם העמד)", „פליור" (קרעמעניץ).

